STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13605

OYF FREMDER ERD

Israel Joshua Singer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

אויף פרעמדער ערד

Lipe Green
פריוואטע ביבליאטעק

1925
ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

I. I Zynger
OIF FREMDER ERD
(opowieści).

Drukarnia Wyd. Wil.
B. A. Kleckina, Wilno.

אינהאַלט.

זייט

1) אַלט-שטאָט (1923) 5
2) אין וועג (1922) 67
3) יידן (1923) 77
4) אויף דער פריי (1922) 91
5) אויף פרעמדער ערד (1923) 101
6) פּראָפ. אַרקאַדי גריצהענדלער (1923) 115
7) אין חדר (1924) 135
8) מאַמעס (1923) 147
9) אין הייסע טעג (1924) 161
10) בלוט (1924) 183
11) ליוק (1924) 247

פון זעלבן מחבר:

פערל און אַנה. ערציילונגען

ערד-ווײ (דראַמע).

אַלט־שטאָט

(1923)

1

פאַביאַן רייצעס ציט אַראָפּ די געשטוקעוועטע פילפאַרביקע קאָלדרע פון איבערן קאָפּ, ער ציט אַרויף דעם ראָליעט פון פענצטער און לאָזט אַריין אַ שטיק גרינלעכן באַגינען גלייך צו זיך אויפן בעטגעוואַנד.

די קאַנאַריקעס אין שטוב הייבן אָן זינגען אַלע מיט אַמאָל. נאָך פריער, דערשפירנדיק דעם אָנקומענדיקן טאָג, האָט איין קאַנאַריק נאָכן צווייטן געפרוואווט נעמען עטלעכע טרעלן, נאָר נישט זעענדיק קיין ליכט אַרום זיך, האָבן זיי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און איבער־געריסן הייזעריקלעך און אָפּגעהאַקט. איצט קוקט שוין דער טאָג אַריין דורכן פענצטער און ליגט אויסגעצויגן איבער דער שטוב פון דער אויבערשטער שויב ביז אַ האַלבער פאָדלאָגע — און זיי זינגען, די קאַנאַריקעס, אַלע מיט אַמאָל, ווי זיי וואָלטן אָפּריכטן אַ תּפלה צום מאָרגן און צו ליכט.

פאַביאַן טוט אָן דעם ברייטן מאָרגן־כאַלאַט אין קראַטן, ער שטעקט אָן אַ פּאָר קאַווקאַזער סאַמעטענע שטעק־שיך מיט זילבערנע בלעטער אויסגעהאַפטן, ער שטעקט אַרויס אַ צעשויבערטן קאָפּ דורכן געעפנטן פענצטער און צעגענעצט זיך הויך און עכאָדיק אין דער פרימאָרגנ־דיקער גרינלעכער גאַס.

אויפן קרומען צעהויקערטן מ אָ ר י ע נ ש ט אַ ט איז שטיל.

פון דער צעלייגטער ווייסל, וואו די גאַס וואַשט אירע שטיינערנע טריט, ציען זיך פייכטע נעפלען און לייגן זיך אויף לויטערע שויבן און גע־לאַטעטע ציגל־דעכער. פישטשענדיקע פייגל שניידן זיך זיגזאַגיש אין דער לופט און זוכן קלויסטערישע צלמים און אָפּגעבראָכענע רינעס. בלויז פון ווייט טראָגן זיך פאַבריקישע פייפלעך און פון דער אייזערנער בריק קייקלען זיך שווערע טעמפּע הילכן, פאַרראָסטעטע קרעכצן פון אייזן און אַרבעט. פאַביאַן שעפּט אויס די קוויטשיקע פייגלעך ביז זיי

שרייען זיך אויס, ער פּאַטשט עטלעכע מאָל הויך מיט איין האַנט אין דער אַנדערער און ער שרייט אַראָפּ צום טראָטואַר אַקעגנאיבער זיין פענצטער:

— זיידעשי, שוין טאָג! דזשאַדזשי...

נעבן קרומלעכן גאַז־לאַמטערן, וואָס שטייט אַ בלייכער, אַ צופּעליק ברענענדיקער אין גרינלעכן פרימאָרגן — הייבט זיך אָן באַוועגן עפּעס אַ קנויל און קנוילט זיך לאַנגזאַם אויס אין אַן איינגעבויגענער פיגור, אַ פאַרהילטער און צעהויקערטער. אַ ווײַלע שטייט די פיגור שטייף, פאַרחושט, ווי זי וואָלט נישט גלייבן דעם טאָג אַרום זיך, נאָר באַלד רייבט זי זיך איבער די אויגן עטלעכע מאָל, קלאַפּט אָן מיטן שטעקן אָן די שטיינער, אַ סימן אויף לעבן, און צעברומט זיך, גענעצנדיק:

— האַ, אַ אַ?.. האַ האַ האַ?...

פאַביאַן רייצעס לאָזט אַרויס אַ פול מויל געלעכטער:

— כע, כע, כא... אויפגעוועקט זיידעלע, הע?...

די אויסגעהויקערטע פיגור דעקט אָפּ דעם קאָפּ, באַווייזט אַ ווייסן קאָפּ קודלעס און ברומט אָן ציין:

— ווידער אָנגעניוכעט, די הינטישע לעבערס, אַ גאַנצע נאַכט געדרייט זיך...

פאַביאַן לאַכט שטאַרקער.

יעדן פרימאָרגן ווי ער וועקט אים אויף, דעם אַלטן נאַכט־וועכטער, זאָגט ער שטענדיק דעם זעלבן פּזמון. ער וויל זיך בשום־אופן נישט צוגלייבן, אַז ער כאַפּט אַ דרימל. ער איז זיכער, אַז דאָס „טשאַטעוועט" ער דאָס אַזוי אויף די גנבים, די הינטישע לעבערס, דאָס לאָקערט ער אַזוי, ווי אַ וואָלף, וואָס ער מאַכט זיך געפגרט, און ערשט דאַן, ווען זיי וועלן שוין זיין אין דער סאַמע מיט אַרבעט, ערשט דאַן וועט ער אויסוואַקסן, באַווייזן זיך.

פֿאַביאַן שאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ:

— צייט הינטערן אויוון, זיידעלע. לאַנג צייט...

גאָר דער אַלטער קלאַפּט מיטן שטעקן אָן ברוק, אַ סימן, אַז ער וואַכט, און ער זידלט אָן ציין:

— אַרומגעשמעקט, הינטישע לעבערס... אָנגעגניוכעט...

*

פֿאַביאַן רייצעס נעמט אַרויף זיין געקרייזלטן „פּודעל" אויף די קניען, ער ווישט אים אויס די אויגן פֿון שלאָף און צוואָגט אים אויס די געקרייזלטע געדיכטע גריווע.

יעדן פֿרימאָרגן צוואָגט ער אים אויס, דעם הונט.

פּודעל ברומט. ער האָט נישט גערן, אַז מ'זוכט בײַ אים פֿליי אין דער גריווע. ער וואָלט זיך איצט בעסער איבערגעקוילערט אַביסל אויף דער טיגרישער פֿעל, וואָס ליגט צעצויגן איבער דער פּאָדלאָגע, אָדער ער וואָלט זיך גאָר געפּרואווט די כּוחות מיט „באַלטאַזאַרן", דער סיבירער קאַץ... גאָר ער ווייסט, אַז דער באַלעבאָס זייגער גיט אים נישט פֿריער צו עסן, ביז ער רייניקט אים נישט אויס — זיצט ער געהאָרכזאַם אויף דעם באַלעבאָס קניען און פֿאַרמאַכט די אויגן פֿון לאַנגווייליקייט. ערשט, אַז מ'דרייט אים איבער די דינע אויערן אויף דער לינקער זייט, קאָן ער זיך מער נישט איינהאַלטן און צעוויינט זיך מיט אַ דין קינדעריש קולכל. גאָר פֿאַביאַן ציט אים אָן אַן אויער און סטראַשעט אים:

— ליגן, וואָרום כ'וועל נישט געבן קיין צוקער...

כּוליעט זיך פּודעל איין אינגאַנצן אין דרייען און ליגט אַזוי שטיל, אַזוי אונטערטעניק, אַז אַפֿילו אַ פֿליג שטעלט זיך אים אויף דער נאָז, פֿאַרגינט ער זיך נישט אַרויסשטעקן דעם לעקער און כאַפּן. בלויז דער

בויך זיינער ציטערט. דער רוקנביין באַוועגט זיך און אינעווייניק באַ
אים קאָכט כסדר:

— ברררר...

פאַביאַן קראַצט אים אויס די אויערן פון אינעווייניק, ער ווישט אים אַרום דאָס פייכטע געפרווירענע נעזל און ער הערט זיך צו צו די הייזעריקע קולות, וואָס רופן אים פון אַ ווייטן צימער:

— פאַניע פאַביאַניע! פאַניע פאַביאַניע-ע-ע!

פאַביאַן ענטפערט נישט.

דאָס רופן אים די פּאַפּוגעס זיינע, וואָס זיצן אין שטייגן אין דער לעצטער שטוב. יעדן פרימאָרגן וועקן זיי אים, כאָטש ער איז שוין לאַנג אויף, זיי רייסן זיך די גערגעס אויס ביז טויב ווערן, נאָר פאַביאַן ענטפערט זיי נישט.

ער איז בייז אויף זיי:

אַלע באַשעפענישן זיינע האָט ער אויסגעלערנט זיך האַלטן ריין. „פודעל" האַלט זיך גאָר ווי געהעריק. ער האָט זיך זיין קעסטעלע מיט זאַמד און ער ווייסט, ווי אַ קינד, אויב די טיר צו זיין „ערטל" איז פאַרמאַכט. מיט „באַלטאזאַרן" איז אים אָנגעקומען שווער, ביז ער האָט אים אויסגעלערנט געדענקען, וואו דאָס קעסטעלע שטייט. ער האָט אים געמוזט אָנשנעלן אַ סך מאָל אין דער נאָז, אויסציען די וואָנסן, נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך אויסגעלערנט, „באַלטאזאַר". די פּאַפּוגעס ווילן זיך באַ קיינעס פאַל נישט לערנען. זיי באַנוצן נישט קיין איין מאָל די קעסטעלעך, וואָס פאַביאַן האָט זיי אַוועקגעשטעלט, נאָר זיי מאַכן שטענדיק אונטער זיך, אָדער אים, פאַביאַנען, אויפן קאַפּעליוש, פונקט פאַרן אַרויסגיין אין גאַס. ער גייט דערפאַר אַריין צו זיי שפּעטער ווי צו אַלע זיינע באַשעפענישן און ער זידלט זיי פונדערווייטנס:

— שטיל, מאַלפּעס פאַרשאָלטענע... ששאַ...

אַז ער ווערט פאַרטיק מיט „פּודעלן“, נעמט ער זיך צו „באַלטאַזאַרן“.

„באַלטאַזאַר“ שטעלט זיך אַקעגן. ער איז אַ גרויסער, האָט פּעטע גלאַנציקע האָר, שטייפע וואָנסן און אַז ער ציט אויס די הינטערשטע פיס אין דער הייך, כאַפּט ער אַביסל ענלעכקייט צו אַ מאַלפּע. ער איז שוין באַ פאַביאַנען אַ צייט, נאָר ער וויל זיך אַלץ נישט אונטערגעבן — אַם ערגסטן איז באַ אים זיך לאָזן צוואָגן — און ווי נאָר ער דערזעט פאַביאַנען אין מאָרגנראָק און אין די שטעק־שיך — קורטשעט ער זיך איין אינגאַנצן אין אַ האַלבן בויגן, קוקט מיט גרינע אויגן דעם באַלעבאָס אין די אויגן אַריין און שטייפט די צעצויגענע וואָנסן.

פאַביאַן שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער „באַלטאַזאַרן“ און קוקט אים צוריק אין די גרינע אויגן אַריין. אַ ווײַלע שטייען זיי אַזוי ביידע אומבאַוועגלעך. ביידע שטייפן די פלינקע גלידער, ציטערן מיט די וואָנסן און קוקן זיך אין די אויגן, ווער ס'וועט פריער מיד ווערן. אַז ס'דויערט אָפּ אַ היפּשע ווײַלע און „באַלטאַזאַר“ גיט זיך נישט אונטער, פּרואווט פאַביאַן מיט גוטן. ער שטעלט אים אונטער אַ פאַרהויבענע קני, ווי ער וואָלט אים בעטן זיצן און רופט אים מיט אַ פינגער:

— באַלטאַזאַר... באַלטאַזערקו...

ער ווייסט, אַז דאָס העלפט נישט, נאָר ער בעט אים פונדעסטוועגן, אפשר וועט ער פּאָרט זיך אונטערגעבן. ערשט, אַ „באַלטאַזאַר“ קורטשעט זיך נאָך שטייפער איין, שטעקט אויס אַ פאָדערשטע לאַפּע — גיט זיך פאַביאַן אַ רוק צוריק און גיט אַ באַפעל צום הינט:

— פּודעל, פּסס...

פּודעל לאָזט זיך פייל אויס בויגן איבער דער שטוב און ברענגט צושלעפּן באַלטאַזאַרן באַם גרויסן עק.

איצט הייבט זיך ערשט אָן די „לערע“.

קודם כל גייט פּאַביאַן איבער „באַלטאַזאַרן" מיט די נעגל און די האָר טיף ביז דער סאַמע הויט. דערנאָך שנעלט ער אים אָן אַ צענדליק מאָל אין דער נאָז, ציט אים אויס די וואָנסן און פרעגט אים:

— גוט, באַלטאַזערקע?...

דערנאָך נעמט ער אַרויס דאָס קלעם-העלצל און טוט אים אָן אויפן ווײדל. באַלטאַזאַר פּאַרגייט זיך אין יסורים. דאָס קלעם-העלצל איז איינגעשפּאָלטן לענגאויס ביז דער העלפט און אַז מ'טוט עס אים אָן אויפן ווײדל, נעמט אים אַזאַ ברענונג אַרום, ווי מ'וואָלט אים אַרויפגעזעצט אויף אַן אָנגעגליטער פּליטע. ער בייגט אויס דעם פּיסק צום העלצל, וויל עס אָנכאַפּן, נאָר וואָס מער ער דרייט זיך, אַלץ מער דרייט זיך דאָס העלצל אַוועק און ער דרייט זיך אין קאָנוואולסיעס און יאָגט זיך אין אַ קײַלעכיק געיעג נאָכן אייגענעם איינגעקלעמטן עק. פּאַביאַן זיצט אויף דער שטול און קוקט אויפן זייגער, פינף מינוט צייט דאַרף זי אַזוי אַרומלויפן און ער קוקט גוט אויף די ווייזערס, די פינף מינוט זאָלן דורכגיין פּינקטלעך. דערווײַל רייצט ער אָן פודעלן אויף דער טאַנצנדיקער קאַץ, ער קוקט ווי די צוויי חיות יאָגן זיך אין אַ משוגענעם קרייז און ער סמאָטשקעט צו מיט די ליפּן:

— פּסס... גיכער... לעבעדיקער...

ערשט, אַז „באַלטאַזאַר" איז שוין אויסדרעסירט און ליגט מיטן ווײדל אין מויל אין אַ ווינקל שטוב — גייט פּאַביאַן אַרײַן צו די קאַנאַריקעס.

ער נעמט אַפּער די וואַנעלעך ברודיק וואַסער, אין וועלכן די קאַנאַריקעס האָבן זיך אויסגעבאָדן און גיסט אָן פריש וואַסער. ער שיט אָן געלן פּראָשעק אויף אַ מעת-לעת צייט שפּייז, ער רייניקט אויס מיט אַ פּלעדערוויש די שטייגלעך פון אומריינקייט און ער שמועסט זיך איבער מיט אַ יונגן קאַנאַריק:

— קאַפּעלמײסטער, טיו טיו... „פּיקער“, פּיו, פּיו...

פון אַלע קאַנאַריקעס איז „פּיקער“ בײַ אים דער ליבסטער. נישט לאַנג האָט זיך צווישן פאַביאַנס קאַנאַריקעס אַ „טשאַפּליאַק“ אַרײַנגעכאַפּט. אין מיטן בעסטן זינגען האָט אײנער זיך אָנגעהויבן קרעכן, ווי אַ הוסט וואָלט אים געשטיקט, און אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע מאָל:

— טשאַפּ... טשאַפּ... טשיפּ...

פאַביאַן האָט געהאַט עגמת־נפש. ער ווײסט, אַז די קאַנאַריקעס זענען ווי די װײַבער. זינגט אײנער רײן, זינגען אַלע אים נאָך; הײבט אײנער אָן „טשאַפּליען“, זינגען באַלד אַלע פאַלש. האָט ער זיך איבערגערעדט מיטן אַלטן נאַכט־װעכטער און יענער האָט אים געבראַנגט אַ קאַנאַריק אַ זינגער, אַז ער האָט דעם גאַנצן כאָר אים אָװעקגעשטעלט. פאַביאַן האָט אים ליב, ער שטעלט אים אונטער אַ פינגער צום שנאָבל, לאָזט זיך פּיקן אין נאָגל און רעדט מיט אים:

— קאַפּעלמײסטער, טיו טיו... „פּיקער“, פּיו...

די שטוב, וואו די קאַנאַריקעס האַלטן זיך, איז אַ גרויסע. דורך די פיר פענצטער, וואָס פון אַלע זײַטן װענט, רײַסן זיך עטלעכערלײ באַלײַכטונגען אַרײַן און צעטײלן די שטוב אויף רויטלעכע, גרינלעכע און גילדענע טײלן. אויף דעם נידעריקן געוועלבטן סופיט הענגען אַ סך פלאַכע טעלערס, פאַרביקע און בראָנזענע, און שפּילן זיך אין זונען־אויפגאַנג. דאָס װײכע נידעריקע מעבל, איבערגעצויגן מיט אויסגעשטריקטע פאַרביקע טשאַכאָלן, האַלטן זיך אין אײן בײַטן מיט די פאַרבן, ווי זײ וואָלטן זיך שפּילן אין יאָגעלעך, און די געדרײטע הירשעשע הערנער אויף די װענט פלאָנטערן זיך אין זילבערנע פאַזן שטויב. פאַביאַן זעצט זיך באַקוועם אַרײַן אין אַ שטול, ער גלעט איבער זײַנע געקרײזלטע שוואַרצע וואָנסן, וואָס קריכן אַפּער פון זײער באַהעלטעניש — פון אונטער אַ שאַרף שנאָבלעשער אָדלער־נאָז, ער פאַר־

לייגט זיינע שלאַנקע טאַנצמייסטערישע פיס איינעם אויפן צווייטן און נעמט זיך איינשטודירן דעם כאָר מיט זיינע פייגל.

ער פייפט מיט די ליפן, הייבט אויף אַ פינגער אין דער הייך, קאָמאַנדעוועט מיט אים, ווי מיט אַ דיריזשאָרן־שט קעלע און קלאַפּט צו מיט די פיס:

— טיו, טיו, טיו, ראַז... פיו, פיו, פיו... דוואַ...

די קאַנאַריקעס ווינקען צו אים טייל מיט די שנעבעלעך, טייל מיט די עקלעך, און צעזינגען זיך געדיכט און צוזאַמען. „פּודעל" יאָגט זיך נאָך אַליין אַרום מיט דער קאַץ, דרייט זיך אין אַ רעדל גיך און געשיקט, ציענדיק זיך מיט דער מאָרדע צום בכבודיקן קאַצישן עק, — און פון די ווייטע צימערן רייסן זיך די פּאַפּוגעס אויס זייערע געדערעס און שרייען ביז טויב ווערן:

— פאַניע פאַביאַניע־ע־ע!... פאַניע פאַביאַניע־ע־ע!...

II

אין „סטאַניסלאַוואָוקע" נעבן קלויסטער פון הייליקן יאַן זענען די קרעם־געפּאַרבטע טירן האַלבלעך געעפנט.

די קעלנערין אין ווייסן טשיפּיקל נעמט אַראָפּ די שטולן פון די טישלעך. די באַלעבאָסטע, די פאננא מאלגאשא אַליין, שטייט נעבן רונדן שפּיגל, זי דרייט אַרום אירע בלאָנדע קאַרבירטע קרייזלעך אַרום אַ דיקן ווייסן פינגער; זי באַטראַכט איר פולע בלוזקע ברוסט, שיער צו פּלאַצן, און אַ שמייכל, פול מיט זיכערקייט און גליק, צעציט איר קעציש קייַלעכיק פּנים פונם גוידערל ביז די הויכע „אויסגעברייליאַנטעוועטע" קעם אין איר שטייף פאַרקעמטן „גרעק".

פאַביאַן רייצ:ס לאָזט אַריין צום ערשט זיין „פודעל" אויפן קייטעלע דערנאָך זיך אַליין, און דערזעענדיק די פאַננא מאַלגאשא אויסגעדרייט צום שפּיגל, שאַרט ער זיך שטיל צו אויף די שפּיץ פינגער פון הינטערוויי-לעכטס, ער כאַפּט איר אַרום די דיקע איינגעפּרעסטע טאַליע און זאָגט צום גראַם:

— „געכאַפּט... געכאַפּט דאָס פייגעלע
„אין שטייגעלע...

די פאַננא מאַלגאשא, וואָס האָט גאַנץ גוט געזען אין שפּיגל פאַביאַנען מיט זיין הינטל, מאַכט זיך, ווי זי ווייסט פלומרשט נישט, ווער ס'איז און זי שרייט מיט אַ געמאַכטער שרעק:

— ווער איז, מאַריע הייליקע, ווער?...

פאַביאַן לייגט צו אַ פּאָר דינע ליפּן צוזאַמען מיט אַ שפּיץ געבויגענער נאָז צו די פלאַקסענע קרייזלעך אַרום ווייבערישן פולן קאַרק און אַנטלויפט הינטער זיך. ער גליטשט זיך פלינק מיט זיינע טאַנצמייסטע-רישע פיס איבערן קאַפּע, ער באַהאַלט זיך הינטער דער קעלנערינס פּלייצע און, ווייזנדיק מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז, בעט ער מיט אַ רחמנות-שטימעלע:

— ראַטעווע, קעצעלע מיינס!... ראַטעווע-ע-ע!...

די פאַננא מאַלגאשא לויפט אין דער ברייט, זי טרייסלט מיט די גאַנצע פינף פוד איינגעפּרעסט פלייש, סאַפּעט שווער און פּאַכעט מיט אַ האַנטיכל אין דער לופט:

— פע, אַלטער ביין! טפו, ווייבערניק איינער!...

פאַביאַן קלאַמערט זיך פאַר מורא אין דער קעלנערין; ער האַלט זי פעסט אַרומגענומען, ווי אַ קינד אַ מאַמען, און צעגייט זיך פאַר געלעכ-טער:

— „אוי, צעפּלאשעט דאָס פּייגעלע
„פון שטייגעלע...
„הע, דערשראָקן דאָס פּיקסעלע
„מיטן ביקסעלע...

ערשט, אַז פאנגא מאלגאשא לייגט אַוועק דאָס האַנטיכל און פאַרריכט זיך אַ ראָזע זאָקן־בענדל, וואָס האָט זיך באַם לויפן אַראָפּגעגליטשט פון גראָבן פלייש, זעצט זיך פּאַביאַן אַוועק בײַ זיין טישל און ער קלאַפּט מיט דער ביינערנער גאַלקע פון שטעקן:

— אַ קאַווע! אַ קאַווע מיט שמאַנד!...

דערווייל, ביז מ׳דערלאַנגט אים, נעמט ער אַרויס אַ מטבע פון טייסטער און וואַרפט אַריין אין גרינעם שפּיל־קאַסטן. דער שפּיל־קאַסטן קרעקט זיך איבער עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט אָפּהוסטן פאַרן זינגען, און צעגייט זיך אין אַ מאַזורקע. פון אויוון אויפן געזימס, הייבט זיך אַ מעשן פאָרל אָן צו באַוועגן, אַ מעשענער בארגמאן וואַרפט מיטן קאַפּעליוש, קנאַקט מיט די אָפּצאַסן; זיין מעשענע געליבטע פאַרהייבט דעם גרויסן מעוברתדיקן בויך און שטשירעט מיט די ציין. — פּאַביאַן קנאַקט מיט די פינגער, קלאַפּט צו מיט די שפּיץ שיך און, טאַנצנדיק זיצנדיקערהייט, האַלט ער אונטער אויפן קול:

— איי, דאנא, דאנא, הוהאַ, הואַ הא...

דערנעבן אויף אַ שטול זיצט פודעל און קוקט מיט געלע בליקן זיין באַלעבאָס אין די אויגן.

פּאַביאַן זאָגט אים מוסר, דעם הונט זיינעם.

ווי אַלע טאָג, האָט ער אים אַוועקגעשטעלט אַ טעצעלע מיט צוקער. נאָר „פודעל“ האָט נישט געוואַרט ביז ער, פּאַביאַן, וועט אָנהייבן טרינקען און געכאַפּט פריער אויס. חוץ דעם האָט ער געקייט הויך, מיט אַ קרומען ציטערדיקן פיסק און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ הונגעריקער

גאַסן־הונט קיין אַ ביין, פּאַביאַנעץ האָט עס אויפֿגערעגט, איז ער אים אַרײַנגעקראָכן מיט דער האַנט ביזן סאַמע שלונג, אַרויסגעשלעפּט אים דאָס צעקײַטע זיסקייט און אָנגעשמיטן אים מיטן רימענדל:

— אויסשפּײַען די מינוט, הינטישע נשמה אײַנע!... אויסמײַקען!...

„פּודעל" שאָקלט מיט אַן אויער, דאָס נעזל ציטערט בײַ אים. ער פֿאַרשטייט שוין אַליין, אַז ער האָט זיך שלעכט געפֿירט, אַז ער האָט נישט געדאַרפֿט אַזוי כאַפּן. ער פֿילט, אַז דער באַלעבאָס זײַנער איז גערעכט, פֿולקאָם גערעכט. נאָר ווי לאַנג ער דאַרף זײַן אין כּעס, קאָן ער מיט זײַן הינטישן מוח נישט אויסרעכענען. דערצו ליגט דער צוקער נעבן אים צעקײַט, ווייך, פֿול מיט סלינע און רייצט די שפּיציקע ציין. און ער לאָזט אַלץ נידעריקער אַראָפּ די אויערן, אַ סימן, אַז ער האָט חרטה; ער קוקט אויף יעדער באַוועגונג פֿון זײַן באַלעבאָס, כּדי צו וויסן וועלכעס אבער ער דאַרף אויסבאַהאַלטן פֿון אַ קלאַפּ, און ער הערט אונטערטעניק זײַנע שטראָף־רייד:

— די הויט וועל איך שינדן פֿון דיר, טײַוול קודלאַטער...

— צום היצל וועל איך דיך פֿירן, מאַלפּע פֿאַרשאָלטענע...

„פּודעל" לאָזט אײַנגאַנצן אַראָפּ דעם קאָפּ און דער ווייכער רוקן זײַנער הייבט אָן גיך בײַ אים צוקן. נאָר פּאַביאַן מאַכט זיך נישט דערפֿון.

ער זעט גאַנץ גוט, אַז בײַ פּאַנגאַ מאַלגאַשאַ באַווייזט זיך עטלעכע רויטע פֿלעקן אונטער די אויגן און די ברעמען באַוועגן זיך בײַ איר, אַ סימן, אַז זי גרייט זיך וויינען. תּמיד טרעטן בײַ איר אַרויס אַזעלכע פֿלעקן, ווי נאָר ער רירט אָן „פּודעלן". און איר צו להכעיס שטעלט ער אָן דעם גראָבן פֿינגער, ער שנעלט דעם הונט אין ווייכן נעזל און שרייט:

— רויק!... קיין פֿינטל מיט קיין שליפּיע...

פּאַנגאַ מאַלגאַשאַ קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן. זי לויפֿט צו צו

פאַביאַנס טיש, שטרעקט אויס אַ פּאָר פּעטע ווייכע אָרעמס צום געשלאָגענעם הונט און שרייט מיט אַ פּייכס פאַרטרערט קול:

— גייט, מערדער... כ'האָב אייך פיינט...

נאָר דאָ גיט פאַביאַן פלינק אַ ציִ אויס די דאָרע הענט און זעצט זי אַוועק מיט דער גאַנצער שווערקייט אויף זיינע אויסגעפּרעסטע קניען — און די פאַננאַ מאַלגאַשאַ בלייבט זיצן אוממעכטיק מיט איר גאַנץ ביסל פעטס, זי ווישט נאָר מיט אַ טיכעלע די אויגן און זי שמייכלט גליקלעך צו „פּודעלן":

— ליבלינג מיינער... מערטירער אומגליקלעכער...

פאַביאַן בלאָנזשעט מיט די שוואַרצע וואָנסן אַרום ווייסן ווייבערישן פּנים, ער גראָבט מיט די פינגער אין ווייכקייט און פאַננאַ מאַלגאַשאַ קוקט אים אויף די פינגער, זי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון גרינעם שטיין, וואָס ער טראָגט אויפן קליינעם פינגער, און זי נעמט אים אָן בײַ ביידע שפּיץ וואָנסן:

— דאָס פינגערל וועסטו מיר שענקען, פאַביאַנקו?...

פאַביאַן שפּייפּט די וואָנסן, ווי אַ קאָטער, און ברומט, סאָפּענדיק:

— אַז וועסט אַרויפגיין צו מיר, מויד איינע... אַז וועסט אַרויפקומען...

*

אַז דער גרויסער שלאָס-זייגער צעטראָגט זיין קופּערנע קלאַנגען פון זיין טורעמדיקער הייך, נעמט פאַביאַן „פּודעלן" אויפן קייטל און ער לאָזט זיך צו זיין געשלאָסענעם אַנטיקוואַריום, וואָס איז אויפן „מקום" נעבן דער אַפּטייק.

אויפן וועג באַגריסן אים די בעטלערס בײַ די קלויסטערס, שטעלט ער זיך אָפּ נעבן זיי. ער גיט זיי אונטער חשק:

— דאַוונט, דאַוונט, שעפּסעלעך...

און ער וואַרפט זיי קליינע מטבעות אין די פּאַרשוויצטע היטלען. ער שמייסט עטלעכע מאָל אַן „פּודעלן", הלמאי ער לאָזט זיך אַרומשמעקן פון כל־ערליי גאַסן־הינט און דראָט אים מיט אַ פינגער:

— „פּודעל", וועסט שוין שלאָפן מיט דער קאַץ, הערסט!

ער ציט דעם ברוינעם האָרטן קאַפּעליוש פאַר יעדער גוישער לויה, וואָס ציט זיך צו דער בריק אויפן אָרעמען צמענטער און ער ענטפערט גוט־מאָרגן אַלע, וואָס באַגריסן אים אויפן וועג. באַם אנטיקוואַריום וואַרט שוין אויף אים זיין מענטש, אַן עלטערער גוי אין אַ פּעלערין און מיט אַ מאַלעריש קעסטל אונטערן אָרעם, און פירט אַ העפלעכן געשפּרעך מיט דער קאַסירערין פון דער אַפּטייק, אַ גויע מיט אַ קאַלט לענגלעך פּנים. פּאַביאַן באַגריסט צום ערשט די קאַסירערין. ער קושט איר די קאַלטע האַנט, וואָס שמעקט מיט רפואות, און זאָגט צום גראַם:

— „שאַצונעטשעק,
„צאַלי וואָרעטשעק. . .

דערנאָך שטעקט ער אויס אַ האַנט צום מענטש זיינעם און באַגריסט אים מיט אַ וויץ:

— פּאַניע לעאָנאַרדאָ, —
מיענקא טשי טווארדאָ? . . .

דער גוי אין פּעלערין ווערט רויט פון האַלדז ביז די אויערן. ער איז אַ מאַלער, האָט אַן אַלטן מעדאַל, און הייסן הייסט ער אַן אמתן פּריצישן נאָמען: סטאַניסלאַוו זאַרעמבא. פּאַביאַן רופט אים קיינמאָל נישט באַם נאָמען. ער רופט אים מיט אויסגעטראַכטע נעמען און מיט מאָדנע גראַמען דערצו: אָדער ער רופט אים „לעאָנאַרדאָ" מיטן פאַר־נאָמען פון ד אַ ווי נ ט ש י, אָדער ער מאַכט חוזק פון זיין קונסט. ער רופט אים אָפט:

— פאַניע סטאַשו, —

מיסטרזש נא קשיוום פאָדאשו!...

אַמערגסטן האָט ער פיינט, ווען ער רופט אים מיט אַזאַ נאָמען אין געגנוואָרט פון דער קאַסירערין אין אַפטייק און ער לאָזט הענגען

פאַביאַנס האַנט אין דער לופט און ער רעדט צו אים אָפיציעל:

— פאַניע שעף, דערפאַר נעם איך נישט געצאָלט...

פאַביאַן גיט אים איבער דאָס הינטל אויפן קייטעלע, ער שליסט אויף

דעם אַנטיקוואַריום און זיי גייען שווייגנדיק אַריין.

זיי לעבן נישט גוט צווישן זיך, דער אַנטיקוואַר פאַביאַן רייצעס מיט זיין „מענטש", דעם מאָלער סטאַניסלאַוו זאַרעמבא. אַמאָל זענען זיי געווען חברים, גוטע חברים. נאָר דאָס איז שוין לאַנג. דעמאָלט זענען זיי ביידע געווען יונגע בחורימלעך, ביידע געוואוינט אין איין בוידעם־שטיבל אין קראָקע, ביידע האָבן זיי קאָפּירט גאַנצע טעג קלאַסישע בילדער און געמיינט, אַז זיי וואַקסן גרויסע, גאָר גרויסע קינסטלער. סטאַניסלאַוו זאַרעמבא האַלט זיך נאָך איצט אויך פאַר אַ גרויסן מאָלער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שוין אַ מענטש פון העכער פופציק יאָר און איז אַ רעסטאַוראַטאָר פון בילדער בײַ פאַביאַן רייצעס אין אַנטיקוואַריום, גלייבט ער נאָך, אַז ער וועט מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט די גאַנצע וועלט אויפרודערן. נאָר פאַביאַן לאַכט פון אים. ער גלייבט נישט, פאַביאַן, נישט אין זיך, נישט אין זאַרעמבאַן און ער קיצלט אים אָפט אין אַנגעבלאָזענעם בויך און ווינקט מיט איין אויג:

— סטאַשו, הע, סטאַשו!...

זאַרעמבא שווייגט אים נישט. ער רוקט זיך אָפּ פון אים, לאָזט נישט זיין מיט זיך צופיל פאַמיליאַר. ער גלעט זיך אָבער די גרויסע פּריצישע וואָנצן, אַן אָנצוהערעניש ווער ער איז. ער ווייסט אפילו בײַ זיך, אַז ווען פאַביאַן וויל, מאָלט ער נאָך איצט אויך עפּעס רעכטס. נאָר פונ־

דעכטוועגן שטעלט ער זיך אַוועק אין דער פּויזע פון אַ קונסטמייסטער צו אַ קונסטהענדלער און זאָגט מיט געציילטע ווערטער:

— הער רייצעס, דערפאַר נעם איך נישט געצאָלט...

דעם נאָמען רייצעס זאָגט ער אַרויס מיט אַ ווייכער איבערגעטריבענער האַלדז־ריש און צעצויגן, שטאַרק צעצויגן...

*

פאַביאַן שטייט אויף דער גאַליערקע פון זיין מאַגאַזין און פאַרהענגט גוט מיט אַ טעפּיך אַ העלפט פון אַ ווענעציישן פענצטער. ער ציט פעסט אַרום אַ העלפט שויבן, באַטראַכט גענוי, צי מ'קאָן גאָרנישט דערזעען פון די אַקעגנאיבערדיקע הויף־פענצטער און ער בעט העפלעך בא זאַרעמבאַן:

— סטאַשו, וועסט פאַרשטופן די שפּאַרעס פון טירל, אַט דאָ ליגט וואַטע...

זאַרעמבא רירט זיך נישט פון אָרט.

שטענדיק, ווייסט ער, ווען פאַביאַן פאַרהענגט אַזוי פעסט טיר און פענצטער אויף דער גאַליערקע, האָט ער שוין אַ שטיקל מיאוסע אַרבעט אָפּצוטאָן — עפּעס אַ טייער קונסט־בילד צו פעלשן — און ער רייניקט זיך געלאַסן זיינע פּענזלען אין טערפּענטין און ענטפערט נישט אויף פאַביאַנס רייד. פאַביאַן קריכט אַראָפּ פון פענצטער און פאַרהענגט אַליין דאָס טירל. ער שפּרייט אויס איבער דער פּאָדלאָגע אַ צעקנייטשטן און האַרטן לייוונט, ער קוקט זיך גוט איין צו די פלעקן, צו די קנייטשן, וואָס ער האָט אַזוי געוויסנהאַפט אויסגעאַרבעט אין לייוונט און ער ווינקט צו זאַרעמבאַן מיט אַ שפּיץ געקריזלטער וואָנסע:

— פיין אויסגעאַרבעט דעם זאַק, הא סטאַשו?... קלאַסיש, אמת, סטאַשו?...

ער איז צופרידן פון זיין אַרבעט, פאַביאַן. ער האָט אַ סך געאַרבעט בײַ דער לייוונט, ביז ער האָט זי געמאַכט אַזוי קלאַסיש אַלט. ער האָט זי געוויקט אין כל־ערליי זויערשטאָפן, געשמירט מיט וואַקס, געריבן מיט טערפּענטין, נאָר די אַרבעט איז אָנגעלייגט. דער טייוול אַליין וועט זיך נישט כאַפּן, אַז דאָס איז „געאַרבעט", און ער צעציט זיינע וואָנסן פון אונטער דער שנאָבלישער נאָז. ער שטעלט אויס אַ גאַנצע רייע פלעשעלעך פון כל־ערליי פאַרב און גרייס, ער לייגט אויס פּענזלען, גרויסע, קליינע, דיקע און דינע, אַזעלכע דינע, ווי די פּענעס. ער עפנט אויף סלאָיעקלעך טערפּענטין און ליאַק, לייגט אָן שטיקלעך וואַקס, חלב און ווערניק און הערט נישט אויף שמייכלען צו זאַרעמבאַן:

— וואָס פאַר אַ ליכטיקער טאָג, סטאַשו, גאָט אַליין הייסט היינט קאָפּירן...

זאַרעמבאַ גיט אַ בליק אויף פאַביאַנען און וואַרפט אַ פּענזל אין דער ערד.

דעם ערשטן מאָל, אַז פאַביאַן האָט אים פאָרגעלייגט, אַ חוץ רעסטאורירן בילדער, אויך קאָפּירן, האָט זאַרעמבאַ געכאַפּט דאָס קעסטעלע אונטערן אָרעם און געשוימט פאַר כעס:

— פאַביאַנקו, — האָט ער געשריגן — זאַרעמבאַ וועט עס דיר נישט מוחל זיין, פאַביאַנקו, מיין האָנאָר וועט עס נישט שווייגן.

פאַביאַן איז געוואָרן אַ ווײַלע אומרויִק. אים איז געקומען אויפן געדאַנק דאָס באַנטע פּאָליצײַ־צירקל און ער האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן, אַ סימן, אַז מ׳דאַרף עפּעס צוטראַכטן. נאָר באַלד האָט ער זיך אויפגעשטעלט קעגניבער זאַרעמבאַן און האָט אים אָנגעקוקט עטלעכע סעקונדן מיט זיין שאַרפן גלאַנציקן בליק, ווי ער איז עס געוואוינט צו טאָן מיט זיין קאַץ. זאַרעמבאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן, באַלד נאָך עטלעכע רגעס נישט אויסגעהאַלטן און געבליבן שטיין מיט אַראָפּגע-

לאָזטע אויגן און מיט אַ פּאָר איבעריקע הענט. — האָט פאַביאַן צוריק באַקומען זיין רויקייט און געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— סטאַשו, וועסט מאָרגן קומען פרי, נאָכמיטאָג וועט נישט זיין קיין זון...

צומאָרגנס איז ער צוריקגעקומען, זאַרעמבא, צוריקגעקומען פרי, ווי פאַביאַן האָט אים אָנגעזאָגט.

זאַרעמבא ווייסט, אַז אויך איצט וועט ער עס „טאָן". און ער קוקט מיט טריבע אויגן אויף פאַביאַנס יעדער באַוועגונג, ער באַטראַכט זיינע שוואַרצע שאַרפע אויגן, זיינע געקרייזלטע לאַכעדיקע וואָנסן און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן צום אַראָפּגעוואָרפענעם פענזעל און מורמלט דורך פאַרהאַקטע ציין:

— יודאַ... יודאַ טייוולשער...

פאַביאַן קוקט אים גלייך אין פנים, שמייכלט מיט זיין שנאָבלעשער נאָז, וואָס אָט, אָט, דאַכט זיך, פאַרלויפט זי אים אין מויל אַריין, און רעדט געמיטלעך:

— רעג דיך נישט אויף, סטאַשו... מיר מאַכן היינט אַ „רובענס", אַן אָריגינעלן רובענס, — און רובענס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוטן הומאָר... מיט גאָר אַ גוטן הומאָר...

III

פאַביאַן זיצט באַם פענצטער פון אַנטיקוואַריום, בלאָזט מיט אַ רערל אין פייער און קוקט אויפמערקזאַם סיי אויפן ביסל צעשמאָלצענעם גאָלד, וואָס שלענגלט זיך אין אַ שיסעלע, סיי אויפן בלויליכן פלעמל, וואָס יאַנצט אים פאַר די אויגן. נעבן אים אויף אַ פּאָטעל זיצט „פודעל"

אויף די הינטערשטע פיס, קוקט זיך צו מיט מורא צום בלוילעכן פייערל און גיסט כסדר.

ער האָט אַ טבע, פּאַביאַן, אַלץ אַליין צו טאָן, אַליין צו פאַרריכטן, אַליין מייסטרעווען. שמידן גאָלד האָט ער גאָר ליב. ער האָט הנאה זיך צוצוקוקן ווי דאָס גאָלד קאָכט, זידט און שלענגלט זיך און מוז זיך דאָך אויסגיסן אין דער פאָרם, ווי ער, פּאַביאַן, וויל. דערצו מאַכט ער קונצן מיטן רערל אין פייער, ווי אַ ייִנגל מיט אַ שטרוי אין זייפּנ־בלאָזן. דאָ גיט ער אַ בלאָז, ציט אויס דאָס פלעמל אין אַ רונדיק רעגנבויגן, באַלד בלאָזט ער שטאַרקער און פון רעגנבויגן ווערט אַ פאַקעל. אים קומט פאָר, אַז דאָס פייער ליגט בײַ אים טיף ערגעץ אין אינגעווייד, און ער בלאָזט עס אַרויס פון זיך ווי גאָר ער וויל: וויל ער — לאָזט ער עס אַרויס; וויל ער — שלינגט ער עס אַראָפּ. דערפאַר טאַקע, איז יעדער מאָל, וואָס עפּעס אַן אַנטיקל ווערט קאַליע, אַ קײ־טעלע רייסט זיך איבער, אַן אײַערל ברעכט זיך אָפּ, זאַמלט פּאַביאַן אָן שטיקלעך צעבראָכן גאָלד, אַלטן שמעלץ און שמידט. „פודעל" שאָקלט מיט די אויגן אויס מורא פאַרן פייער און הערט נישט אויף גיסן. ער האָט נישט גערן דעם ריח פון חלב און צעלאָזטן גאָלד. עפּעס קיצלט אים אין דער נאָז און דער מאָגן קאָכט בײַ אים כסדר.

— ברררר... ברררר...

פּאַביאַן באַרויקט אים:

— לייד, „פודעל"! פון גאָלד מוז מען ליידן, ס'איז אַן איידעלע מאַ־טעריע...

„פודעל" פאַרהייבט דעם האָריקן ווײַדל, ווי ער וואָלט איבערטראַכטן דעם באַלעבאָס רייד, נאָר דערווײַל עפנט זיך די טיר און דאָס גלעקל הייבט אָן ציטערן — שפרינגט ער אַראָפּ פון זיין פאַטערשטול און צעפילט זיך מיט שרעקלעכע קולות. דאָס קומט דער גלח געגנסטי, דער

רעקטאָר פון גלחישן סעמינאַריום, וואָס איז אין שכנות מיט פּאַביאַנס אַנטיקוואַריום. „פּודעל" קען אים אייגנטלעך גאַנץ גוט: ער קומט אָפט אַריין אַהער זוכן אַנטיקן, נאָר ער קען נישט פאַרטראָגן זיינע לאַנגע פּאָלעס און ער בילט אויף אים. פּונקט ווי אויף די יידן די הענדלער, וואָס קומען צו אים אין הויף. פּאַביאַן נעמט אָן „פּודעלן" בײַ אַן אויער און בייזערט זיך אויף אים אין אַ זייער ערנסטן טאָן:

— שוויַיג, אַטעיסט אייגער! דרך־ארץ פאַר אַ הייליקן מאַן...

דער גלח געגנסטי פאַרהייבט די פּאָלעס, דער הונט זאָל אים נישט איינבייסן און זאָגט צו פּאַביאַנען:

— אַזוי ווי דער באַלעבאָס, אַזוי דער הונט...

פּאַביאַן לאַכט מיט אַ קרומען שמייכל, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס צוגעטראַכט, אַ פיין המצאהלע געפונען. ער בעט דעם גלח זיצן אויפן פּאָטעל נעבן טישל — און ער אַליין זוכט אויס אַ בעזעמל פון אינדישקע־פעדערן געמאַכט, ער טוט אָן עפּעס אַ האָלענדישע יאַרמלקע אויפן קאָפּ, ער זאָל זיך נישט אויסשטויבן די האָר און נעמט זיך רייניקן די אַנטיקן פון שטויב. אין מיטן וואַרפט ער צו עטלעכע ווערטער געגנסטין:

— פּראָפעסאָר געגנסטי, ווייסט כאָטש אויף וועמענס שטול דו זיצסט?...

דער גלח געגנסטי גיט זיך אַ הייב פון אָרט און טוט אַ שווערן בליק אַרום זיך.

ער איז אַ יונגער נאָך, נאָר די הויט איז בײַ אים אַ ביסעלע אונטערגעבלאָזן, ווי בײַ מערסטנס די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע, און די אויגן זענען בײַ אים גרויס, לויטער און אַ ביסל נאַרישעוואַטע. דערצו האָט ער ליב אַלטערטימלעכקייטן. ער האָט גאַנצע קאָלעקציעס טאַבאַק־שקעטלעך, בורשטינען און הייליקע רעליקוויעס. ער האָט באמת הנאה ווען אים קומט אויס צו דערציילן צווישן די יונגע סעמינאַריסטן

זיינע, אויף וואָס פאַר אַן אַלטע ערטער ער איז געזעסן, אויף וואָס פאַרע היסטאָרישע מקומות ער האָט געטרעטן. — און ער קוקט דעריבער מיט זיינע לויטערע אויגן דאָ אויף דער שטול, וואָס איז פול מיט קריצערייען און שניצערייען; ער באַטראַכט דאָס צעריסענע געזעצל, פון וואַנען ס׳קוקן אַרויס פערד־האָר און שטרוי; ער כאַפּט אַ בליק דא אויף דער שטול, באַלד אויף פאַביאַנען און ער פרעגט אומגעדולדיק:

— אַ נו, נו, נו?... וועמענס שטול?... וועמענס?...

פאַביאַן פוצט אויס מיטן בעזעמל דעם הייליקן מאַטעוש די באָרד און זאָגט געלאַסן:

— וועמענס? — נו „פודעלס". ספּעציעל „פודעלס"!...

דער גלח געננסטי ווערט צעטומלט. אויף אַזאַ שטיקל האָט ער זיך גאָר־נישט גערעכט. אים פלאַמען די באַקן, די אויגן עפענען זיך אים נאָך ברייטער און אויפן פליך שלאָגט אים אַרויס אַ שווייס. ער וויל אַרויסברענגען עפּעס גאָר אַ שאַרף וואָרט און ער שטעלט זיך אויף אין דער גאַנצער הייך. נאָר פאַביאַן רייבט אויס מיטן בעזעמל אַ כינעזישן גאָט די נאָז און זאָגט העפלעך:

— גיב, אגב, אַ קוק, פּראָפעסאָר, אויף דער קאַפּאָטע פון הינטן, קאָן זיין, אַז „פודעל" האָט אָנגעמאַכט אויפן געזעס..

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ קורצן ברוגז, קריכט גלח געננסטי אַרום איבערן אַנטיקוואַריום, גראָבט זיך צווישן פאַרשטויבטע ביכער, צייכענונגען און נאָטן און שרייט אַריבער צו פאַביאַנען:

— פאַביאַניע, דער לאַטיינישער קאָדעקס איז פון אַן ערשטער אויפלאַגע צי פון אַ צווייטער?...

פאַביאַן שטייט אויף אַ לייטערל מיטן בעזעמל אין האַנט און שרייט צוריק:

— פון דער ערשטער, קאַכאַני, פון דער ערשטער...

גלח געגנסטי איז גליקלעך.

אין אַנטיקוואַריום איז אַן ענגשאַפט. הינקעדיקע פּאָטעלן פון כּל־ערליי סטיל און פאַרב וואַלגערן זיך צוזאַמען מיט אויסגעהאָפטענע טעפּיכער, פּערסישע, כינעזישע און יאַפּאַנישע. קאַנדעלאַבערס מיט אַראָפּגעבראָכענע גלעזלעך און צעקנייטשטע רערן ליגן אינאיינעם מיט צעבראָקלטע סקעלעטן און אַרכעאָלאָגישע ליים־כּלים. מאַיאָלענע קאָטערס און טיג־ריסן זענען מיט ברעסלער שפּיצן באַהאָנגען. מאַרמאָרנע ווענוסן ליגן צוזאַמען מיט בערדיקע אַפּאָסטאָלן און קאַפּוצינער. העלפאַנדביינערישע בודהאַס וואַלגערן זיך צווישן בראָנזענע מאַלפּעס און סאַטירן. היל־צערנע קרוציפיקסן ליגן פאַרפּאַקט צוזאַמען מיט אַלטע פידלען און נישט צענזורירטע באָקאַטשאָס...

ער זוכט, געגנסטי, נישטערט. ער דרינגט אַריין מיט די גרויסע אויגן, וואו נאָר אַ ביסל שטויב, וואו נאָר אַ ביסל שפּינוועבס און לייענט, לייענט דאַטעס און אויפשריפטן, לאַטייניש תּפלות און גריכישע טראַ־געדיעס, העברעישע מגלות און אַראַמישע שריפטן. אַז ער קומט צו צו די קליינקייטן, צו די פאַרשיידענע ים־שיסעלעך, בורשטינדלעך, קיזלשטיינדלעך און אָפּגעשריפטע איברים פון כּל־ערליי היסטאָרישע פאַרשוינען, ציט געגנסטי איין זיין אָטעם און ווערט נאָך אויסגעצוי־גענער און אָנגעשטרענגטער.

ער שטייט איצט פאַר אַ געשעעניש: ער דאַרף עפּעס אַראָפּלאָזן אין דער טיפער הינטערשטער קעשענע פון זיין גלחישער קאַפּאָטע; אַראָפּ־לאָזן אַ קליינקייט, אַ טויזנטסטל חלק פון די אָנגעוואָרפענע אומגע־ציילטע קליינקייטן, און ער פילט ווי אויפן פליך טרעט אים ווידער אַרויס אַ שווייס.

דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט עס „געטון", איז ער געווען צערודערט עטלעכע טעג צייט. אים איז אויסגעקומען, אַז צו די פינגער זיינע האָט זיך צוגעקלעפּט עפּעס אַן אומזעבאַרע מיאוסע זאַך, אַ זאַך, וואָס ער וועט מיט קיין שום וואַסער מער נישט אָפּוואַשן. און ער פלעגט רייבן (טדר"י די האַנט אין דער סוטאַננע, ווי ער וואָלט וועלן אָפּרייבן, אָפּווישן עפּעס. חוץ דעם האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער, פּאַביאַן, קוקט אים צופיל אין די אויגן און שמייכלט אים אַזוי טיף אַריין אין לייבשיער ביז די נעגל פון די פיס. ער איז טאַקע אַ צייט נישט אַריינגעקומען מער צו פּאַביאַנען. נאָר אַז פּאַביאַן האָט אים אָנגעכאַפּט אין גאַס באַם אַרבל און געזעגט אין אַ זייער סוחרישן טאָן:

— פּראָפעסאָר גענסטי, ווילסט שוין גאָרנישט מער האַנדלען מיט מיר?... גאָרנישט בייטן?...

איז ער מיטגעגאַנגען, ווייטער געלייענט אויפשריפטן און, צוקומענדיק צו די קלייניקייטן, האָט ער ווידער עפּעס אַראָפּגעלאָזן אין דער הינטערשטער גלחישער קעשענע. פון דעמאָלט אָן „טוט" ער עס יעדער מאָל. ער איז נאָר איין זאַך נישט אינגאַנצן זיכער:

— ווייסט ער, דער כיטרער רוח, צי נישט?

און ער רייבט די פינגער אין דער סוטאַננע און פּרוווט פאַררעדן פּאַביאַנען די ציין:

— פּאַביאַניע — שרייט ער — וועסט מיר געבן דאָס פּאַרצעלייענע ליאַלקעלע. איך וועל דיר געבן דערפאַר אַ האָרן-שקעטעלע, אַן אַרבעט פון אַ יעזויטישער האַנטווערקערײַ פון ענדע זיבעצעטן יאָרהונדערט...

פּאַביאַן גיט אַ זייטיקן בליק, ער כאַפּט אויף לויטן קנייטש פון דער סוטאַננע, וואָס אַזוינס גענסטי דאַרף דאָרט האָבן אַראָפּגעלאָזן און שמייכלט צופרידן:

— גוט, גוט, געגנסטי לעבן, וועסט ברענגען, וועט מען זען...

ער רוקט אים אונטער יעדן טאָג פּל־ערליי נאַרישקייטן, וואַרפֿט אים אַריין אין דער קופּע זאַכן, וואָס בעטן זיך מ׳זאָל זיי „אַראָפּלאָזן“ און ער קוועלט דערנאָך פון תענוג, ווי אַזוי גלח געגנסטי רויטלט זיך און האָט אַזעלכע בולטע געוויסנסביסן, אַז אפילו אַ בלינדער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ שטיקל זינד.

גלח געגנסטי פּוצט די קאַפּאָטע, רייניקט זיך דאָס פּנים פון שטויב און לייגט צונויף אַ ביסל אַלטע שמות, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פון גאַנצן אַנטיקוואַריום. פּאַביאַן קריכט אַרום איבער די פּאָליצעס, ער ווישט אַרום אַ געגילטע ראַם פון אַ טיציאַן, ער וואַשט אויס בײַ אַ קינויגלעכן פּאַיאַץ אַ שפּיץ נאָז פון פליגן־אומריינקייט, ער רייבט אויס בײַ אַנדזשעלאָס „משה“ דעם שטויב פון דער צעקודלטער באָרד,

ער פּוצט אים אויס די הערנערלעך און טענהט צו אים:

— מאָשקע, צפּורקה האָט דיר אָנגעטאָן הערנער, מאָשקע?...

דער גלח געגנסטי ווערט אויפגעקאָכט. ער ציט זיך ווידער אויס אין דער לענג, פאַרהייבט גלחיש אַ פינגער אין דער הייך און שטיקט זיך:

— פּאַביאַן, דאָס איז... דאָס...

נאָר גלייך דערמאָנט ער זיך, אַז בײַ אים אין קעשענע ליגט אַ מיאוסע זאַך, הוסט ער אָפּ און פאַררעדט זיך, ווי ער וואָלט כלומרשט נישט געהערט פּאַביאַנס רייד:

— פּאַביאַנקו, — פרעגט ער — ווילסט מיך שטאַרק בארייסן פאַר די פּאָר בלעטלעך?...

פּאַביאַן פּוצט אַלץ „משהן“ די הערנער און זאָגט:

— אַ פלעשל מעד, קאָכאַני... אַ פלעשל אמתן בענעדיקטינער מיט דיר צוזאַמען אויסטרינקען.

דער גלח געבטי צעשמייכלט זיך פון די מציאות, וואָס ער האָט איינ־
געהאַנדלט און דראָט מיט אַ פינגער פאַר דער אויסגעשטויבטער נאָז:

— פּאַביאַניע, איי ביסטו אַ נאַשער... איי...

פּאַביאַן נעמט „פודעלך“ אויפן קייטל און גייט מיט געגסטין צום גלחישן
קאָנסיסטאָריום.

*

דער „מקום“ איז אין דער פולער פרימאָרגן־באַוועגונג.
די שמאָלע גאָטישע פענצטער פון די הויכע צוזאַמענגעקוועטשטע
מויערן דרימלען נאָך אַפילו נאָך די רווישיקע זינדיקע „וואַך־נעכט“
און קוקן אויף דער וועלט מיט ברודיק־פאַרהאָנגענע לײַלעכער
און מיט רויטע אונטערקליידלעך. אויף אַ קרומלעכן באַלקאָן, וואָס
נאַקעטע צעבּרעקלטע פרויען האַלטן אים אונטער מיט די קעפּ, לופטערט
זיך עפּעס אַ פּאָר צעהאָנגענע מייטקעס, אָנגעפילט די פּיס מיט ווינד.
נאָר איבערן גאַנצן ברייטן פּלאַץ מישט זיך אַלץ פאַר דער זון, טוקט
זיך, ציטערט, באַוועגט זיך און טומלט. געקוילעטע חזירים שטעקן אַרויס
פעטע געגאָלטע הינטערס צום בלויען הימל. פון קוישן ציבעלעס,
באָרקעס און מייערן שיילן זיך אויס רויטע ווייבער, געל־בערדיקע
יידן, ענלעך צו זייערע סחורות. באַם פּלומפּ, וואו אַן אײַזערנער לייב
גיסט שטראָמען וואַסער פון זיין ברייט צעעפנטן פּיסק, הירזשען דור־
שטיקע פערד און בייסן זיך אין די גריוועס, כדי וואָס פריער אַרײַנ־
צושטעקן אַ קאָפּ אין דער מאָכיקער קאָריטע וואַסער. יאַטקע־יונגען,
פאַרשוינען מיט ברייטע פאַרבלוטיקטע וועסטל־פלייצעס און פּיאָלעטע
פּנימער, קריגן זיך מיט צעוואַקסענע גוואַרדיסטן, שרייען מיט קולות,
דורכגעפרעסענע פון בראָנפן, רויך און זנות, און בעטלערישע געזאַנגען,

קוויטשיקע, דורכדרינגלעכע, רייסן זיך פון געדיכטעניש ארויס און שניידן זיך אין דער הייסער לופט:

— „מענטשן זאָגן, ס'איז פֿאַראַן אַ זון מיט אַ לבנה
„טאַר־אַראַ־ראַ־ראַם!...
„פֿאַר מיר איז עס גישט קיין מתּנה
„טאַר־אַראַ־ראַ־ראַם!...

פֿאַביאַן גייט שווייגנדיק נעבן גלח גענסטי, ער הייבט דעם קאַפּעליוש יעדער מאָל, וואָס פֿאַרבייגייענדיקע יונגע גלחימלעך באַגריסן זייער אויסגעשטויבטן פּראָפֿעסאָר, און זיין גאַנץ פּנים לאַכט באַ אים.

ער האָט עפּעס דערזען אויף דער גאַס: פון אַ ווינקל מאַרק, וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ שמאָל געסל באַרג אַראָפּ, האָט זיך עפּעס אַ בלאָנדע שטייף־פֿאַרקעמטע שיקסע באַוויזן און פֿאַרהאַלט אין וועג צוויי יונגע פֿאַרפֿעדערטע שוהטימלעך, וואָס גייען צוריק פון די „מקומער" יאַטקעס. זיי פּלאָנטערן זיך, די יונגעלייטלעך, ווילן אַנטלויפֿן, נאָר פון אַ צווייטער זייט שטייט עפּעס אַ זאַמדיקער שייגעץ און טרייבט זיי צוריק גלייך צו דער שיקסע אין די אָרעמס אַריין. פֿאַביאַן שלעפּט גענסטין באַם אַרבל, ווייזט אים אויפֿן בילדל און ווינקט צו אים:

— פּראָפֿעסאָר גענסטי, העט?...

גלח גענסטי קוקט אַוועק אָן אַ זייט, מאַכט אַ גיכן טריט און קלינגט אָן באַ אַ נאָכהענגענדיק דראָטענעם גלאָק, וואָס הענגט אַראָפּ איבער אַן אַלטן שטיינערנעם פֿאַרקאַן. פֿאַביאַן רייסט אָפּ „פּודעלן" פון די נאָכלויפֿנדיקע הינט און גייט אַריין אין גרויסן און שטילן גלחישן הויף.

אין גלחס שטוב איז קיל און שטיל, אַזוי שטיל, גלייך די גאַנצע קאָכעדיקע וועלט אַרום און וואָלט מיט אַמאָל איינגעזונקען געוואָרן.

די פאָרהענגלעך אויף די לויטערע שויבן ווייען מיט אַ מאָדנער קאַל־טער ווייסקייט, די טאַפּעטן אויף די ווענט זענען אין געגילטע בלעטער און דאָס געלע זאַמד מיט די וואַטענע מענטשעלעך, וואָס שטייען צווישן די טאָפּעלע פענצטער, זענען אַזוי פריש, ריין, ווי אין אָנהייב ווינטער בעת מ׳האָט זיי אַריינגעלייגט.

פאַביאַן זיצט באַם געדעקטן טיש, ער שפּיגלט זיך אין די אָנגעגאָסענע גלעזער, וואָס ווייזן אים פאַרשיידן זיין פּנים, ער באַטראַכט די גאָל־דענע שטראַלן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון ווײַן און מעד און שפּרייטן זיך איבערן זויבערן טישטוך, און ער הערט זיך איין צו גענסטיס רייד:

— פאַביאַנקאָ — מוסרט אים גענסטי — טרינקסט שלעכט... בענעדיק־טינער האָט ליב מ׳זאָל אים רייבן מיט דער צונג אין גומען, אָט אַזוי... און דערצו דאַרף מען כּסדר צובייסן האָניגברייטלעך...

אַז די גאָספּאָדיני נעמט אַראָפּ איין פלאַש, קאָרקעוועט אויף די צווייטע און ווישט גוט אויס מיט אַ סערוועטל דאָס פאַרבלאָטיקטע העלדזל, — צעפלאָנטערט זיך באַ גענסטין די צונג און ער הייבט אָן רעדן מיט אַ פּראָפעסאָרישן טאָן, פּונקט ווי ער רעדט צו זיינע סעמינאַריסטן:

— פאַביאַניע, — קרעכצט ער געמיטלעך — איך האָב מורא פאַר דיין גורל...

ער ווייסט נישט, גענסטי, צו וואָסער „וועלט" דער פאַביאַן געהער. שוין וויפל מאָל, ווי ער האָט געוואָלט דערגיין באַ אים, צו וואָסער געמיינדע ער איז צוגעשריבן. אַ מאָל דאַכט זיך אים, אַז ער דאַרף האָבן איבערגעגאַנגען צו זיי, צו די עוואַנגעלער. אַמאָל קומט אים אויס פּונקט פאַרקערט, אַז אויב ר׳איז איבערגעגאַנגען, איז עס זיכער צו זיינע, צו די קאַטוילן. ער האַלט פאַביאַנען פאַר אַ מענטש מיט פאַנ־טאַזיע, און אויב אַ מענטש האָט פאַנטאַזיע, איז ער איבערצייגט, קאָן

ער נישט געהערן צו זיי, צו די „טרוקענע אייזלען". נאָר אַמאָל קומט אים גאָר אויס, אַז ער האָט גאָרנישט געמוזט איבערגיין אויך, אַז ער איז נאָך פאַרבליבן באַ זיי — די לאַפּטערדאקעס. ער זעט, אַז פאַביאַן דרייט זיך אויס תמיד, ווען ער וויל אים אַריינפירן אין אַ שמועס און ער וויל אים פּאַקן:

— מיין זון, — זאָגט ער צו פאַביאַנען און הייבט אויף צוויי פינגער אין דער הייך — מיין זון, דער הונט האָט זיין בודע, דער פויגל זיין נעסט, און דער מענטש, דער קעניג פון די חיות, מוז האָבן זיין... — ווי שטייט עס געשריבן...

פאַביאַן נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש עטלעכע אילוסטרירטע פערוועדז־בילדער, עטלעכע נישט צענזורירטע צייכענונגען פון מאָנאַכן און נאַנעס און טראָגט עס אונטער גענסטיקן צו די אויגן:

— ווייסט, גענסטי, פון וועלכן יאָרהונדערט דאָס איז?...

גענסטי ווערט באַגאָסן מיט רויטקייט, די אויגן הייבן אָן באַ אים גלאַנצן און אַן אונטערשטע ליפּ ציטערט אים:

— פאַביאַניע... פאַב...

פאַביאַן מישט איבער עטלעכע בלעטלעך און באַווייזט אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אייל־בילד:

— זע, זע, גענסטיני, דאָס איז גאָר אַן אַנטיקל, איטאַליענישע אַרבעט...

IV

זונטיק אינדערפרי קאַרבירט זיך פאַביאַן אויס די האָר און די וואָנסן און גייט אַרום ביז מיטאָג מיט שאַטקעס אויף דעם קאָפּ און אויף די וואָנס.

זונטיק קומען געסט צו פאַביאַנען און ער גרייט צו אַלץ אין שטוב.

ער מאַכט אָרדענונג אין אַקוואַריום זײַנעם. ער בעט אויס דעם גלעזער־נעם גרונט מיט פֿרישע וואָרצלען, לייגט אַן פֿריש זאַמד און ריזל און קוקט זיך דערנאָך צו צו די גאָלדענע פֿישעלעך, ווי זיי גליטשן זיך פֿלינק אין וואַסער. ער כאַפּט אַ בליק צום שלאַנג, וואָס וויקלט זיך אין רונדן גלעזערנעם סלאָי און ער יאָגט זיך אויך אַרום נאָך די קראָליקעס און ים־חזירמלעך, ביז ער כאַפּט זיי. ער דאַרף זיי באַ־טראַכטן, צי עמיצער פֿון זיי האָט נישט אַמאָל געכאַפּט דעם פּאַרך אָדער אַן אויגן־קראַנקהייט, — און אויב יאָ, דאַרף ער גלייך אַרויסנע־מען דעם חולה פֿון די געזונטע און צומאַרגנס אינדערפֿרי אַראָפּשרייען צום אַלטן נאַכט־וועכטער:

— זיידעלע, פֿאַראַן אַ געבראָטנס הײַנט פֿאַר אייערט וועגן, דזשאַדזשו...

אַז ער ווערט פֿאַרטיק מיט אַלעמען, וואַשט ער זיך לאַנג אַרום, ער טוט אָן אַ געפּאַסטן פֿראַק, אַ ווײַסן אַטלעסענעם שניפּס און זעצט זיך אַוועק שמודירן מיט קאַפּעלמײַסטער „פּיקער“ די נײַסטע טרעלן.

„פּיקער“ האַלט מיט, ער באַווײַזט פֿאַרשיידענע קונצשטיקלעך און טרע־לעלעך און פּאַביאַן שטעלט אים אונטער דעם פֿינגער צו פּיקן און זאָגט אים קאָמפּלימענטן:

— פֿײַן, קאַפּעלמײַסטער, מײַנער... גוט, גוט „פּיקער“ געליבטער...

דער ערשטער קומט דער גלח געגנסטי צו גאַסט.

פּאַביאַן עפֿנט אים די טיר און לאַכט אים אַקעגן מיט די אַרומגעבאַנ־דאַזשירטע וואָנסן, דערשרעקט זיך געגנסטי עטוואָס, ווי ער וואָלט זיך טרעפֿן פּנים־אל־פּנים מיט עפּעס אַ קאָמעדיאַנט און ער כאַפּט אַ פֿינ־גער זיך צלמען:

— טפֿוי, פּאַביאַנקו, — האָסט דאָך אַ פּנים ווי אַ שד...

פּאַביאַן זעצט אים אַוועק באַם טיש, וואָס שפּיגלט זיך אין פֿאַרשיידענע

פֿאַרביקע פּלעשלעך און גלעזלעך, ער רוקט אים אונטער אַ קוכן, צע־שניטן אויף אַכט טײלן און זאָגט אים:

— עס, געגנסטי, עס. ס'איז פֿון פּאננא מאלגאשאס צוקערניע און פּונקט אַזוי פֿעט און זיס, ווי די פּאננא מאלגאשא אַלײן...

געגנסטי רויטלט זיך.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער כאַפּט טאַקע אַמאָל צופֿעליק אַ בליק אויף דער דאָזיקער פּאננא מאלגאשא תּמיד, ווען ער גײט פֿאַרבײַ איר קאַפֿע. אמת, אַז ער האָט עס נאָך קײנמאָל נישט געטאָן אין געגנוואַרט פֿון פּאַביאַנען, נאָר ער רעדט אַזוי, דער רוח, ווי ער וואָלט פֿון עפּעס וויסן און ער רויטלט זיך, געגנסטי. ער איז יומטובדיק, אַ גלאַט־אויס־געגאָלטער, אַ פֿריש־אָנגעטועגער און אַ גליקלעכער פֿון דער אײגענער דרשה, פֿון די אײגענע קלוגע רײד, וואָס ער האָט נישט לאַנג געהאַלטן פֿאַרן עולם פֿון דער אמבאנע אַראָפּ. אין דער נאָז שמעקט אים נאָך דער ריח פֿון חלב, ווײַרויך און ווײַבערישע קושן אין דער האַנט. ער פֿילט ערשט איצט וואָסער גוטן אײַנפֿאַל ער האָט געהאַט בײַ דער דרשה, חזרט ער פֿאַר פּאַביאַנען „די קלוגע רײד, וואָס ער האָט זײ אַרײַנגעזאָגט“:

— קינדער — האָב איך זײ געזאָגט — דער מענטש איז געגליכן צום באַרגמאַן, וואָס דראַפּעט זיך באַרג אַרויף. ער פֿאַלט אַ סך מאָל איבער דערנער און שטײנער, מאַכט זיגזאַגן, אָבער ער גײט אַלץ העכער און העכער. נאָר דער נאַר און בלינדער קאָן מײנען, אַז ווען מ'פֿאַלט אײנמאָל, מוז מען שוין פֿאַלן אַלץ טיפֿער און טיפֿער ביזן אָפּגרונט...

פּאַביאַן שטײט בײַם טיש, שמײכלט מיט די פֿאַרבאַנדאַזשירטע וואָנסן און קאָן זיך נישט קײן עצה געבן מיטן געבראָטענעם האָז, וואָס וויל נישט שטײן אויפֿן פּאָלימעסיק. אים גײט אין דעם, אַז דער האָז זאָל

שטיין איינגאַנען ווי אַ לעבעדיקער. דער האָז שטייט, אָבער אַ ביסל שליימזלדיק, אַ צוגעברענטער, אַ פליישיקער, אָנגעפילט אינגאַנצן מיט האַרטע אייער, שטייט ער שוואַך אויף זיינע דינע געבראָטענע פיס, דאָס זעמל־קעשעלע אין מויל האַלט ער קרום, לעקישעוואַטע. דערצו איז אים צופוסנס אונטערגעגאָסן אַ ביסל סאָס, וואָס זעט אויס, ווי ער, דער האָז, וואָלט גאָר וואָס נישט קיין שיינע זאַך אָפּגעטאָן, — און ער שטייט אַ פוילינקער, אַן אומגליקלעכער און קוקט מיט קרומע אויסגע־רונענע אויגן אויף דעם מיאוסן שטיקל אַרבעט זיינעם... פאַביאַן האַלט

אים אונטער. ער טרייסט אים מיט אַ גראַם:

— לאָז נישט אַראָפּ דאָס נעזל,

מיין העזל...

נאָר, אַז ער וויל זיך אַליין נישט האַלטן, רייסט ער איבער געגנסטין די קלוגע רייד און בעט אים:

— פּראָפעסאָר לעבן, האַלט דו „אים" אונטער בײַם הינטערל, וועל איך אים אַוועקשטעלן אויף די פיס...

געגנסטי שטייט אַ שייגעצדיקער, אַ פאַרוויטלטער און האַלט ערנסט אונטער מיט אַ גאָפל דעם האָז בײַם עק. פאַביאַן פאַרריכט אים מיטן כאַלאַט די פאַרשטע פיס און בעט געגנסטין דורך די פאַרבאַנדאַזשירטע וואָנסן:

— „זאָג" אים אַריין אַ ביסל, דעם נאַרישן האָז... זאָג אים, אַז מ'דאַרף נישט אַזוי „פאַלן" בײַ זיך...

אַז מ'קלאַפּט נאָך אַ מאָל אָן אין טיר, כאַפּט פאַביאַן גיך אַראָפּ די שפּאַטקעס פון די וואָנסן און לויפט עפענען. איצט ווייסט ער, דאַרפן קומען גוריען און ער איז העפלעך, קאָרעקט. נאָם ערשט קומט זאַרעמבאַ מיט זיין ווייב, באַגריסט זיי פאַביאַן גאַלאַנט און פירט זיי אונטער

דער האַנט צום געדעקטן טיש. באַלד נאָך זיי קומט פאַננא מאַלגאַשא און פּאַפּיאַן שיינט אײַנגאַנצן:

— אַ, ביטע, ביטע...

תחלת זיצט דער עולם שטײַפלעך, געסט־מעסיק.

סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ ציט כּסדר באַ די קײַלעכיקע מאַנזשעטן פֿון זײַן העמד, וואָס זענען מיט ספּעציעלער גרישער שטײַפקייט אויסגעפּרעסט און זענען מיט רונדע און גרויסע ביינערנע ספּינקעס פֿאַרשפּיליעט. די וואָנסן זענען באַ אים פּריציש פֿאַרדרייט און ער איז געוואַלטיק העפֿלעך צו זײַן בלאָס אויסגעדאַרט ווײַב, וואָס איז גישט מער ווי אַ געוויינלעכע העפּטערין און אירע ביינערדיקע הענט קוקן אויס נאָך עלנדער און קרענקלעכער דורך די שמאָלע אויסגעהאַפּטענע אַרבל פֿון איר ענגער בלוזקע; זיי זענען אויס עפּעס גרינלעך. זי זיצט גלײַך, שטײַף פֿאַרקעמט דאָס קליינע בלאָנדע „גרעקל". זיצט מיט אַזאַ אָנגעבלאָזענער פּריצישקייט און דאַרער אויסגעצויגנקייט, ווי אַ מאַגעקען; די הענט אירע באַוועגן זיך אַזוי שטײַף באַם פֿאַרזוכן עפּעס, אַז זיי וואַקסן זיך כּמעט צוזאַמען מיטן גאָפּל... זאַרעמבאַ רירט זיך צו מיט אַן אַריסטאָקראַטישער פֿאַרזיכטיקייט צו יעדער מאכל, ווי ער וואָלט עס נישט שטאַרק צוגעוווינען. ער שלינגט אַראָפּ דאָס גאָזעדל, וואָס אים שלאָגט צו די ליפּן, קוקנדיק אויפֿן געבראָטענעם האָז, און ער דערלאַנגט זײַן פֿרוי אויפֿן טעלער מיט אַזאַ גראַציע, ווי אין דער אפּערע באַ קייזערלעכע מאָלצײַטן. — ער רופֿט זי גאָר „מאַמע":

— מאַמע — זאָגט ער — וועסט עסן סאַלאַט צי אוגערקעס?...

זי גיט אַ הייב אַ האַנט, ווי זי וואָלט איר געוועןן צוגעשרויפט אויף שרײַפֿלעך, און רעדט עטוואָס אונטער דער נאָז, מיט אַ האַלב פֿראַנצויזישן טאָן:

— אַ דאַנק, סטאַשו... פּאַטיגיר דיך נישט...

פאַננאַ מאַלגאַשאַ שוויצט. די שטייפקייט פון די זאַרעמבאַס ברענגט זי אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט. זי מיינט, אַז די זאַרעמבאַס דאַרפן שטאַמען פון גאָר די הויכע פענצטער. אַפילו דאָס, וואָס באַ פרוי זאַרעמבאַ זיינען אַזעלכע דאַרע הענט און אַן אַלטמאָדישע בלוזקע, געהער אויך צום בעסערן טאָן. זי פילט זיך דערפאַר זייער שלעכט סיי מיט איר פליישיקייט, סיי מיט אירע טוליענע מאָדישע קליידער. דערצו טשעפּעט זי פאַביאַן מיט די פיס אונטערן ט״ש און זי וויל גאָרנישט פאַרזוכן.

זי דאַנקט בלויז, ווי פרוי זאַרעמבאַ...

— אַ דאַנק... ביטע זיך נישט פאַטיגירן...

דער גלח געגנסטי איז אינגאַנצן רויט. אַזוי, אַז עס דאַכט זיך אַפילו, אַז אויפן קאַרק, אונטערן אויער, קאָן פון צופיל אָנגעשטרענגטקייט און בלוט אויפפלאַצן די הויט. די פאַננאַ מאַלגאַשאַ זיצט אים אַקעגנאיבער מיטן גאַנצן דעקאָלטירטן פעטס. ער פילט ווי דער פליך שוויצט אים, די באַקן פלאַמען אים, און דערפאַר אַליין רויטלט ער זיך נאָך מער דערצו לאָזט פאַביאַן נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג, לאָזט ער איינגאַנצן אַראָפּ די אויגן צום טעלער און פאַרריכט זיך כסדר דאָס סערוועטל אַרום האַלדז. ער נעמט אַ שטיק האָזענע פולקע אויפן גאָפּל, שניצט מיטן שאַרפן מעסער אין ווייכן פלייש און זאָגט:

— אַ שלאַכטענע סטוואָרזשעניע, אַ האָז... גאָר אַ שלאַכטענע...

דאָס גיט זאַרעמבאַן די מעגלעכקייט צו דערציילן עפּעס:

— מיינע הערשאַפטן — זאָגט ער — אין דער יוגנט בין איך געווען אַ געוואַלטיקער נמאַטאָר אויף האָזן... איך פלעג זיי שיסן מאַסנווייז...

פאַביאַן פרעגט זיך איבער:

— מאַסנווייז?...

זאַרעמבאַ פאַרשטייט, אַז ער האָט געזאָגט אַ צו־שטאַרקן ליגן. ווער, ווער, נאָר פאַביאַן קאָן דאָך אים פון דער יוגנט אָן. — נאָר ער קאָן

דאָך נישט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ רייצעס זאָל אים, זאַרעמבאַן, אויסלאַכן צווישן אַ געזעלשאַפט — ברענגט ער אָן עדות זיין ווייב:

— מאַמע — זאָגט ער אָפּ אַ ליגן אויפן אָרט און הוסט אונטער — מאַמע, געדענקסט אין וואַלד...

די פאַננאַ מאַלגאַשאַ דערציילט אויך עפּעס:

— מיין פאָטער — זאָגט זי — פלעגט שיסן סאַרנעס אויך. איינמאָל האָט ער געבראַכט איינע, האָט זי געהאַט סאַרנעלעך אויך...

דערויף האָט דער גלח געגנסטי אויך עפּעס צו זאָגן:

— ס'איז אַ זינד — זאָגט ער — צו שיסן טראָגנדיקע חיות... פאַראַן מאָנאַטן, ווען מ'טאָר נישט גיין אויף יאַגד. די חיות זענען דעמאָלט „קאָטנע"...

נאָר אַז פּאַביאַן גיסט אָן די גלעזער מיט ווייַן און קלאַפּט אָן לחיים, ווערט די שטימונג אַ מער געמיטלעכערע און די צונגען ווערן באַוועגלעכער.

זאַרעמבאַ ווערט דער ערשטער רעדעוודיק. ער קאָן נישט טרינקען, אָנשטאָט אין מאָגן, קריכט אים דער ווייַן אין קאָפּ. ער הייבט דערפאַר באַלד אָן רעדן, דערמאָנען זיך מעשיות פון דער יוגנט, פון קראַקעווער אַקאַדעמיע און שרייט, זופנדיק אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז:

— פּאַביאַנקו, געדענקסט אין קראָקע אויפן בוידעם־שטיבל?... — מ'האָט געהונגערט, נאָר גליקלעכע צייטן געווען... גליקלעכע...

פּאַביאַן זופּט אָפּ אַ העלפט פון אַ גלאָז ווייַן און לייקנט אָפּ:

— גליקלעכע? — ס'הייבט זיך נישט אָן... איצט איז בעסער...

זאַרעמבאַ ווערט אויפגעקאָכט:

— פּאַביאַניע — שרייט ער און פאַרבייסט מיט אַ פּצט שטיקל האָז, אַז די וואָנסן גלאַנצן אים פון פאַרשטאַנענעם שמאַלץ — פּאַביאַניע, כ'וועל דיר אַלץ אַוועקגעבן פאַר איין מינוט אַ דעמאָלטיקע...

ער ווייזט מיט די הענט אויף אַלץ, וואָס געפינט זיך בײַ פּאַביאַנען
אין וואוינונג.

פּאַביאַן רייסט אים איבער:

— ס'אַ ליגן, מיינע פריינט... נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך, ווי הונגערן. ס'איז אַ בזיון, אַן ערנידערונג פאַר אַ מענטש צו חלומען נאָך אַ שטיק פליייש, נאָך אַ לעבל ברויט...

די ווייבער שווייגן גאָר. אין אַזעלכע געשפרעכן האָבן זיי שוין גאָר־נישט וואָס צו זאָגן. זיי באַטראַכטן זיך נאָר די קליידער און מאַכן זיך געגנזייטיק קאָמפּלימענטן. נאָר דער גלח געניסטי שלינגט אַראָפּ דאָס לעצטע שטיקל פּולקע, ער וואַרפט גיך אַוועק דעם ביין און זאָגט, באַלעקנדיק זיך:

— פּאַביאַניע, האָסט נישט קיין פאַנטאַזיע... הונגערן איז אַ גרויסע זאַך. איך האָב עס היינט געזאָגט: און ס'איז געווען טרוקן בײַ די מענער אין גומען און די פּיס געשוואָלן פון...

פּאַביאַן לאָזט זיך נישט. ער וויל דווקא אויסווייזן זיינס, און ער באַנוצט אַ שאַרף וואָרט. ער ווייזט אָן אויף דעם איבערגעבליבענעם האָזישן הינטערל און זאָגט:

— זעט, ווען מיר וואָלטן זיין איצט הונגעריק, וואָלטן מיר וועגן אים פאַנטאַזירט און ער וואָלט אונדז געהאַט דאָ... אַזוי האָבן מיר אים...

נאָר דאָ שפּרינגט זאַרעמבאַ אויף, ער קערט אַריין אַ פול גלאָז וויין, אַז ער פאַרכלינעט זיך אַזש, וואַרפט דאָס גלאָז אין דער ערד און שרייט:

— פּאַביאַניע, האָסט אונדז באַליידיקט... האָסט באַליידיקט מיין פרוי, מיין...

איצט גייט אַוועק דאָס געשפּרעך זייער היציק.

פּאַביאַן גיסט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און קלאַפּט זיך מיט פּאַננאַ מאַלגאָשאַ אין די גלעזער. זאַרעמבאַ וויינט פלוצלינג אַרויס:

— פּאַביאַניע — קלאָגט ער — האָסט געמאַכט פֿון מיר אַ קאָפּירער, אַ שווינדלער... גיב מיר צוריק מיין זאַרעמבאַ... דעם אַמאָליקן

סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ...

פאַביאַן לאַכט:

— זאַרעמבאַ, — זאָגט ער — ביסט אַלע מאָל געווען אַ קאָפּירער...

דיינע אָריגינאַלן זענען אויך קאָפּיעס, נאָר שלעכטע...

גלח געזעגנט פּראוואוט שלום מאַכן:

— פּאַביאַניע — זאָגט ער מיט אַ וויסנשאַפטלעכן טאָן — זאָגסט נישט ריכטיק. אָריגינאַל איז דער אויסדרוק...

נאָר פּאַביאַן לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט:

— אַלע — זאָגט ער — זענען מיר קאָפּירער, זאַרעמבאַ מיט זיין מאָלן, דו מיט דיינע קלוגע רייד, איך מיט מיינע אַנטיקן, נישט אמת,

מאַלגאָשאַ?...

פּאַננאַ מאַלגאָשאַ קילט זיך מיטן וואַכלער דאָס צעהיצטע פּנים און פאַר־ריכט באַ פרוי זאַרעמבאַ אַ קנעפּל אין דער בלוזקע. זיי שטייען ביידע וויבער; קוקן אויף די מאַנסביל מיט רחמנות און מורא גלייכצייטיק, ווי תמיד פּראָסטע וויבער זענען געוואוינט צו קוקן אויף די מענער, פֿון וועלכע מ'מוז אַלץ אויסשטייען — נאָר זאַרעמבאַ וואַרפט שוין פלע־

שער אין דער ערד און באַקומט היסטעריק.

— רייצעס — שרייט ער — כ'וועל דיך שעכטן, יודאַ, כ'וועל דיך איבערגעבן צו פּאָליציי...

פּאַביאַן שטעלט זיך אַוועק געגן זאַרעמבאַן, ער נעמט אים דורך מיט זיינע בלישטשנדע אויגן און קוקט אים אָן פּונקט, ווי ער איז עס געוואוינט צו טון מיט זיער קאַץ זיינער, לאָזט זאַרעמבאַ אַראָפּ צום ערשט די אויגן, דערנאָך די הענט און בלייבט שטיין ווי היפּנאָטיזירט.

פּאַביאַן פירט אים צו צו דער קאַנאַפּקע און באַפעלט:

— זאַרעמבאַ, לייג דיך צו. דאַרפסט מאָרגן קומען פרי אין אַנטיקוואַריום ..

און זאַרעמבאַ פאָלגט, ווי אַ קינד, לייגט זיך אַוועק, וואו מ׳הייסט אים און פאַרמאַכט די אויגן. דער גלח געגנסטי קוקט אויף פאַביאַנען מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, עפּעס שטויסט ער זיך אָן, אַז דאָ קומען פאָר עפּעס זייער געהיימע זאַכן צווישן די צוויי מענטשן, קוקט ער נאָך פאַביאַנען מיט חשד, פאַרשט אים נאָך ווי נאָך עפּעס אַ שלעכטן כּוח און ער רעדט זיך איבער מיט דער פרוי זאַרעמבאַ. ער כּירט מיט איר אַ מאָראַליש געשפּרעך. ער ווייזט איר אויף די זינד פון שיכּרות, ער מישט אַריין אַ סך לאַטייניש ווערטער, שלוקערצט און גרעבצט פון צופיל עסן און טרינקען און חזרט איבער, וואָס ער האָט היינט אַריינגעזאָגט דעם עולם:

— קינדער — האָב איך זיי געזאָגט — און ווען דער וויינשטאָק איז צייטיק געוואָרן און דיינע איילבירטן ריגען, געדענק אָן דעם הימלישן געשאַנק...

פאַביאַן שלעפּט מאַלגאָשאַן אין צווייטן חדר און צופּט מיט נערוועזע פינגער אין אירע טוליען. זי קוקט אים אויפן גרינעם שטיינדל און גלעט אים ביידע שפּיצן וואָנסן:

— פאַביאַנקו, האָסט מיר צוגעזאָגט דאָס פינגערל...

פאַביאַן שלייכט זי צו צו אַ ווינקל, פאַרבייסט איר די פולע ליפּן מיט זיינע שאַרפע ציין און שיפּעט ווי אַ שלאַנג:

— לאָזס מויד׳טשיסקע!... לאָז!...

*

אַז די געסט גייען אַוועק, נעמט פאַביאַן די איבערגעבליבענע שטיקלעך האָז און צוקערוואַרג. ער רופט אַריין די חיות זיינע און שפּייזט זיי מיט די יומטובדיקע מאכלים.

פאַרנאַכט דאַרפן קומען צו אים נייע געסט.

זונטיק פאַרנאַכט קומען פאָר טענץ באַ פּאַביאַנען. פון אַלע נידעריקע און קרומע געסלעך אַרום ווייסל קומען זיך צונויף שיקסעס מיט שקצים, מערסטנס זאַמד־יונגען, פישערס מיט זייערע נייטאָרינס, און מ׳גייט צו פּאַן פּאַביאַן אויף „טענץ״. פּאַביאַן נעמט נישט געצאָלט, חלילה!... ער האָט בלויז הנאה פון לערנען טאַנצן. דערצו איז ער אַ דינער, אַ שלאַנקער און אַ מאָדנע פלינקער. די פיס אַליין טאַנצן באַ אים. די טאַליע זיינע איז אויך אַ דינע, אַן איינגעפּאַסטע, אַזוי, אַז דער פראַק ליגט אויף אים ווי איינגעוואַקסן. און אַזוי ווי די וואָנסן און האָר זיינע זענען געוואַלטיק געקרייזלט און אויף די דאַרע לאַנגע פינגער בליצן פאַרשיידענע קאָלירטע שטיינדלעך — האַלטן אים די שקצים און שיקסעס פאַר אַן אמתן טאַנץ־מייסטער. און ווי נאָענט ער זאָל נישט צודריקן אַ שיקסע באַם טאַנץ, ווי ממזריש ער זאָל נישט אַרומנעמען אַ „כ״ה״ באַ דער טאַליע, זענען אים די זאַמד־שקצים מוחל, גלייך ער זאָל זיין אַן אמתער טאַנץ־מייסטער אַ פאַכמאַן און לעבן דערפון.

דערווייל, בין זיי קומען זיך אָן, די געסט, זיצט פּאַביאַן אויף דער קאַנאַפּקע, רייכערט אַ ציגאַר, קוקט זיך צו צו די חיות, ווי זיי עסן די געשמאַקע מאכלים און פרעגט זיי.

— נו, וואָס, חברה, פּאַביאַן האָט פאַנטאַזיע?...

אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, הייסט ער „פודעלן״ מיט דער קאַץ בלייבן אויף די ערטער און ער אַליין נעמט אַרויס די ביבל פון אַלמער און זעצט זיך אַוועק לערנען אויפן קול. פון אַלע ביכער זיינע לייענט ער לעצטנס נאָר די ביבל. עס איז אַלנפאַלס, האַלט ער, די ערשטע קוועלע, נישט קיין קאָפּיע. און ער לייענט אַ פסוק נאָך אַ פסוק און פאַרציט טיף דעם ציגאַר.

אין שטוב איז וואַרעם. אַ גרויסע פליג פליט אַרום איבערן זאַל און קלאַפּט איבער די לויטערע שויבן און פּאַביאַן מישט אַ בלעטל נאָך אַ

בלעטל. אים געפעלן די געהאַקטע זאַצן, די קורץ־געפּאַסטע בילדער און ער האָט הנאה דערפון, ווי ער זאָל עס לייענען דאָס ערשטע מאָל. „פודעל" זיצט דערביי און שווייגט, נאָר די קאַץ וויל נישט איינליגן אויף אַן אָרט. זי איז איבערגעפּרעכן, גלאַנציק, דערצו לאָזט זי פאַביאַן נישט אַרויס אין גאַס צו די קעץ און זי רייבט זיך מיטן עק אָן יעדער זאַך, זי גלאַנצט תאווהדיק מיט די אויגן און מאַכט מיאוסע שטיק מיט „פודעלן" און שפּילט זיך מיט אים מעשה הונט. פאַביאַן כאַפּט זי בײַ דער מעשה, טרעט ער איר אָן מיטן פוס אויפן עק און דריקט פעסט צו:

— שפּיל דיך נישט געגנאַרניק, הער אויס, וואָס מ'לערנט, באלטאזערקו!...

די קאַץ שרייט, שטייפט די וואָנסן, שטשירעט מיט די ציין און פאַביאַן קלעמט איר דעם עק מיטן פוס און לערנט:

— „און דוד האָט געזאָגט צו אביגיל, ווען נישט דו, וואָלט איך נישט איבערגעלאָזט בײַ דיר אַפילו קיין „משתין־בקיר"... פאַרשטייסטו, „באלטאזאר"?...

פאַרנאַכט, אַז די פאָרלעך קומען זיך אָן און פילן אָן דעם זאַל מיטן ריח פון ביליקע זייפן, שלעכטע פאַרפומען און איבערגעגעסענע מאָגנס, — שוועבט פאַביאַן אַרום איבערן זאַל גיך און געשיקט, כאַפּט אַלע מאָל אַן אַנדער מויד בײַ דער טאַליע און זאָגט גראַמען סתם אין דער וועלט אַריין:

„פאַניענקא ניע קיכאַי,
„יאַק קאָכאַש, ניע ווזדיכאַי...

אין זאַל איז הייס, טומלענדיק. אויף דער גאַס אַקעגניבער שטייען קליינוואַרג און פּאַטשן אין די הענט, און פּיבּיאַן האַלט זיך אין איין דרייען.

שפּעטער אפילו הייבט אָן שמעקן אין שטוב מיט געשלעג.

פאַביאַן לויפט צופיל פון איין שיקסע צו דער צווייטער און כאַפּט אַרויס בײַ אַ שייגעץ די מויד פון אונטער די הענט, שוין גאַר־נישט ווי אַ טאַנצמייסטער. בײַ אַ שייגעץ גיסט זיך אָן דער קאַרק מיט בלוט און ער לאָזט אַראָפּ נידעריק דעם קאָפּ פאָרויס, ווי אַ האָן, וואָס גרייט זיך געבן אַ שפּרונג — נאָר פאַביאַן גיט זיך פלינק אַ גליטש איבערן זאַל, ער גיט אַ פּאַטש מיט די הענט און טוט אַ געשריי אויף סאַמע פּראָנצויזיש:

— אָן אַוואַ...

ווערט דער שייגעץ צעטומלט און גיט זיך אַ וויג אויף בײדע פיס צום טאַקט, ווי אַ מאַריאָנעטקע אויפן דראָט. פאַביאַן לויפט ווידער פון איין מויד צו דער צווייטער און פירט „אָפּקילן" אין אַ ווייטערדיק שטיבל.

די מיידן גייען מיט אים.

ערשטנס, האָט ער פּאַפּוגעס אין יענעם שטיבל און ער ציט זיי מזל־קוויטלעך און טרעפט אַלצדינג. חוץ דעם האַלטן זיי אים פאַר אַ גאָלדשמיד, גלייבן, אַז ער דאַרף געבן מתנות און זיי פרעגן נישט דרייסט:

— פאַניע פאַביאַניע, דאָס דינע פינגערל מיטן שטיינדל וואָלט גוט זיין אויף מיין פינגער?...

פאַביאַן שאָקלט צו. ער ברומט:

— גוט זיין... גוט זיין...

און ער ציט אויס בעוועזע פינגער. די מויד ווערט זיך. זי סאָפּעט, מורמלט:

פאַניע פאַביאַניע, מ'וועט הערן!... פאַניע פאַביאַניע...

די פּאַפּוגעס ציען אויס קרומע שנאָבלען, קוקן מיט זייטיקע בליקן און רייסן זיך די גערגעס אויס, נאָכשרייענדיק:

— פאַניע פאַביאַניע־ע־ע!... פאַניע פאַביאַניע־ע־ע!...

V

בײַ פּאַביאַנען אין שטוב האָט אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך געטראָפן:

אין מיטן נאַכט, בײַ אַ געדיכטער פינצטערניש, האָבן זיך די קאַנאַריקעס פּלוצלינג צעזונגען און אויפגעוועקט פּאַביאַנען פון שלאָף.

פּאַביאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק.

אים איז תחלת אויסגעקומען, אַז ער האָט דאָס מאָל פאַרשלאָפן, אַז ער האָט אַרײַנגעדרימלט צופיל אין טאָג אַרײַן, און אים איז געווען אַ בושה פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און געטראַכט שלעכטע געדאַנקען וועגן זיך אַליין:

— פּאַביאַנקו — האָט ער געמורמלט צו זיך — ביסט שוין אַן אַלטער תּרח... שוין צייט הינטערן אויוון, זיידעלע... צייט...

נאָר אַז ער האָט אַרויפגערוקט דעם ראָליעט איבערן פענצטער און דערזען אַ שטיק טונקעלע גאַז־באַלויכטענע נאַכט, האָט ער זיך צוריק איבערנעדעקט מיט דער קאָלדרע און אַרײַנגעשריגן אין צווייטן צימער אַרײַן:

— „פיקער”, נאָך צייט... הער קאַפּעלמייסטער, באַנאַכט דאַרף מע שלאָפן...

ער האָט שוין געוואָלט צוריק אײַנשלאָפן. נאָר די קאַנאַריקעס האָבן נישט אויפגעהערט שרייען. זיי האָבן געזונגען געדיכט, קוויטשענדיק און אײַנער האָט איבערגעריסן דעם אַנדערן. דערצו האָט אײנער אַ קאַנאַריק ווידער אָנגעהויבן קרעקן זיך און, פּונקט ווי אַ מאָל, אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע מאָל:

— טשאַפּ, טשאַפּ, טשאַפּ...

פּאַביאַן האָט אָנגעשטרענגט די אויערן:

שוין אַ צייט, ווי ער האָט אַזעלכעס פון זיינע פייגל נישט געהערט. זינט ער האָט אָפּגעקויפט באַם אַלטן נאַכטוועכטער דעם קאַפּעלמייסטער „פיקער", האָט ער אים אַלע קאַנאַריקעס אויסשטודירט. ווי נאָר אַ קאַנאַריקל פלעגט נעמען אַ פאַלשן טרעל, אָדער אָנהייבן הוסטן, האָט פיקער אָנגעהויבן אַזוי לאַנג זינגען, אַזעלכע קונצשטיקלעך באַווייזן, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן מיטזינגען מיט אים, זינגען פונקט אַזוי ריין און קלינגענדיק ווי ער אַליין. איצט זינגען אַלע אויף אַ משוגענעם אופן, דער „טשאַפּליאַק" מאַכט ווידער מיאוסע שטיק און „פיקער" גיט קיין פּיפּס נישט, — איז פאַביאַן אַראָפּ אין די נאַכט-וועש פון בעט.

ער האָט גענומען אַ ליכט אין האַנט און אַריין צו די פייגל.

ער האָט געעפנט האַסטיק די טיר, געוואָלט צוגיין צו די שטייגן, — נאָר עטלעכע פעדערלעך זענען אים אָנגעפלויגן, געטשעפּעט זיך אים פאַר די אויגן, — איז ער געבליבן שטיין אויפן אָרט און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר שטאַרע אויגן:

אין מיט שטוב, אויף אַ קליינעם טעפּיך, איז געלעגן „באַלי-אַיאַר", אַרומגערינגלט פון אָפּגעפליקטע פעדערלעך. דורך די געפלאָכטענע דראָטן פון די שטייגן האָבן די קאַנאַריקעס אַרויסגעשטעקט ברייט צעעפנטע שנאָבלען און געפּישטשעט ביז טויב ווערן.

פאַביאַן האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס. איין טריט פאָרויס.

אים איז גלייך געקומען אויפן געדאַנק זיין „קאַפּעלמייסטער". ער האָט נאָך פונדעסטוועגן געפרואווט זיך איבערצייגן. ער האָט גענומען עטלעכע טרעלן און גערופן:

— קאַפּעלמייסטער, טיו, טיו, „פיקער" פיו, פיו...

נאָר אַז אָנשטאָט „פיקערן" האָט זיך דער טשאַפּליאַק אָנגערופן און אָפּגעהוסט עטלעכע מאָל, האָט פאַביאַן געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און געבליבן שטיין מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן קעגנאיבער דער קאַץ.

„באַלטאזאר“ האָט זיך נישט אָפּגערוקט אויף קיין האָר.

מיט פאַרבלוטיקטע ציטערדיקע וואָנסן, מיט שטייפע האָר און מיט אַן אויסגעצויגענעם אָנגעשטרענגטן רוקן, איז ער זיך געזעסן צווישן די פעדערלעך פון זיין קרבן און נישט קיין ריר זיך געטאָן פון אָרט. ער האָט בלויז פאַרהויבן דעם ווידל אין אַ בויגן, אויסגעצויגן די נעגל פון זייערע ווייכע קימעלעך און מיט אַ מאָדנער, נישט-קעצישער עקשנות אויסגעהאַלטן פאַביאַנס בליק.

אַ ווײַלע איז אין שטוב געווען שטיל, אָנגעשטרענגט שטיל. אַפילו די פייגל האָבן אויפגעהערט פּישטשען.

באַ פאַביאַנען האָבן די אויגן געבליצט, די וואָנסן האָבן זיך באַוועגט און די געבויגענע נאָז זיינע האָט זיך אַזוי שנאָבליש פאַרשאַרפט, ווי באַ אַ רויב-פויגל, וואָס לאָקערט אויף אַ קרבן. אים האָט געפיבערט אַ פוס. די הענט האָבן געציטערט און די פינגער האָבן געקלאַמערט, פילנדיק אַ אומגעהייערן חשק צו ווערגן.

ער האָט געוואַרט, פאַביאַן.

ער האָט געוואַרט, אַז די קאַץ זאָל שוין אַראָפּלאָזן דעם בליק, געבן זיך אַ רוק אונטער זיך, אַ סימן, אַז זי גיט זיך אונטער — און דאַן נעמען זי אויפן פאַרהער... נאָר זי האָט זיך נישט באַוועגט. זיכער אין איר אָפּגעטויענער זאַך, ריכטנדיק זיך אויף דער גאַנצער שטראָף פון איר באַלעבאָס, האָט זי זיך נישט געפרואווט אויסבאַהאַלטן אָדער אָפּציִען. זי האָט זיך נאָר אָנגעשטייפט, געהאַלטן גרייט יעדער אבר, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שטיקל כוח און נאָכגעקוקט יעדער פאַביאַנס באַוועגונג, כדי צו וויסן פונוואַנען די סכנה גייט.

זיי האָבן זיך געגעסן מיט די אויגן, געשטייפט די וואָנסן און געוואַרט, ווער פריער זאָל אָנהייבן, — נאָר אָט האָט „פודעל“ געגעבן אַ שטויס „באַלטאזארן“ פון אַ זייט און אים איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און

פּיס אַרויף, האָט פאַביאַן אַ פלינקן שפּרונג געטון און אויגנבליקלעך פאַרייגעכאַפּט דעם קאַצישן עק אין קלעם-העלצל. „באַלטאַזאר" האָט אָנגעהויבן לויפן איבער דער שטוב, יאָגנדיק זיך אין אַ רעדל נאָכן אייגענעם פאַרקלעמטן עק — און פאַביאַן האָט זיך באַטראַכט דעם גראָבן פינגער, וואָס האָט געכאַפּט אַ טיפן ראַץ פון נאָגל ביזן קנאָך. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויכט די אָפּגעטרענטע הויט מיט דער פאַרע פון מויל, כדי צו לינדערן דעם הייסן ווייטיק און בעת-מעשה נישט פאַרגעסן רייצן „פודעלן" אויף „באַלטאַזאַרן":

— פּ-ס-ס-ס... „פודעל", פּ-ס-ס-ס...

דאָס מאָל האָט ער אַלס באַלוינונג „פודעלן" נישט געצוואָגן, ער האָט אים געגעבן שטיקלעך צוקער איינס נאָכן אַנדערן און געגלעט אים די פייכטע מאָרדע:

— „פודעל", ביסט אַ הונט מיט פיינער. אַ גאַנץ טעוועלע שאָקאָלאַד וועט מען זיך פונדעווען בּאַ פאַננאַ מאַלגאָשאַ...

פאַרן אַרויסגיין אין גאַס, איז נאָך פאַביאַן אַריין זיך געזעגענען מיט „באַלטאַזאַרן".

בּאַ אים איז שוין געווען פאַרטיק אַ באַשלוס: לאָזן אים אַזוי אין קלעם-העלצל ביז פאַרנאַכט. ער איז נאָר אַריין כאַפּן אַ בליק, ווי אַזוי ער פילט זיך, און זעענדיק אים דרייען זיך אין ראָד, האָט ער אים אונטערגעקנאַקט מיט דער צונג, און פונקט ווי זונטיק צו די שקצים, קאָמאַנדירט אויף פראַנצויזיש:

— אַן אַוואַ מאַסיע „באַלטאַזאַרוס"... אַן...

„באַלטאַזאַר" איז זיך צעגאַנגען אין אַזאַ פלינקן קרייז, אַז פאַר די אויגן האָט מען מער נישט געזען ווי אַ בלענדיקן פלעק. פאַביאַן האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געלאַכט מיט אַ פול מויל געלעכטער:

— פיין, פיין „באַלטאַזאַרוס"... וואַקסט אַ באַלעטניק, מיין פריינט...
אַן אמתער באַלעטניק...

*

אין פאַביאַנס אַנטיקוואַריום האָט א מידע זון, ווי זי וואָלט קראַנק זיין
אויף געלזוכט, אויסגעלייגט זיך אין אַ ריזיקן דריי-עק.

פאַביאַן האָט אַוועקגעלייגט אויפן טישל דעם האַמער מיט דער דלאָטע, מיט וועלכע ער האָט געמייסטערעוועט באַ עפּעס אַ שפּיז, און ער האָט שטייפער אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם גראָבן צעראַצטן פינגער, וואָס האָט אים געשמאַרצט פון צופיל אַרבעטן מיטן האַמער.

ער האָט געהאַט איצט אַ שווער שטיקל אַרבעט אָפּצוטון.

יענע וואָך נאָך איז צו אים אַראָפּגעקומען אַ מאָדנע קליענט. אין מיטן הייסן טאָג, אין גאַנצן קאָך און טומל, האָט זיך מיט אַ מאָל אַ קאָטש. אין פיר פערד געשפּאַנט, געלאָזט זיך איבערן „מקום" — און דער קוטשער, אַ פאַרשוין אַ ריז, האָט געוואַלטיק געפּאָכעט מיט זיין לאַנגער בייטש איבער אַלע קעפּ און גלייך אויף די מאַרק-לייט און זייערע שטעלעס אַרויפגעפאָרן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, די קאַרעטע, נעבן פאַביאַנס אַנטיקוואַריום און אַרויסגעלאָזט אַ יונגנמאַן מיט קורצע יינגלערישע הייזלעך און מיט אַזעלכע דינע פיס, אינגאַנצן ענלעך צו די אויסגעמאָלטע פרינצן אויף די בילקע פאַרצעלייענע טעלערס.

תחלת איז דער פאַרשוין פאַביאַנען געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ דין בלאַס פנים, שמאָלע אַקסעלעך און מיט גרויסע העלע אויגן, אַזעלכע קינדערישע און פאַרטראַכטע, כאָטש טרוי זיי אָן אומגעציילט אַלע אוצרות פון דער וועלט. נאָר באַלד האָט דער דאָזיקער יונגער פאַרשוינדל אָנגעהויבן זיך שטאַרק באַרימען און אַר.יסווייזן געוואַל־

טיקע מבינות אין אַרכיעאָלאָגיע. פּאַביאַן האָט אים געוויזן פאַרשיידענע אַנטיקן, נאָר ער האָט „אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— שווינעריי. מיאוסקייט... עפּעס רעכטס גיט אַהער.

פּאַביאַן האָט אים געוויזן דאָס בעסטע, נאָר דער יונגערמאַן האָט אַלץ מביניש אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— עפּעס פיינס... אָריגינעלס...

— אָריגינעלס? —

פּאַביאַן האָט אים דורכגענומען מיט די אויגן און אַוועקגעפירט אים צום „מיסטקאַסטן", דאָרט, וואו ער האָט אַלערליי בראָך, שמעלץ און קליינינקייטן. ער האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ פּרעכטיקער באַוועגונג אויף דער קופּע חפצים און געזאָגט:

— אָט דאָס איז עס... קלויבט מיין הער...

דער יונגערמאַן האָט געקליבן, געוואָרפן אָן אַ זייט, אָפּגעהוסט פון שטויב, וואָס האָט אים געשטיקט און ענדלעך אויסגערופן מיט אַנטציקונג:

— אָט דאָס איז עס... טפוי, ווי פאַרשטויבט דאָ איז אַלץ...

דאָס איז געווען אַ שפּיז, אַן אומגעלומפּערטע בראָנזענע שפּיז. געפינענדיק זי אין שטויב, אין מיסט, איז דער יונגערמאַן געווען איבערצייגט, אַז דאָס דאַרף זיין גאָר אַן אַלטערטימלעכקייט, אַ זאַך נאָך פון דער בראָנזענער עפּאָכע. אים איז געגאַנגען אין דעם, אַז ער זאָל האָבן אַנטדעקט עפּעס אַן אוצר ביי אַ ר י י צ ע ס אויף אַלטשטאָט, צווישן מיסט און שטויב און אָפּקויפן עס פאַר אַ שיבוש. ער האָט דעריבער געמאַכט אַ קאַלטע גלייכגילטיקע מינע און געפרעגט מיט אַ האַלב מויל:

— וויפל איך געבן פאַר דעם „גראַט"?...

פּאַביאַן האָט זיך אָנגענומען באַביידע וואָנסן, אַרויפגעדרייט זיי עטלעכע מאָל און געלאַסן געזאָגט:

— אַ פינף־הונדערטער... אַ גאַנצן פינף־הונדערטער...

דער יונגערמאַן איז געווען אַנטוישט. ער האָט אַ טאָפּ געטאָן פאַרלעגן אין קעשענע און זיך אַנטשולדיקט:

— איר וועט מיר מוזן אָוועקשטעלן דעם אוצר אין אַ ווינקל, איר באַ־קומט אַ הונדערטער האַנט־געלט — געמאַכט?...

פאַביאַן האָט צוגענומען דעם באַנקנאָט און אַוועקגעשטעלט די שפּיז אין אַ ווינקל. ער האָט שווייגנדיק צוגעטראָגן דעם קליענט אַן אָל און שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט אויסקריצן אַ סימן, אויב איר ווילט, ביטע...

נאָר דער יונגערמאַן איז שוין ווייטער אַריין אין באַרימערייי און אַוועק־געמאַכט מיט דער האַנט:

— מיך איז שווער צו נאַרן, מיין פריינט. איך בין אַ געשלאָגענער הונט...

האָט פאַביאַן אַוועקגעלייגט די אָל. אַ שמייכל האָט צעצויגן זיינע וואָנסן און די נאָז זיינע האָט זיך נאָך שאַרפער פאַרשנאָבלט, ווי תמיד בעת ער האָט צוגעטראַכט עפּעס אַ שפּיצל, אַן המצאהלע...

דער יונגערמאַן איז אַוועק מיטן זעלבן קנאַק, וואָס פריער. דער קוטשער, דער ריז, האָט געפּאַכעט איבער די קעפּ מיט דער לאַנגער בייטש און גלייך אויף די מאַרקלייט און זייערע שטעלעס אַרויפגעפאָרן, — און פאַביאַן האָט גלייך זיך אויסגעזוכט אַן ענלעך שטיק בראָנז און גענומען מייסטרעווען אַ קאָפּיע.

אין אַנטיקוואַריום איז שטיל, רויק.

די בראָנזן און מאַרמאָרנע פיגורן, אָנגעוואָרפענע, צוזאַמענגעקוועטשטע, ליגן אַ העלפט אין דער זון, אַ העלפט אין שאָטן, ליגן אַזוי שטיל, פאַרגליווערט, ווי הרוגים אויף אַ פאַרלאָזן שלאַכטפעלד. בלויז אין דער הייך, איבער אַלעמענס קעפּ, שטייט נאַפּאָלעאָן אַ שווערער, אַ שווייגנדיק־

פֿאַרביסענער און קוקט מיט זײַנע אומעטיקע אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויף די חורבות אַרום זיך. פּאַביאַן אַרבעט אָנגעשטרענגט מיטן האַמער, פֿון געוועט מיט דער דלאָטע און טעגהם צו „פּודעלן״, וואָס זיצט נעבן אים אויף זײַן פּאַטערשטול:

— אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַרכיעאָלאָגיע, גאָר אַ שווערע. . .

פֿון דערהייך, וואו די גאַלערקע איז, הערן זיך טריט, שווערע מידע טריט, וואָס גייען הין און צוריק אויסגעמאָסטן און גלײַך. פּאַביאַן הערט זיך צו צו זאַרעמבאַס טריט און ער רופֿט אים אַראָפּ:

— סטאַשו,

מיס׳זש נא פּאדאשו. . .

זאַרעמבאַ רופֿט זיך גישט אָן.

ער ווייסט, אַז פּאַביאַן מאַכט עפּעס ווידער אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, און ער וויל נישט קוקן דערויף. ער וויל עס נישט זען מיט די אויגן. פּאַביאַן שמירט דעם בראָנז מיט עטלעכע־ערלײ זויערשטאָפֿן, מאַכט אים אַלט און פֿאַרראָסטעט און כאַפּט דערווײַל אַ בליק צום באַנדאַזשירטן פֿינגער זײַנעם און בלאָזט אָפּ דעם בראָנזענעם שטויב, וואָס פֿאַלט אויף אים. ער זעט ערשט איצט, אַז די שווערסטע קאָפּיע איז צו מאַכן פֿון אַ נאַרישקייט. ער טראַכט וועגן דעם, וואָס די אור־ייִדעס זענען געווען געוואַלטיק טעמע, אומגעלומפּערט און ער געדענקט אויך, אַז די צײַט רוקט זיך און אַז נאָך היינט דאַרף קומען דער פֿאַרשוין מיט די דאַרע פּיס און קורצע הייזלעך נאָך זײַן בראָנזענעם אוצר.

שפּעטער, אַז זאַרעמבאַ קומט אַראָפּ און פֿרעגט זיך:

— האָסט עפּעס געוואָלט, פּאַביאַן ? . . .

שמירט פּאַביאַן ווייטער זײַן שפּיז און רעדט, נישט קוקנדיק צו זאַרעמבאַן:

— גאָרנישט, איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן אַן אַפֿאָריזם: די שווער־

סטע פֿאַרם — האָב איך געטראַכט — איז די פֿאָרמלאָזיקייט, נישט אַזוי, „פּודעל״ !

*

נאָכמיטאָג איז די שטימונג אין אַנטיקוואַריום אַן אָנגעשטרענגטע. דער יונגער אַמאַטאָר באַטראַכט נאָך אַ מאָל די שפּיז, וואָס פֿאַביאַן האָט נישט לאַנג פֿאַרענדיקט, און ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— אינטערעסאַנט — פֿרעגט ער — אין אייערע קאַטאַלאָגן איז קיין זאַך נישט פֿאַראַן וועגן איר, הער מייסטער ?...

פֿאַביאַן פּוצט מיטן בעזעמל דעם שטויב פֿון די אַרומיקע חפֿצים אַזוי פֿאַרטון, אַז ער הערט אַפֿילו נישט, וואָס דער יונגערמאַן רעדט. דער אַמאַטאָר גייט דערפֿאַר אַריבער אין אַ געשפּרעך מיט זאַרעמבאַן און דעם גלח געגנסטי, וואָס שטייען ביידע אין מאַגאַזין. ער רעדט ענטוזיאַסטיש, גלייבנדיק זיך אַליין זיינע פֿאַנטאַסטישע אַרכיעאָלאָגישע פּאַסירונגען. ער דערציילט מאָדנע זאַכן, רופֿט אָן עקזאָטישע נעמען פֿון לענדער און זאַכן און פֿאַרענדיקט אַלע מאָל:

— מיינע הערן, איך בין אַ געשלאָגענער הונט. אַלע ציין אויפֿגעפֿרעסן דערבײַ...

זאַרעמבאַ צעגייט זיך אין נחת און גלעט זיך ביידע וואָנסן, אַן אָנצוהערעניש, אַז אויך ער איז נישט עפּעס קיין לײַדע ווער. פֿון יונגגמאַנס פּאַסירונגען הייבט אָן צו שלאָגן דאָס בלוט צו די שלייפֿן. אים פּייניקט דער סוד זיינער. ער פֿילט, אַז אויך ער, זאַרעמבאַ, וואָלט איצט געדאַרפֿט באַווייזן עפּעס העראָישעס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מאַכן אַ געוואַלטיקן רושם, אַן אומגעהייער גרויסן רושם. ער זעט שוין וואָסער אייַנדרוק ער מאַכט סיי אויף דעם אַריסטאָקראַטישן יונגגמאַן, סיי אויפֿן געלערנטן רעקטאָר געגנסטי. די האַנט קיצלט אים, זי האָט

שטאַרק חשק צו געבן זיך אַזאַ צי-אויס אין אַ העלדישער פּאָזע, און די ליפּן ציטערן, גרייט אַרויסצולאָזן דעם גרויסן סוד, דעם באַהאַלטענעם סוד, וואָס פּייניגט זיי אַזוי לאַנג. ער גיט אַ באַוועג מיט דער האַנט, שלינגט אַראָפּ אַ שטיקל שפּייעכץ אין האַלדז, גרייט אָנצוהייבן רעדן — נאָר אין דעם אויגנבליק שטייט אים פּאַביאַן אין די אויגן, ער נעמט אים דורך מיט זיינע שאַרפע בליקן, דרינגט אים אַריין אין די ביינער און זאָגט:

— זאַרעמבאַ, פאַרשטעלסט מיר די ליכט...

לאָזט זאַרעמבאַ אַראָפּ צום ערשטן די אויגן, דערנאָך די הענט און רוקט זיך לונאַטיש אָפּ אָן אַ זייט.

אַז דער יונגערמאַן פאָרט אַוועק און לאָזט איבער נאָך זיך אַ קנאַל פון אַ בייטש, הייבט זיך ערשט גענסטי אָן צו אַנטציקן אויפן גאַנצן קול. ער איז אים מקנא, דעם יונגנמאַן, אויף זיין אוצר, כאָטש ער ווייסט, אַז קנאה איז נישט קיין פיינע טאַט, ער באַלעקט זיך אַזש פון אויפרעגונג און מורמלט פייכט:

— ר'איז זי ווערט, דער יונגערמאַן... ר'איז „זי" ווערט...

איצט נעמט פּאַביאַן אַרויס פון הינטערן טיש דעם אָריגינאַל, דערלאַנגט אים גענסטין אין האַנט און לאַכט:

— פאַר דיר, גענסטי, איז אַ קאָפּיע אויך גענוג, נאַ!...

גענסטי טאַפּט דעם בראָנז מיט ביידע הענט, האָט מורא צו נעמען אים, ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַר פּאַביאַנס אַ ניי שפּיצל, פאַר גרויס פאַרלעגנהייט ווישט ער די הענט אין דער קאַפּאָטע. זאַרעמבאַ שטייט אָן אַ זייט און די אויגן עפענען זיך בא אים אַזוי ברייט, שיער זיך צו צערייסן.

אויף אַזעלכעס האָט ער זיך שוין גאָרנישט נישט געריכט! ער וואַרפט בלייערנע בליקן דאָ אויף דער שפּיז, דאָ אויף פּאַביאַנען. זיין קאָפּ איז

אים שווער, צעשרויפט פון דעם פלוצלינגדיקן שדישן טאַט און זיינע ליפּן ברומען:

— פאַביאַן... פאַב...

פאַביאַן פאַרשטעלט אים מיט דער האַנט מאַרן מויל, און דראָט מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז:

— מרז, מרז, מרז... שאַ...

גענסטי איז שוין איצט אינגאַנצן צעטומלט. ער קוקט מיט די לויטערע אויגן זיינע אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן די המצאה דער־פון און טטראַשעט, ווי ער וואָלט שוין זיך געכאַפּט:

— איי, פאַביאַן, איי!...

פאַביאַן נעמט זאַרעמבאַן פאַר אן אַרבל, גענסטין פאַר אַ האַנט און פירט זיי צו דער טיר:

— קומט צו פאַננאַ מאַלגאָשאַ, וועלן מיר טרינקען גענסטיס בענעדיקטינער...

גענסטי שיינט. ער ווייסט, אַז אויב פאַביאַן רעדט וועגן בענעדיקטינער, מיינט ער עס ערנסט מיט דער מתּנה — פוצט ער זיך די פּאָלעס פון שטויב און כאַפּט פאַביאַנען באַ אַ קני:

— דריי בענעדיקטינער, פאַביאַנעק, און האָניק־ברייטלעך דערצו...

פאַביאַן קיצלט זאַרעמבאַן אין בויך און ווינקט צו גענסטין מיט די אויגן און וואָנסן צוזאַמען:

— יאָ, יאָ, און בילדלעך איטאַליענישע, און רעפּראָדוקציעלעך אינטע־רעסאַנטע... נישט אמת, גענסטי?...

יז

צומאָרגנס באַלד אין דערפרי האָט פאַביאַן גענומען „באַלטאַזאַרן“ אויף אַ שטריקל און געלאָזט זיך צו יענער זייט ווייסל אים טרענקען.

אויף מאַריענשטאַט איז געגאַנגען אַ קליינע באַוועגונג. פאַרשלאָפענע אַרבעטער מיט טעפלעך אין די הענט האָבן זיך געאײַלט איבער די צעדרייטע שלעכט-געפלאַסטערטע טראָטואַרן, אויסמײַדנדיק איינער דעם אַנדערן אין גאַנג. פאַרזאַמדיקטע גוים האָבן געפירט פורלעך ציגל און נאָכגעשלעפּט די פאַרשלאָפענע פיס אַן ברוק. פון די רינעס פון די אַלטע צעהויקערטע הײַזער זענען ווייסלעכע שנירלעך וואַסער מיט זייף געראָנען אין די רינשטאָקן און אָנגעפילט אַרום זיך ריחות פון ברודי-קער וועש, פון געפרעגלטע חזיר-גריוון און פון שווייסיקן פרויען-לײַב, — און פאַביאַן איז זיך געגאַנגען אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויסגע-קרײַזלטער און שפּאַצירט געלאָסן מיט „באַלטאַזאַרן“ אויף רעכטס און „פודעלן“ אויף לינקס.

אויף דער גאַס שטעלט מען זיך אָפּ.

דאָ קענען אַלע פאַביאַנען און מ'באַגריסט אים. די אַרבעטער אײַלן זיך. די פאַבריק-פײַפלעך רופן זיי, דרייען זיי זיך נאָר אויס פון הינ-טערווײַלעכטס, האַלטן זיך קוים אײַן, זיי זאָלן נישט אָנלאַכן דעם פאַן פאַביאַן אין די אויגן, און שרייען:

— פאַניע פאַביאַניע, זעצט זיך אויף איר רײַטן!

די גויעס, וואָס לאָזן זיך צום „מקום“ אײַנקויפן, זיי האָבן שוין מער צייט, פאַרנייגן זיי זיך פאַר פאַביאַנען און ווינצלען זיך:

— פאַניע פאַביאַניע, איר פירט זיי אויפן אָקסן-מאַרק, הע?...

פאַביאַן ציט דעם ברוינעם האַרטן קאַפּעליוש און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— כ'פיר זיי אין באָד אַרײַן, טײַבעלעך, אַביסעלע אונטערטונקען...

די ווייבער לאַכן. זיי האָבן אַלעמאָל ליב כאַפּן אַ שמועס מיט אים, דעם פּאַן פּאַביאַן. ערשטנס, זאָגט ער זיי מאָדנע גראַמען, אַז מ'קאָן זיך צעשיטן פון געלעכטער. צווייטנס, זאָגט ער אַ סך מאָל אַ פעט וואָרט אַריין, אַזעלכעס, וואָס קאָכט אויף דאָס אָפּגעשטאַנענע בלוט פון די טריט ביזן „גרעק". אַ סך מאָל האָט ער אַפילו ליב טאָן אַ קיצל אויך. — און זיי האָבן אים גערן, די ווייבער פון אַרום ווייסל. זיי גייען אַריבער צו אים אויפן טראָטואַר, באַטראַכטן די קאַץ, וואָס איז איצט נאָך גרעסער, אָנגעבלאָזענער, ווי שטענדיק, און פרואוון טרעפן:

— מסתמא אַ וואַזע צעבראָכן, דער מויק, אָדער אַ פלאַש ווײַן איבערגעקערט, נישט אמת, פּאַן פּאַביאַן? —

פּאַביאַן ציט־אונטער דאָס שטריקל, שלעפּט די קאַץ, וואָס איז אינגאַנצן געשוואָלן און מיט אויפגעשטעלטע האָר, און סמאָטשקעט צו „פודעלן":

— פּס־ס־ס, „פודעל", פּס־ס־ס!...

„פודעל" שפּאַרט אונטער „באַלטאַזאַרן" פון הינטן און דער בויך קאָכט בײַ אים פון הנאה און חידוש: וואָס, וואָס, נאָר גיין מיט אַ קאַץ שפּאַצירן, דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט שטאַרק חשק אָנהייבן אַ שפּיל מיט „באַלטאַזאַרן", איבערקערן זיך אַ ביסעלע אויף דער ערד פון גרויס שמחה און וואוילטאָג.

„באַלטאַזאַר" איז נישט אויפגעלייגט זיך צו שפּילן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שוין אַ גאַנצע נאַכט באַפרייט פון קלעם, טוט אים נאָך דער ווײַדל אַזוי וויי, פילט ער נאָך אַזאַ בראַנדיקע שווערקייט אין אים, ווי אים וואָלט זיך נאָכשלעפּן אַ שווערע שייט ברענענדיק האָלץ, וואָס בראָט און קלעמט גלײַכצײַטיק. ער איז זיכער, „באַלטאַזאַר", אַז דאָס קלעם־העלצל זיצט ווײַטער אויפן ווײַדל. ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער זיך איצט ווידער אַזוי געלאָזט אין אַ ראָד, געלאָפן גיך,

גיך, אזוי גיך, ביז ער זאָל מיטן פּיסק דעם אייגענעם בראַנדיקן
ווײדל דערגרייכן און אָפּבייסן אים, מיט די נעגל אים צעפּליקן, אויף
פּיך־פּיצלעך צעטרייבערן. ער דרייט דעם קאָפּ, שטרענגט אָן די נעגל
און ציין אַזוי שאַרף, אַזוי ראַציק, ער שפּאַרט־אונטער דעם אויסגע־
צויגענעם רוקן מיט אַזויפיל בויגיקייט, מיט אַזאַ גיכקייט, כאָטש נאָר
אָנצוהייבן פליען, שוועבן איבער דאַך און קוימען, איבער קעפּ און
סלופּעס, און יאָגן זיך ערגעץ ווייט, ווייט, נאָר פאַביאַן ציט באַם
שטריקל, ציט אַזוי פעסט אַרום אָנגעשוואָלענעם האַלדז, אַז דאָס
שטריקל שניידט זיך איין אינגאַנצן צום ערשט אין דער פעל, דערנאָך
אין פלייש און וואָרגט, פאַרקלאַמערט די צונג און פאַרציט עפּעס
אַזוינס אַרום די אויגן, אַז אַלץ ווערט שוואַרץ.
דערצו טשעפּעט זיך נאָך „פודעל“ אויך. ער גיט אַלעמאָל אַ שטויס
פון הינטן און בייסט זיך איין אין געשווילעכטס מיט די שפּיציקע
ציין — און „באַלטאַזאַר“ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, בייגט איין די קניען
און גייט ווייטער גלייך און אונטערטעניק.
אַרום בריק קאָכט. שיפן גרעסערע און קלענערע לאָדן אויס פון זיך
משאות, און קולות, עכאָדיקע און ווייטע, דורכגעזאַפּט פון וואַסער און
ווינט, טראָגן זיך אין לופט און ווערן פאַרפאַלן אין די שווערע אייזער־
נע זיפּצן פון די הוידנדיקע אייזערנע בריקן. פון אַקעגנאיבער, פון
אַ פלאַכער דערהייבונג שטייט די שטאָט אַ ציגל־רויטע, אַ געלאַטעטע,
אַ הויקערדיקע און קוקט מיט נייגעריקייט אַהער צום וואַסער און צו
זיינע באַשעפעניש. זי שטייט אַ צוזאַמענגעקוועטשטע, אַן אַרומגע־
גאַרטלטע, באַדעקט מיט רויטע און גרינע צעפּליקטע דעכער, מיט פּיס
אויף קעפּ, מיט אונטערגעשטעלטע שטיינערנע אויערן, אויפצוכאַפּן אַ
פרעמדן סוד, און מיט שוואַרצע פאַרבראָכענע הענט, מיט פאַרקאָפּטשעטע
קוימענס און גלאַנציקע צלמים, פאַרריסן אין דער הייך.

פאַרהילט אין פרימאָרגנדיקן טוי, באַגילדעט פון אַ שטיק זון, זעט זי אויס איצט, ווי אַ ריזיקער שטיינערנער אָפּגאָט, וואָס קוקט זיך צו צו די טויזנטער קרבנות און מתנות, וואָס מ׳פירט פאַר זיין ריזיקן פּרעסערישן מזבח.

דער ברעג זידט. ער שלאָפט נאָך, דער שטיינערנער געטש, דרימלט נאָך דערווייל, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך אויף, באַלד ציט ער אויס זיינע ריזיקע גלידער און מ׳גרייט פאַר אים: מ׳גרייט פלייש, לעבעדיקס און געשאָכטנס, פון וועלכן דאָס וואַרעמע בלוט רינט נאָך פון די העלדזער און פאַרגיסט דעם שטיינערנעם ברוק. פישער־יונגען האַלב נאַקעטע, דורכגעווייקטע, שניידן זיך אין וואַסער, שפּייען קופּעס זילבערנע פיש אַרויס און וואַרפן זיי אין ריזיקע קוישן. פוּערן, שלעפעריקע, פאַרדרימלטע, פירן זייער אַרבעט, זייער פעלדישע ברכה אויף קליינע פורלעך שטרוי, און פלאַטפאָרמעס, ריזיקע, טרייסלענדיקע און פולגעפּאַקטע שלעפּן זיך איבער די אייזערנע בריקן, פירן שפּייז און סחורות, ווייגען און פּרוכטן און ציען זיך אַהין, אַהין, צום דרימלענדיקן שטיינערנעם געטש, אין זיין ריזיק פרעסערישן מאָגן.

פאַביאַן גייט געגן שטראָם, אַהין צו דער צווייטער זייט שטילן, אָפּגעלאָזענעם ברעג און בייט אויס דאָס שטריקל פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער. דאָס שטריקל שניידט זיך אים איין אין דער האַנט, שמאַרצט אים אין פאַרבאַנדאַזשירטן פינגער, און ער בייט עס פון האַנט צו האַנט. ער פאַרקערעוועט אַוועק צום אָפּגעפליקטן ברעג, וואָס ציט זיך אַוועק לענגויס דער ליניע און ער שטויבט מיט די פיס אין דער שוואַרצער ערד, וואָס איז דורכגעווייקט פון רויך, שטיינקוילן און מיאוסע שטראָמלעך, קאַנאַלן פון פאַבריקן און אומריינע ערטער.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַן אָפּגעקראָכן בערגל, וואָס האָט נאָך

עטלעכע געציילטע גראָזן און וואַרפט אַ בליק אַהין, צום שטיינערנעם אָפּגאָט, וואָס הייבט אָן לאָזן די ערשטע רויכן צום העלן הימל.

ער דערקענט אַלץ, דערקענט יעדע רויטע און גרויע לאַטע, יעדן גרינעם פלעק, יעדן טורעם און צלם. ייִנגלווייז איז ער דאָ נישט איינמאָל געזעסן, געהאַלטן אַ סקיץ-בוך אויף די אונטערגעשטעלטע קניען און געצייכנט. אַ סך מאָל איז ער מיט אים, מיט זאַרעמבאַן, דאָ געזעסן, אָט אין נאָך דער זעלבער דאַך, וואָס קוקט אַרויס פֿון צווישן צוויי הויכע מויערן. אפילו דאָס זעלבע הענדל דרייט זיך אין קוימען, באַ יעדן בלאָז פון אַ ווינטל. ער שמייכלט, פּאַביאַן. דאָס שטיקעלע אָרט איז אים אַלע מאָל אָנגעקומען שווער צו צייכענען. ס'האָט זיך אים בסדר געדאַכט, אַז עס שטייט נישט איין אויף קיין אָרט, אַז די מויערן טאַנצן, ציטערן, אָט דאָ, אַ ביסל ווייטער, דאָרט וואו דער טאָל שפּרייט זיך, וואו די שיפּלעך טרוקענען זייערע פרישע סמאָלעדיקע בייכער, האָט ער אפילו א מאָל אַ שטיקל ראָמאַנס געפירט. ער האָט זיך באַ-קענט עפּעס מיט אַ פישער-מיידל. דאָס גראָז איז נאָך נישט געווען אַזוי אויסגעקנאָדערט, ווי איצט, ציגן האָבן זיך געפּאַשעט. ער איז געווען היציק, נישט אומגעקוקט זיך, און אַרײַנגעקוילערט זיך מיטן מיידל אין אַ מיאוס אָרט, צווישן די גראָזן...

פּאַביאַן ציט אויס די פיס, גלייכט אויס די הענט און קוקט אַרום זיך. זאַרעמבאַ דערמאָנט זיך אים. ווי זאָגט ער דאָס אָפּט, זאַרעמבאַ, דער-מאָנענדיק זיך אין יענע צייטן:

— גליקלעכע צייטן געווען... געהונגערט, נאָר גליקלעכע צייטן געווען...

ער פאַרטראַכט זיך. דעמאָלט האָט מען געמיינט, אַז מ'וואַקסט גרויסע מענטשן און געקוילערט זיך אין מיאוסע ערטער צווישן גראָזן. הייַנט איז מען אַן אַנטיקוואַר, מ'נאַרט אָפּ נאַרישע אַמאַטאָרן און מ'פירט

טרענקען אַ קאַץ צו דער ווייסל. ער צעלאַכט זיך. אים איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איז בעסער, און ער פרעגט באַ „פודעלן":

— „פודעל", ווי מיינסטו איז בעסער, אויסשמירן זיך אין פעך, אָדער פירן טרענקען אַ קאַץ?..

„פודעל" מאַכט עטלעכע קאָזשעלקעס און שטויסט אָן „באַלטאזאַרן" פון אַ זייט. „באַלטאַזאַר" גיט זיך אַ טרייסל און ציט ווידער אייז פאַביאַנען דאָס שטריקל אין פאַרבאַנדאַזשירטן פינגער, הייבט זיך פאַביאַן אויף פון זײַט און גייט ווייטער לענגויס דעם ברעג, ביז ער זאָל געפינען אַ רויק שטיקל אָרט.

די זון שײַנט שוין הויך — זעט ער. צו פאננא מאלגאשא דאַרף ער נאָך אויך אַריינגיין און טרינקען קאַווע מיט שמאַנד. דערצו דאַרף ער נאָך מאַכן אַ בייט מיט געגנסטין: אַוועקגעבן אים עפּעס אַ הינקעדיק קרוציפיקסל און נעמען באַ אים אַן עכטן קאַנאַריק, אויף דעם זעליגן „פיקערס" אָרט — און ער שטויבט אַלץ אין דער סאַזשיקער ערד און קוקט אויס מיט זיינע שאַרפע אויגן אַן אָרט, וואו קיינער זאָל אים נישט שטערן.

*

אַ גאנצע האַלבע שעה צייט איז פאַביאַן געזעסן באַם ברעג און געריסן זיך אַזוי מיטן שטריקל, אַז דער פאַרבאַנדאַזשירטער פינגער האָט זיך אים אינגאַנצן אויפגעבלאָזן. ער איז געזעסן אויף אַ שטיין האַרט באַם וואַסער, אַזוי, אַז די כוואַליעס האָבן אים געוואַשן די שפּיץ שיך. ער האָט געצויגן באַם שטריקל, אונטערגעשטופּט „באַלטאזארן" פון הינטן. נאָר באַלטאזאר איז אין וואַסער נישט געגאַנגען. ער האָט געררייצט „פודעלן", צוגעזאָגט אים מתנות:

— „פודעל" — האָט ער געטענהט — מאַך עס גיכער... מ'דאַרף נאָך טרינקען שאָקאָלאַד בּאַ פאננא מאלגאשא...

„פודעל" האָט געאַרבּעט מיט אַלע כּוחות. ער האָט אונטערגעשטופּט די קאַץ פון אַלע זייטן, איבּערגעקערט זי, נאָר זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט געקוקט מיט גלאַנצעדיקע אויגן אויפן בּרייטן כוואַליעדיקן טייך, דורכגענומען זיין גאַנצע טיף און גרייס און זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ קנויל. פאַבּיאַן האָט געריסן בּאַם שטריקל פון עטלעכע זייטן מיט אַמאָל. ער האָט זי געוואָלט צעטומלען, פאַרדרייען איר דעם וועג און אויסנוצנדיק די רגע, אַריינפירן זי גלייך אין וואַסער.

די ווייסל האָט געכוואַליעט, געהויבּן זיך און געצויגן זיך צום בּרעג, געלעקט מיט שוים-בּאַדעקטע צונגען, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס כאַפּן, פאַרשלינגען און אַוועקגעטראָגן אין אירע טיפענישן. פאַבּיאַן האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַרומגעבּאַנדאַזשירט פעסטער דעם צווייטיקטן פינגער און בּאַוועגט עטלעכע מאָל מיט די וואָנסן, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס צוגעטראַכט. „בּאַלטאַזאַר" האָט אינגאַנצן אָנגעשטרענגט די גלאַנציקע בּלוט-פאַרלאָפענע אויגן און נאָכגעפאָרשט יעדע פאַבּיאַנס בּאַוועגונג.

די סכּנה איז געווען נאָענט.

פאַבּיאַן האָט צוגעבּונדן דעם עק שטריקל צו אַ פאַרפוילטן פלאַקן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַסער, און גענומען טרייבּן די קאַץ פון הינטן, גלייך אין וואַסער אַריין. דאָס מיטל איז געווען אַ גוטס: נישט זעענדיק פאַרנומען מיטן שטריקל, האָט ער געהאַט פרייע הענט און געקאָנט טון מיט זיי. ער האָט גענומען דעם שפּיצרוט אין האַנט, געאַרבּעט מיט אים פון אַלע זייטן. אויך „פודעל" איז צוריין אין עקשנות. ער האָט געבּיסן די קאַץ פון אַלע זייטן, געפּרוּווט איר אַנשטויסן פון

אַן אומגעריכטער זייט, ווי ער האָט עס געטון נעכטן פאַרטאָג, און געבן די מעגלעכקייט זיין באַלעבאָס אויסנוצן די רגע.

פּאַביאַן איז געשטאַנען פון אַ צווייטער זייט און פאַרשמעלערט איר אַלץ מער דעם באָדן, צודריקנדיק זי צום וואַסער. „באַלטאַזאַר" האָט אָנגעהויבן זיך אָפּרוקן, פאַרלירן אַ טריט נאָך אַ טריט. פּאַביאַן האָט אָנגעהויבן טומלען. ער האָט געררייצט „פודעלן", געפאָכעט מיטן שפּיצרוט, מיט די פּאָלעס, געפייפט און אַזאַ טומל געמאַכט, אַז „באַלטאַזאַר" האָט זיך אָנגעהויבן צעצוטומלען, אנווערן דעם אינסטינקט פאַר נא ין און אָנשטאָט צו דער טרוקעניש גלייך געגאַנגען אין וואַסער.

די וויסל האָט אַ כוואַליע געטון, אַ הילכיקן פּליסק געגעבן און מיט אַ שוימיקע צונג פאַרשלונגען דאָס צאַפּלדיקע באַשעפעניש. פּאַביאַן האָט אַזש אַ טרייסל געטון פון נערוועזער צופרידנקייט און אויסגעשריגן:

— „פודעל", אַריין, „פודעל"...

נאָר אין דער רגע האָט זיך באַלטאַזאַר מיט אַ געוואַלטיקן ברום אַרויסגעריסן פון וואַסער. איינגעדרייט זיך אין אַ קנויל און מיטן גאַנצן אימפּעט, מיט דעם גאַנצן ווייטיק, מיטן גאַנצן בראַנד, משוגעת און פאַרגיפטונג באַהאַלטן אין די ציין און אין די נעגל — אַ פלי געטון אין לופט און געטראָפן פּאַביאַנען אין אויג.

פּאַביאַן האָט אַ כאַפּ געטון אַ לאַץ פון ראָק און האַסטיק צוגעשטופּט צום אַרויסלויפנדיקן אויג, ווי ער וואָלט עס וועלן פאַרהאַלטן; מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער זיך געקלאַמערט אין דער לופט, געטשעפּעט זיך מיט אויסגעשטרעקטע לאַנגע פינגער אין חלל, וואָס האָט שוואַרץ געטאַנצט אַרום אים.

„פודעל" מיט באַלטאַזאַרן האָבן זיך געקנוילט האַרט אַרום ברעג, זידנדיק מיט אַלע גערערים פון אינגעווייד אַרויס.

די ווייסל האָט געשמורעמט, געכוואַליעט און געלעקט מיט גיריקע שוי־
מיקע צונגען דעם אָפּגעריסענעם ברעג, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס פֿאַר־
כאַפּן, פֿאַרשלינגען און אַוועקטראָגן אין אירע טיפענישן...

1923

אין װעג

(1922)

ד'ער לאַנגער פאַרשטויבטער מיליטערישער צוג אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי שטייט פאַרדוקט אין אַ ווינקל, ערגעץ אויף דער דרייצנטער ליניע. אויף אַ פּראַלעלער ליניע דערנעבן שטייט אַ פאַרויכערטער לאָקאָ' מאָטיוו מיט אַ ווייסן „מאַקסים גאָרקי" אויפן בויך; ער שטייט אַ הייסער, אַ זודיקער, זויפט וואַסער פון אַ לאַנגער ברעזענטענער קישקע און גיסט גלייך אונטער זיך, ווי אַ שכור אַן עובר בטל. די רעלסן זענען פאַר' זשאַווערט, פאַרלאָזן און אַזוי פאַרזונקען אין דער ערד, אַזוי אַרומבאַוואַקסן מיט ווילד גראָז, ווי קיינמאָל וואָלטן זיי גאָר קיין רעדער נישט געפילט אויף זיך.

דער קאָמענדאַנט פון צוג, אַ פרוי אין אַ שינעל, מיט שטיוול און מיט איין נאָכהענגענדיקן אַרבל, אָנשטאָט אַ האַנט, דרייט זיך לאַנגאויס דעם צוג אויף אַ מענערישן שטייגער און לאָזט געדיכטע קנוילן רויך אין דער פרימאָרגנדיקער גרינער לופט. זי באַקוקט די וואַגאָנעס פון איר פאַרדוקטן דאַשעק איבער די אויגן, זי שפּאַרט אָן איר איינע האַנט אָן מויער און רופט מיט אַ געמאַכטער באַסאָווער שטים, וואָס קומט אויס ווי ביי אַ סריס:

— חברים, צוגייט אייך נישט! „מאַקסימקאַ" האָט זיך שוין אָנגעטרונקען... חברים, אויף אַן אָרט . . . די ליניע איז שוין אָבגערייניקט . . .

סאָלדאַטן ענטפערן נישט קיין וואָרט. זיי האָבן נישט גערן, אַז אַ „באַבע" קאָמאַנדעוועט, מעג זי אַפילו האָבן פאַרלוירן אַ האַנט אויפן פראָנט. איבעריגנס, הייסט מען זיי שוין אַזוי זיין גרייט מער ווי אַ מעת־לעת צייט און דער צוג שטייט אַלץ אויף אַן אָרט — זיצן זיי דעריבער ווייטער אין קאַראַהאָדן אַרום די פלאַקערנדיקע שייטערס, זיי וואַרפן צו אין פייער אַ שטיק נאָדלדיקע צוויג, זיי מישן מיט פאַרשניצטע שטעקאַלעך אין די קעסעלעך הירזש, און דערווייל ציט יעדער אַראָפּ פון זיך דאָס העמד, מ'זיצט מיט ציגערנע צלמלעך אויף די נאַקעטע ברוסטן, מ'זוכט אין די

אָנגעבלאָזענע העמדער און מען ברומט מיט פאַררויכערטע שטימען:

— ניקאָלאשקע, די גיין און פערציקסטע געכאַפּט . . .

— וואַניאַ, וואַרף, זיי יש אין פייער, ס׳טנאָך פאַרפאָרן אין דער הירזש . . .

אויפן ברייטן פלאַץ, דורכגעפלאָכטן מיט צעדרייטע רעלסען, הויבט זיך אָן באַוועגן.

פון פאַרשידענע זייטן קומען ין אָן בערדיקע גוים מיט פולע זעקלעך מעל אויף די פלייצעס, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די משא צוזאַמען מיט מאוסע ריחות ווישן זיי לאַנג די רויטע פאַרשוויצטע פנימער מיט די פאַרדריפּעטע אויסגעטעפּעטע פאָלעס. נעבן די ברענענדיקע שייטערס וואַקסן פאַרהוילטע שיקסעס אויס און שטייען אַ צייט אָן אַ זייט, ווי זיי וואָלטן נישט דרייסט זיין צו שטערן די האַלב-נאַקעטע סאָלדאַטן אין זיי׳ער „אַרבעט״.

דער צוג איז אײַנגאַנצן אַ מיליטערישער. דאָס זעען זיי, סיי פון די קופּעס פערדישע מיסט, וואָס די קאַוואַלעריסטן וואַרפן אַרויס פון די וואַגאָנעס, סיי פון לעדערנעם קרומנעדיקן קאָמיסאַר, וואָס דרייט זיך אַהין און צוריק און גלאַנצט מיט זיין אויסגעהאָפטענעם שטערן אויף דער ברוסט. מיט אַזאַ צוג קאָן מען אַפילו ויַן דאַך זיך נישט איבערשמוגלען, נאָך דערצו אַז יעדערער האָט אַ ביסעלע תבואה אויך. די סאָלדאַטן קאָכן קעסעלעך מיט הירזש, אַ שטיק סאַלע וואָלט זיי געוויס געשמעקט צו באַשמעלצן — און זיי פּאַקן אויף די ברודיקע טיכלעך, נעמען געזאַלצענע שטיקלעך סאַלע אין די הענט, אַן אָנצוהערעניש אויף אַ מתנה, דערנענטערן זיך פאַרויכלטע, פאַרשעמטע צו די האַלב-נאַקעטע מאַנסבילן, קוקן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו די אייגענע באָרוועסע פיס און בעטן זיך מיט אַ דאָרפישן חנ׳דל:

— נעמט מיט, מאָלאָדצי, איין זעקעלע נאָר.

די סאָלדאַטן שווייגן אַ ווײַלע. דאָס ווייסן זיי נישט, צו דאַרף מען זיי אַרײַנגעמען די באָבעס אין „רעדל״ און זיי אַ ביסל דורכטרײַסלען, איבערוואַרפן זיי, ווי אַ פּילקע, פֿון איינעם צום צווייטן, אָדער אפשר גאָר זיי געבן אָן אָבשניט, אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך מער נישט דרייען אַרום מיליטערישע צוגן. גאָר וואַסקאַ, דער זעכציניעריקער פרייוויליקער, וואָס האָט אָ פּאָר אויגן פֿון אַ דערוואַקסענעם און מאַכט קונצן ווי אַ קאָמעדיאַנט, קוקט ערנסט אָן די שיקסעס און פֿרעגט מיט אַ וואָזשנעם טאָן:

— וואָס פּירט איר, באַבינקעס, שוואַרץ מעל, צי ווייס?

די שיקסעס שווערן זיך:

— שוואַרץ, טײַערענקע, יעי באָהו שוואַרצס . . .

און די סאָלדאַטן צולאַכן זיך אַזוי האַסטיק און געציכט, ווי אויסגעדאַרטע פּעסער וואָלטן צושפּרינגען:

— כאַ, כאַ, כאַ, באַבענקעס גאַרישע . . . כאַ, כאַ, כאַ . . .

דער לעדערנער קרומנעזיקער בחור מיטן אויסגעהאָפּטענעם שטערן אויף דער ברוסט ברענגט צושלעפּן אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן און באַקלעבט מיט זיי עטליכע פֿאַרשטויבטע וואַגאָנעס. די סאָלדאַטן וואַרפֿן אַרויף אויף זיך די העמדער און זאַמלען זיך אין קופּקעלעך אַרום די אָנגעקלעבטע פּאַפּירן.

אויף איינעם אַ וואַגאָן איז אַ צײַטונג אָנגעקלעבט, איבער איר עטליכע מיליטערישע באַפֿעלן, אויף אַ מאַשינקע געשריבן. אָבער דאָס איז נישט אינטערעסאַנט. וואָס איז דען נישט אַלצאיינס, צי פֿאַרנומען נאָך עפּעס אַ שטעטל, צי פֿאַרלאָזן אַ שטעטל?

אינטערעסאַנטער זענען שוין די פּלאַקאַטן מיט די רויטע, בלויע און גרינע פֿעטע פֿאַרבן: אָט שטעכט אַ סאָלדאַט אַ לאַנגע פּיקע אין אַ גענעראַל אין סאַמע הינטן און רויטע פֿאַרב גיסט זיך, ווי פֿון אַ קוואַל.

אָט שטייט אַ פּויערל אויף אַ גראָבן פּריצישן בויך און שטרענגט זיך צו דוקא מיט ביידע אָבצאַסן טיף אין אינגעווייט אים אַריינצוקריכן. וואַסקאַ לייגט די אָנגעשריבענע גראַמען פון אונטן שרעקלעך ממזריש און סאָלדאַטן קייכן פאַר געלעכטער:

— זדאָראָוואָ טשודאַשקי... זדאָראָוואָ...

נאָר אַמשענסטן איז דער פּאָפּ: ער זיצט אַזוי ברייט איבערן גאַנצן פּלאַקאַט. די אויגעלעך זענען ביי אים שמאָל און בוימלדיק, דער צלם איבערן בויך און די דיקע קורצע הענט ציען זיך אַזוי גיריק פון די ברייטע אַרבל צום פעטן קאַטשקעלע און דעם קיישל אייער, וואָס א דאָרער גויעצעל מיט זיין פאַרטרוקנטע גויקעלע האָבן געבראַכט אַ מתנה. זיי בוקן זיך פאַר אים, דער גויעץ מיט זיין גויקעלע, ער זאָל ווען נעמען די מתנה, און סאָלדאַטן טענהן צו אים:

— כע, כע, כע, אַ קאַטשקעלע זיך דיר פאַרגלוסט, הע?...

— כאַ, כאַ, כאַ, אייערלעך דיר פאַרשמעקט, האַ?...

די פויערים און פויערטעס שטייען אָן אַ זייט און שמייכלען מיט נאַריש און פאַרשעמט. זיי טראָגן נאָך אַליין אויך קיישלעך אייער און הינער צו זייער דאָרפישן פּאָפּל. נאָר איצט קאָן זיין, אַז די סאָלדאַטן וועלן זיי אפשר דאָך לאָזן דורכשמוגלען די עטליכע זעקלעך. עטליכע שיקסעס האָבן זיך שוין דורכגערעדט מיט די סאָלדאַטן אויך. אמת, אַז זיי האָבן צופיל געוווּנקען מיט די אויגן און סאָלדאַטן אין וואַגאָן איז דאָ אַ סך... אַ סך... אָבער אפשר וועט מען זיך שוין ווי נישט איז דורכשמוגלען — און זיי שמייכלען מיט די גאָטסלעסטערישע געלעכטען פאַרשעמט און שפּיציק, אַזוי, אַז ס'איז שווער צו וויסן, צי זענען זיי שונאים צי פריינט.

אַרום די וואַגאָנען מיט פערד שטייען צוויי גויעס, אַ מאַמע און אַ טאָכטער און בעטן זיך:

— נעמט, רעבגאמאַ. מירן סאַלע געבן . . .

אַן אוקראַאינער שייגעץ אַ רעקרוט מאכט חוזק:

— דאָ טאָר מען נישט עסן אַזעלכעס . . אָט דער געקרייזלטער זשי־דאָק מיטן „שטערן" הייסט נישט . . .

די גויעס פאַרשטייען נישט און בעטן ווייטער:

— מירן ברויטעלע געבן . . . גערשטענע, ריין גערשטענע . . .

נאָר דאָ שטעלט זיך וואַסקאַ אַרויס, ער ווינקט קאָמענדיאַנטיש מיט זיינע אויגן פון אַ דערוואַקסענעם און זאָגט:

— מ'קאָן נעמען, באַבינקע, מ'קאָן . . . נאָר . . . נאָר מ'דאַרף שלאָפן, פאַרשטייסט?

די טאָכטער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און אַנטלויפט. נאָר די מאַמע שטעקט אַריין דעם אַלטן קאָפּ אין וואַגאָן און זאָגט קאַלט און גלייכגילטיק, ווי זי וואָלט מושוה געהאָרן אויף אַ מסחר:

— גוט, קינדערלעך, לאָזט . . .

נאָר דאָ גיט זי אַ פלי צוזאַמען מיט איר זאַק, און קולות, פרייליכע, צולאָזענע און רויע ציטערן אין דער לופט:

— פּאָשלאַ, מכשפה, אַלטע, פּאָשל . . .

אַ געלער ברייטביניקער גוי מיט אַ מעכטיקע ברוסט פון אַ „באָגאַטיר" שׂהט זיך מיט זיין צוואַקסענער פליישיקער טאָכטער: אויך איר האָבן די סאָלדאַטן צוגעזאָגט אַריינלאָזן, נאָר זיי האָבן צופיל צוגעווונקען צו איר מיט די אויגן. דער גוי קראַצט זיך לאַנג אין די קודלעס און באַשטייט:

— גוט, מאָלאָדצי, נאָר מיך לאָזט אויפן דאַך, בלויז אויפן דאַך . . .

די סאָלדאַטן באַשטייען נישט:

— דו פּאַטערל, דאַרפסט אויפן דאַך אויך נישט פאָרן. מיר דאַרפן דיך נישט . . .

און ער שטייט פאַרתּמט, גלייכגילטיק און שלעפּט די זעקלעך ת. וואָס פון איין אָרט צום צווייטן.

דער צוג איז שוין איינגאַנצן איצט גרייט אין וועג. דער לאָקאָמאָטיוו איז אויסגעשמירט אויסגעפּוצט. די וואַגאָנס באַשריבן מיט קרייד און די סאָלדאַטן האָבן שוין מורא צו דערווייטערן זיך און זיי פאַראומרייניקן די גאַנצע ערד אונטער די וואַגאָנס. בלויז איין זאַך איז נאָך דאָ אָפּצוטון:

פון איינעם אַ וואַגאָן, דאָרט, וווּ דער געלער גוי האָט בדעה אַרייַנ־זעצן זיין טאָכטער, דאַרף מען אַ טיפוס־קראַנקן אַרויסטראָגן. שוין א גאַנצן מעת־לעת, ווי ער קרעכצט אויף זיין ביסל שטרוי און וויל נישט עסן די אָנגעפּאָרפענע פּאָרציעס ברויט, וואָס ליגן נעבן אים, ווי אַ בינטל היי נעבן אַ חולה פערד . . . צוויי סאַניטאַרן אין ווייסע פאַרטיכער קריכן מיט אַ טראָג־בעטל איבערגעדעקט מיט אַ שינעל און בייזערן זיך:

— אַ וועג מאַכט . . . אַ וועג!

זיי טרעטן אַריין אין מיאוסע ערטער און שעלטן:

— עך, ערדעלע פאַרעיפּושטע . . .

נאָר די סאָלדאַטן מאַכן זיך נישט דערפון.

זיי קוקן אויף די בייע שטיוול, וואָס זעען זיך אַרויס פון איבערגעדעקט־טען שינעל. זיי טראַכטן מיט אַראָבהענגענדיקע טשופּרינעס אָנשטאָט שטערנס וועגן דעם קראַנקנס נאָך גוטע שטיוול, וואָס וועלן מסתּמא אַריינפאַלן צו די „ווייסע פאַרטעכער” אין די הענט, און פאַר כּעס ווילן זיי נישט מאַכן פאַר זיי קיין וואַרע. בלויז נאָר פון אַן אָפן וואַגאָן־פענסטערל קוקט אַרויס א פערדישער קאָפּ, און ער שפּיצט־אָן די קרײַ־צרישע אויערן, ציטערט מיט די נאָזלעכער און שטייפט דעם האַלז. דאָס

האָט ער דערשמעקט קריג, ווונד און בלוט און ער צוהירזשעט זיך הויך און פאַרבענקט.

די סאָלדאַטן שאַרן זיך אַריין אין די וואַגאָנס, ווינקען צום געלן פויערס טאָכטער, זי זאָל זיך אויסהיטן פאַרן קאָמענדאַנט און רופן שטיל:

— אַריין . . . אַריין . . פאַרהאַן אַ לײדיק אָרט . . . דעם קראַנקנס אָרט . . .

אין לופט הויבט אָן ווערן וואַרעם, אַ זון אַ ליכטיקע און אַ גאַנצע באַ' ווייזט זיך, נאָר דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט אַ האַסטיקן רויך אַרויס און פאַרטרייבט זי אינגאַנצן. דער געלער פויער כאַפּט מיט אַ גיכער באַוועגונג די געפּאַקטע זעק און וואַרפט זיי אין וואַגאָן. ער הויבט אונטער זיין צעוואַקסענע טאָכטער צו עטליכע פּאָר רויטע גיריקע הענט, און אַ הילכיקער געלעכטער צוזאַמען מיט אַ הייזעריקן סקריפּ פון אַ פאַררוקטער וואַגאָן-טיר ציטערן אַ צייט אין לופט:

דער צוג גיט אַ קוויטשיקן פייף — אַ פאַרויכערטע מאַשיניסטישע שטים שרייט.

— גאָטאָוו ? — אַ ווייבערשע שטים איבערגעמאַכט אויף אַ באַס ענטפערט צוויי מאָל:

— גאָטאָוו . . . גאָטאָוו.

און אַ רויך, אויסגעמישט מיט קוילן, זשאַווער און פונקען הילט אַלע איין אַרום זיך.

אונטערן פאַרמאַכטן וואַגאָן שטייט דער געלער גוי מיט דער באָגאַטי' רישער ברוסט פאָראויס. ער שטייט מיט אַ פּאָר שווערע פיס, ווי צו' געוואַקסן צו דער ערד, און שרייט מיט אַ מעכטיק צוצויגן קול אויף ווייט, ווייט אַרום זיך:

— מאַטריאָנאַ, פאַרגעס ניִשט די לײדיקע זעק צוריקברענגען! . . . מאַטריאָנאַ אַ זאַק קאָסט אַ פאַרמעגן . . . מאַטריאָנאַ!

ײ ד ן

(1923)

ס'איז געווען אין אַ הייסן פרי־מאָרגן, בשעת אין זאַקסישן גאָרטן פאַרברענגען נאָר אַלטע פּראָצענטניקעס, שווינדזיכטיקע און פאַרשווינען וואָס הונגערן צו. ווי געוויינטליך, בין איך געזעסן ביים זייגער: ס'איז מיר אינטערעסאַנט געווען זיך איבערצוצייגן, צי אַז מ'ציילט אָב ביז זעכציק, לויפט טאַקע פאַרביי אַ מינוט, צי נישט?

צום פאַרגעסן דעם הונגער איז עס געווען אַ זעלטן מיטל.

דורך מיין באַנק האָט דורכשפּאַצירט אַ הער, מיט גרויסע האָר, אין ברילן און אין אַ פּעלערין. ער האָט געפירט אויף אַ קייטעלע אַ הינטעלע, מיט פּונקט אַזעלכע געקרייזלטע האָר, מיט פּונקט אַזאַ שטיל געענגל, ווי ער אַליין. אַפילו דאָס געזל ביים הינטל איז אויך געווען ענלעך צום באַלעבאָס'ס נאָז: אַ פּלאַטשיקס און אַ ברייטס; ס'האָט עס נאָר געפעלט א פּאָר גאָלדענע ברילן מיט דרעטלעך אויף די אָבשטייענדיקע אויערן.

דער הער אין פּעלערין האָט נישט אַראָבגעלאָזט פון מיר קיין אויג. דאָס האָב איך געפילט. אמת, אַז ווי נאָר איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף אים, האָט ער גלייך אַראָבגעלאָזט די אויגן און כלומרשט אַ מורמול בעגעבן צום הינטל:

— בעק רויק . . .

נאָר באַלד האָט ער מיך ווידער באַטראַכט, געדרייט זיך האַרט נעבן דער באַנק, און מיט אַ מאָל:

— מ'קאָן זיך צוזעצן, מיין הער? . .

— צוזעצן? — ביטע. די גאַנצע באַנק איז פריי . .

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. רעדן וועט מען שוין. קלאָר ווי דער טאָג, ס'גייט נאָר אין דעם, ווער ס'וועט פריער אָנהויבן. דער הער אין פּעלערין הוסט, הוסט מיט אַ טרוקן געמאַכט קול, ווי עס הוסטן נישט־בעהאַוועטע בחורימלעך בעת שליסן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ מיידל אין גאָרטן. איי-

געגנזעגן, דאַרף איך איצט טאָן מיין חוב. איך דאַרף נאָר זאָגן איין וואָרט, אַ שטייגער:

— ס'אַרע היץ היינט . . .

אָדער:

— אַ שיין היטעלע ביי אייך . . .

נאָר איך זאָג עס נישט. אפשר איז דער הונגער מיינער שולדיק, וואָס איך בין אַזוי שלעכט און פייגיק אַ מענטש. מיין שכן האַלט זיך מער גיכער איין:

— אַן אינטערעסאַנטע לאַנד ביי אייך. יונגעלייט זיצן אין אַזאַ צייט אין גאָרטן — ביי אונז זעט מען עס נישט. אָ, ניין! . . .

ער האָט מיך איצט געפּאַקט. אויף דעם מוז איך שוין ענטפערן:

— קאָן מען וויסן, וווּ איז דאָס ביי אייך? . . .

— יאָ, יונגערמאַן — אין ע נ ג ל אַ נ ד . . .

איך שטעל אָן מיין אויג: מאָדנע! אַבי מ'זאָגט, אַז ענגלענדער זענען אַזעלכע בלאָנדע, שטייפע און שווייגנדיקע. מיין שכן איז שוואַרץ, געקרייזלט, מיט אַ נאָז ספּעציעל געבוירן פאַר ברילן און דערצו נאָך אַזאַ בערעדעוודיקער!

נאָר מיך אינטערעסירט נאָך אַן אַנדער זאַך:

— הם . . נו, מיין הער, און קיין אַרבייטסלאָזע . . . ס'הייסט, מענטשן, וואָס האָבן . . . נו, וואָס האָבן אַ שטייגער נישט . . .

— קיין ברויט, מיינט איר? . . .

— אָט, אָט . . . נו, און אַזעלכע איז גאָר ביי אייך אין ענגלאַנד נישטאָ? . . .

— נאָ! . . . פאַרהאַן . . פאַרהאַן! . . . אָבער זיי זיצן אַלנפאַלס נישט אין גאָרטן.

— ווו-זשע? . . .

— ווו? — פאַראַן אין ענגלאַנד הייזער אַזעלכע, געבויט פון גוטע און פרומע לייט, קריגט מען דאָרט צו עסן, זיי א נאַכט-לעגער, און נאָך א גוט ביכל איבערצולייענען אויך . . .

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. ניט אין געווען האַרציק באַנג, אלמאי איך בין נישט איצט אין דעם דאָזיקן ענגלאַנד, וואָס האָט אַזעלכע גוטע און פרומע לייט. מיין שכן האָט דערציילט. ער האָט דערציילט אַלץ וועגן דעם גוטסקייט פון זיינע לאַנדסלייט און פאַרענדיקט:

— אַלעמען ווילן מיר העלפן, און נעגערס, און ציגיינער, און כינעזער, און אינדיאַנער, און געצנדינער און יידן . . .

— וואָס רעדט איר? . . .

— איר קאָנט זיך איבערצייגן, יונגערמאַן . . . קומט מיט מיר . . .

מיר האָבן זיך ווידער אַמאָל באַטראַכט. איך האָב זיך אַליין אויך באַטראַכט. קיין געלט האָב איך נישט, האָב איך זיך געקלערט, קיין מיידל בין איך אויך נישט — און איך האָב זיך פריילעך אויפגעהויבן פון אָרט:

— גייען מיר . . .

ער האָט גענומען אין האַנט דאָס היגטעלע אויפן קיטל, מיט דער אַנדערער האַנט מיך ביים אָרעם און זיך פאַרגעשטעלט:

— בענדזשאַמין קלעפפיש . . .

איך בין געגאַנגען און א געדאַנק האָט מיך געמאַטערט: מאָדנע! אין די אַלע ענגלישע ראָמאַנען, וואָס איך האָב געליינט און איבערזעצונגען האָב איך קיינמאָל נאָך אַזאַ נאָמען נישט געזען . . .

קיין שום געפערליכעס איז נישט געוועזן ביי די ענגלענדער, אפילו נישט פאַר גבירים. נישט פאַר מיידלעך. געוועזן אכילו עטליכע מיידלעך אויך, ס׳רוב רויטע און מיאוסקייטן, שרעקליכע מיאוסקייטן. אַז זיי האָבן גערעדט האָב איך קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. מיר איז אויסגע־

קומען, אַז זיי טראַכטן יין אַליין אויס מאָדנע ווערטער, ווי עס טוען קליינע קינדער, וועלנדיק רעדן אויף אַ פרעמדער שפּראַך. מיט מיר האָבן זיי גערעדט דייטש, ס'הייסט נישט ריין דייטש, נאָר ווי עס רעדן גאַליצישע יידישע מיידלעך, מיט יידישליכע ווערטער געמישט. געהייסן האָבן זיי אַלע „מאָדנע" נעמען: מיס קאַטץ, מיס גאָלד, מיס באַרבאַנעל, מיס שאַפּירא. אַמשענסטן זענען געווען די צוויי מאַנסביילן, מיט וועלכע מ'האָט מיך באַקענט. איינער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מיט געלע ברעמען און מיט אַ שרעקליך שאַרפן קנאָפּ אין רויטליכן האַלז. ער האָט געטראָגן אַ מאָדנע לאַנגען סורדוט, פאַרקנעפּלט ביזן האַלז. גערעדט האָט ער מיט אַ דין קוויטשיק קולעכל, מיט אַ זינגערל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט דריי נעמען:

— מיסטער וויליאם אייזיק פּישלזאָן . . .

דער אַנדערער איז געווען אַ הויקער, גאָר מיט אַ גרויסער צוקעמטער באָרד און מיט אַ הויכן רבנישן שטערן, וואָס האָט נאָך אַפילו געהאַט אַ דין קנייטשל אַרום, אַ סימן פון אַ יאַרמעלקע. אַז מ'האָט מיך צוגעפירט צו אים, האָט ער זיך אויסגעווישט פריער דעם הויכן שטערן מיט אַ רויטער פאַטשיילע אויף טרוקן. ער האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אַ לויזע, אַ ווייכע און אַ מאַכטלאָזע, ווי אַ גוטער-ייד ביים „שלום" נעמען. אַ רויטע מויד האָט אונז באַקענט:

— מיסטער גאַנז . . .

איך האָב צוריק אַ ברום געטון אונטער דער נאָז און געפרעגט:

— אויך אַן ענגלענדער? . .

— אָ, יאָ — האָט דער הויקער גרייט געענטפערט — מיין טאַטע-פאָטער איז געווען דער בערימטער לאָרד קערטאָן . . .

איך האָב אַ הוסט געטון. דאָס פלעג איך שטענדיק טון, בעת איך האָב געוואָלט זיך אָפּהאַלטן פון אַ נישט-אָנשטענדיקער באַנעמונג, אָדער נישט

אַרויסלאָזן. נאָר אַ צווייטע רויטע מויד האָט מיך גלייך אַרייַנגעפירט אין עפּעס אַ ווייטן צימער און געפרעגט:

— וואָס האָבן זי געגעבן, סמעטענע מיט קעז צוזאַמען, אָדער באַזונדער? . . .

איך בין געזעסן און געקייט. פון גרויסן זאַל ווו איך בין פריער געווען, האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַ פּוסהאַרמאָניע, קלאַנגען אַזעלכע הייליקע און קאַלטע, אַז מ׳האָט איינגעגאַנגען פאַרגעסן אין הייסן זומער־טאָג. איך האָב געפילט, אַז איך עס נישט שיין. מיינע ציין זענען געווען אָפּגעשוואַכט פון הונגערן, איבערהויפּט די באַק־ציין. איך האָב געפילט, ווי די ביסנס קוקן מיר דורך די אויסגעדאַרטע קינבאַקן, און ציטערן האַסטיק, ווי אַ ביין ביי אַן אַלטן הונט אין פּיסק. איבער מיר האָט געהאָנגען אַ נאַקעטער יעזוס און געקוקט מיר מיט מאָדנע בעטנדיקע בליקן גלייך אין די אויגן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער בעט זיך ביי מיר:

— כאַפּ נישט אַזוי גיך, מיין זון, וועסט זיך נאָך דערוועגן . . .

יעדן פרימאָרגן בין איך געקומען צו די „ענגלענדער".

איך האָב געגעסן סמעטענע מיט קעז באַזונדער, סמעטענע מיט קעז צוזאַמען און אויסגעהערט די הייליקע געזאַנגען פון די רויטע מיידן, וואָס האָבן עפּעס שטאַרק דערמאָנט אין אַ כאָר פון קעץ אין אַ רעגנדיקער מערץ־נאַכט. דערנאָך בין איך אַריין אין דער קליינער קירכע, וואָס איז געווען אויסגעלייגט איינגעגאַנצן מיט קישעלעך, מיט אַ סך זיידענע קישעלעך. אויבנאָן איז געשטאַנען אויסגעשניצט פון האָלץ יעזוס־בילד מיט אַ העל אָפּגעפאַרבט בערדל און מיט רויטע וווּנדן אויפן האַרץ און אויף די הענט און פיס. אין דער קירכע איז אויך געווען פאַסטאָר פישלזאָן, מיסטער גאַנז און אַ מנין יידן, וואָס זענען שוין, עטליכע וואָכן צייט געקומען

אַהער יעדן טאָג לערנען אַביסל די הייליקע שריפט און צוגרייטן זיך פאַר־רעכענען אין דער אנגלאָ־זאקסישער קירכע, אָדער ווי פאסטאָר פישלזאָן פלעגט זאָגן: „גרייטן זיך אויף ס'ביי געבוירן ווערן" . . .

צווישן די „ביי־געבוירענע" זענען געווען פאַרשיידענע פון גאָר דער וועלט: געווען אַ ייד אַ כוהר פון רוסלאַנד, אַ ייד אַ בצל־דאגהניק, מיט אַ ווייב און צוויי טעכטער. מ'האָט אים געטריבן פון זיין שטאָדט, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון אַלע געשעפטן, גענומען ווייב און קינדער און געקומען קיין ווארשע. ער האָט נישט געוואָלט זיין אונטערגעוואָרפן דער רוסישער צערקווע; ער האָט נישט קיין צייט דערויף, צו קריכן אַלע מאָל צו די תפלות און צו די פּאָפּן; און ער איז געקומען אַהער אַזש אַזוי ווייט, אַבי אָפּ'פּטרן און אַהיימפאָרן. געווען אַ יונגער גימנאַזיסט, גרייט אריינצופאַלן אין אוניווערזיטעט און שוין זיך אָנגעטון אַפילו דעם בייעם בלויען מונדיר מיט די בלישצענדע געגילטע קנעפּ. געווען עפּעס אַ ווארשעווער יונגערמאַן אַן אינזשעניר מיט אַ טעכנישן צייכן אין לאַץ, גרייט אָנצוקומען אויף אַ באַן ליניע. געווען עפּעס אַ יונגע אלמנה, אַ כלה פון אַ משומד; און געווען אויך אַ פּראָווינצער יידל אַ קאַליקע. ער איז געקומען אין שטאָדט אַריין בעטלען, נאָר מיסטער קלעפּפיש האָט אים געבראַכט אַהער; זיצט ער אָפּ גאַנצע טעג און וואַרט ס'זאָל שוין נעמען אַ סוף; ער זאָל כאַפּן די פּאָר גילדן און אָנפּייפן „ענגלאַנד" . . .

פאַסטאָר פישלזאָן איז געזעסן אויבנאָן ביי אַן אָפן בוך און געלערנט, גע־לערנט מיט אַ ניגון, וואָרט ביי וואָרט. ער האָט געזאָגט אַ פסוק אין ענגליש, באַלד דעם זעלבן פסוק אין דייטשמעריש, ווי מ'איז מעביר די סדרה:

— „אונד דער הער יעזוס גינג אם בעטלעעם . . . אונד די מאַריע וואַהר בעטריבט" . . .

דער עולם איז געזעסן ביים טיש מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, שעמענדיק

זיך קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. ער האָט זיי אַלע מאָל געפרעגט:

— פערשטאַנדען, ניכט וואהר?...

האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ, כאָטש פאַרשטאַנען האָבן זיי גראָד ווינציק. אמת, אַז מיסטער גאַנז האָט זיך אַריינגעמישט. ער האָט געוווּסט, אַז דער רוסישער סוחר מיט ווייב און קינדער רעדן רוסיש, דער יונגער אינזשעניער — פּויליש און דער יידל, די קאַליקע, בלויז יידיש — האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום זאַל מיט שנעלע רבנישע טריט, ער האָט געביסן די שפּיץ באָרד, געצויגן האָר, און יעדער מאָל אונטערגעהאָלפן מיט האַרבע ווערטער, ווי אַ מלמד ביים פאַרהערן:

— מאַטהעמאַוס, קאַפּיטל דריי... פּ.ס. יאַס, קאַפּיטל זיבן און דריי ניין...

דער סוחר פון רוסלאַנד האָט אַבּילו געכאַפּט אַ דרימל און אַ שנאָרך געטאָן מיט דער נאָז. איך בין געווען גרייט, פאַרגעדיעט, און ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט כאַפּן פליגן, כאַפּן די עטליכע פליגן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום יעזוסעס כאַרווונדעטע הענט, מיינענדיק, אַז ס'איז דאָרט אמת בלוט. מיר איז גאָר געווען נישט אָנגענעם פאַר „בעקן", ער האָט זיך בגנבה אַריינגעשאַרט אין קירכע, אַוועקגעזעצט זיך קעגנאיבער דעם פּאַסטאָר פּישלזאָן און אויסגעהערט אַזוי ערנסט זיינע פּסוקים, אַז אָט, אָט, האָט זיך געדאַכט, וועט ער עפענען דאָס היגטישע מויל זיינס און אַוועקשטעלן דעם פּאַסטאָר אַזאַ האַרבע פראַגע, אַז יענער וועט בשום אופן נישט געפינען קיין ענטפער אויף איר.

אַז מ'האָט געענדיקט, האָבן אַלע פרייער אָפּגעזיפצט. בלויז דעם רוסישן סוחרס ווייב האָט זיך געריבן דעם פאַרשלאָפענעם פּוס און געהאַט טענות צום מאַן:

— סאַשאַ, — האָט זי אים געמוסרט — נו, איז נישט בעסער געווען

אַריינצוגיין צום פּאָפּ אין דער היים . . . מ'וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן ביז . . .

דער סוחר האָט אויסגעווישט די פאַרשלאָפענע אויגן און געמורמלט:

— טשאַרט יעוואָ זנאַיעט . . . גיי ווייס וואָס בעסער איז . . . ווי אויסצורעכענען . .

מיינע קינבאַקן זענען שוין געווען פול און פאַררויטלט. אַ חוץ סמעטענע מיט קעז האָב איך אויך געקריגן פון די רויטע מיידן אַ סך מילך און שאָקאָלאַד. איך פלעג זיצן אין זאַקסישן גאָרטן שוין נישט ביים זייגער צווישן די חולאים, פּראַצענטניקעס און הונגעריקע, נאָר אין די פרוכט־אַלעען, צווישן די באָנעס און דינסטן. איך פלעג זיי שענקען שטיקלעך שאָקאָלאַד, וואָס איך פלעג באַקומען מתנות פון די רויטע פרומע מיידן, מיר פלעגן קריכן אין די ווינקעלעך אונטער די געדעכטע ביימער, און די קינדער אין די וויגעלעך פלעגן זיך אויסשרייען די העלזעלעך:

— ניאַנ — יאַ! . . . ניאַניאַ! . . .

וועגן דער קירכע האָב איך נישט געטראַכט. איך פלעג נאָר אַהינגיין אָפּ־עסן.

איינמאָל, אַריינקומענדיק זונטאָג בייטאָג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט גלייך ביי דער טיר און געבליבן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן.

אין קירכע איז געווען פייערליך צוגערוימט. די פוסהאַרמאָניע האָט כסדר געשפילט, פּאַסטאָר פישלזאָן איז געגאַנגען עפעס גאָר אַ מאָדנע ראָק, אַ לאַנגען, אַ גלאַנציקן און איינגאַנצן אָן קנעפּ. די רויטע מיידן זענען געווען אָנגעטון אין שוואַרצע פאַרמאַכטע קליידער, ווי די באָנעס, מיסטער גאַנז איז געשטאַנען אַרויסגעשטעלט אויף אַ בענקל, געריסן זיך אויף די שפּיץ בעגל צו יעזוסעס קאָפּ און אָנגעטון אים אַ נייע דאָרן־קראַנץ אויפן קאָפּ. דער מנין יידן איז געווען יום־טובדיק געקליידעט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי מיינען עס טאַקע אויף אַן אמה, די „ענגלענ־

דער״, און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון: שטעלן ווייטער אַ טריט, צי ניט! אַ רויטע מויד האָט מיך אָנגענומען ביי די האַנט:

— איר זענט נאָך נישט אָנגעטון? — קומט! . . .

צום ערשט איז עס געגאַנגען גלאַטיק. פּאַסטאָר פּישלזאָן האָט געפרעגט די נעמען, יאָרן, וווינאָרט. די אורזאַכע פון טויפן. אַלע האָבן שוין געקאָנט אויסווייניג:

— איבערצייגונג, הער פּאַסטאָר . . .

דער פאַרכמורעטער סוחר פון טיף רוסלאַנד האָט אפילו געשיינט. ער האָט אָפּט געקוקט אויפן וויב, אויף די טעכטער און אין זיין בליק איז געלעגן נצחון:

— אַ מאַנסביל איז פאָרט אַ מאַנסביל . . .

די רויטע מיידן האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, געטוליעט זיך איינע צו דער צווייטער, ווי אַלע מאָל אַלטע פאַרזעסענע מיידן און געסטאַ״רעט זיך צו האָבן פאַרטראַכטע הייליקע אויגן. מיסטער קלעפּפיש האָט געפּוצט די גאָלדענע ברילן, ער האָט עטליכע מאָל איבערגעלייגט דאָס שוואַרצע בוך אויפן שטענדער, גלייך געמאַכט די ליכט. מיסטער גאַנז האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די ווייכע טריט, געביסן מלמדיש די שפּיץ צוקעמטע באָרד, געפּוצט זיך דעם סורדוט, וואָס איז נישט געווען צוגעשניטן צו זיין הויקער, און געהאַט אַ פּנים פון אַ שמש, וואָס גרייט זיך מסדר־קידושין זיין אַ רייכע חתן־כלה און ריכט זיך אויף אַ גוטן מאָל־צייט.

פּאַסטאָר פּישלזאָן האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג זיי״נער, געעפנט אַן אַלט בוך מיט הילצערנע טאָוולען און אָנגעהויבן לייענען

— און פאַר מיינע אויגן זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרקרומטע בערדיקע פאַר״שוינען מיט השׂגות אין די הענט און מיט פייערדיקע רייפלעך איבער די הילע קעפּ. מלאכים, מיאוסע גויעס מיט לאַנגע קליידער און באָרוויסטע

פּיס, האָבן אויסגעשטרעקט לאַנגע הענט, געצויגן טויטע פון קברים. מלא־כימלעך, דיקע פליישיקע קינדער, מיט פאַרטעכלעך פאַר די באַקעטע בייכלעך האָבן עפּעס גיך אַרומגעשפּרינגען, געיאָגט זיך נאָך שפּעלעך מיט קרענצלעך אין די געדרייטע הערנער. און האַלב־באַקעטע פאַרשוינען מיט דיקע פיס און געקרייזלטע שעפּכישע קעפּ האָבן געוואָרפן שטיינער, געשאָלטן און געיאָגט זיך — נאָר, נאָר צוצורייסן און דערשטיקן . . .

דער עולם האָט אויסגעהערט. דעם רוסישן ייד איז אפילו געפעלן געוואָרן דעם פּאַסטאָרס רייד, כאָטש ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. מיסטער גאַנז איז צוגעקומען און געזאָגט שטיל:

— דאָס טאוך־וואַסער איזט שאָן גרייט . . .

נאָר מיט אַמאָל האָט זיך פּאַסטאָר פּישלזאָן אָוועקגעשטעלט קעגן עולם. ער האָט אָפּגעדוסט עטליכע מאָל און אַ פרעג געטון ביים יונגן אינזשעניער:

— וואָס ווערדען זי זאַגען, מיין הער, וואָן מאַן פרעגט אינען, וואַרום דער הער יעזוס האָט דאָס הייליקע בראָט געגעסן? . . .

דער יונגער אינזשעניר איז רויט געוואָרן און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— טאַק . . . טאַק . . הם . . .

פּאַסטאָר פּישלזאָן איז געוואָרן נאָך רויטער און, אויפהייבנדיק פּאַסטאָריש אַ פינגער אין דער הויך, האָט ער מיט איבערצייגונג געזאָגט:

— שלים, מיין הער! ווילסטו גוטער קריסט זיין, מוזסטו בעפאָר גוטע יודע זיין . . .

ער איז גלייך אַריבער צום רוסישן ייד מיט זיין ווייב און טעכטער:

— וואָס וועלן זי זאגען, מיינע הערשאַפטן, ווען מאַן פראַגט, וואַרום דער הער יעזוס האָט די זאַנגען אום זאַמסטאַג געפּפליקט? . . .

דער פאַרכמורעטער סוחר האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן. זיין פרוי און טעכטער האָבן געבליקט אויף אים מיט שרעקליכע בליקן.

פּאַסטאָר פּישלזאָן איז שוין נאָך דער געוואָרן. דער פּריעדיקער פּסוק, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן יידן און קריסטן איז אים שטאַרק געפעלן. מיט די זעלבע ווערטער האָט זיך צו אים געווענדעט אַמאָל אַן אַלטער ענגלישער פּאַסטאָר. ער האָט געזען אין דעם אַן אַ שיעור אמת און ער איז אַריבער צום יידל די קאַליקע:

— זאָגט דען ניכט דער מאטהעאוס אין קאַפּיטל? . .

אין דער קירכע איז געווען שטיל, אַנגעשטרענגט שטיל, אַזוי, אז מ'האָט געהערט ווי ביי מיסטער גאַנז, קאָכט אין בויך. ער האָט געוווסט, מיסטער גאַנז, אַז פון אים, די קאַליקע, קען מען גאָרנישט האָפן צו הערן עפּעס. דער איינציקער טרייסט בין איך געבליבן — און ער איז צו צו מיר און מיר געשטארכעט מיט שפּיציקע פינגער אין די זייטן:

— זאָגט איר . . . זאָגט . . . קאַפּיטל זיבעצן . . . זיבעצן . . .

איך האָב גאַנץ גוט געוווסט. איך האָב געדענקט, אַז אויף אַזאַ פראַגע איז דאָ אַ צוגעגרייטער תרוץ: „האָט דען נישט דוד המלך אויך געגעסן פון לחם-הפּנים” . . . — נאָר ווייל ביים פּאַסטאָר פּישלזאָן איז געלאָפן דער שאַרפער קנאָפּ הין און צוריק אין האַלז; ביי מיסטער קלעפּפיש איז די נאָז געווען נאָך מער אויסגעצויגן; ווייל אַלע דערשראָקענע יידן האָבן מיך אָנגעקוקט מיט בעטנדע בליקן, געהאַט אַ פּנים ווי עם-הארצים ביי אַ לומדישער דרשה — און מיסטער גאַנז האָט נישט אויפגעהערט מיר שטאָרכען אין די זייטן:

— זאָג, גראָבער-קאָפּ, זאָג . . .

האָט זיך מיר אין האַלז עפּעס פאַרדרייט — און אַ געלעכטער, אַ געזונטער, אַ האַרציקער און אַ באַפרייטער האָט זיך מיר געגעבן אַ ריס אַרויס און געקלונגען איבער דער שטילער קירכע:

— כאַ, כאַ, כאַ, כאַ! . . .

דער רוסישער ייד מיט דער ווייב און טעכטער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך און געמאַכט האַסטיקע באַוועגונגען מיט די הענט. דער יידל די קאַליקע האָט געשטאַמלט; אַ רויטע מויד האָט געהאַט היסטעריקע און מיסטער גאַנז מיט מיסטער קלעפּפיש האָבן מיך געריסן ביי די הענט, געסאַפּעט שווער און געשריגן מיט קוויטשיקע מלמדישע קולעכלעך:

— זולל וסובא! גנב! אין קיין יידישער שטאָט טאָר מען דיך נישט אַריינלאָזן! . . .

אויבנאָן איז געשטאַנען יעזוס און דאָס דאָרן-קרענצל איז אים געווען פּאַרוקט אָן אַ זייט. מיט פאַרגלאצטע אויגן, מיט אַ העל בערדל, וואָס ביים אָפּשיין פון די ברענענדיקע ליכט האָט עס געהאַט אַ געלע פאַרב — האָט ער אויסגעזען איצט ווי אַ קליינשטעטלדיקער דין . . .

אויף דער פריי

(1922)

אין שפּיטאָל אויפֿן נאָמען פֿון דער „זייליקער מאַגדאַלענאַ האָט זיך דער אייזערנער טויער שווער און לאַנגזאַם געעפֿנט און אַרײַנגעלאָזט אַ פּירקאַנטיקן סאַניטאַרן־וואָגן מיט אַ רויטן קרייץ און מיט צוויי פֿאַרכמורעטע סאַניטאַרן אין פֿאַרעגנטע שטײַפֿע כאַלאַטן.

די „מיידלעך” וואָס האָבן כּסדר געקלעפּט מיט די פּנימער אין די פֿאַרלאָפֿענע לויטערע שפּיטאָל־שויבן, אויסקוקנדיק די פֿעלשערס און דאָקטוירים, וואָס דאַרפֿן קומען אויפֿן ערשטן וויזיט — האָבן אויגנבליקלעך זיך אָפּגעריסן פֿון די פֿענסטער און געלאָזט זיך צו די טירן.

זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז טאָמער וועלן זיי זיך באַגעגענען איצט מיט פּאַוועלעק דעם וועכטער, וועלן זיי כאַפּן מיטן קאַנטשיק, ווו ס׳וועט זיך לאָזן. פֿאַרן דאָקטאָרס וויזיט איז ער שרעקלעך שטרענג, פּאַוועלעק, און אָנהויבן זיך מיט אים איז נישט כּדאַי. נאָר די פּירקאַנטיקע קאַרעטע האָט געבראַכט „נײַע” אַהער, אפֿשר גאָר באַקאַנטע אויך — און זיי האָבן גיך געכאַפּט די פֿלאַכע שטעקשיך אויף די פֿיס און, האַלב נאַקעטע און צעשויבערטע, זיך געלאָזט פֿון די טרעפּ.

די צוויי פֿאַרכמורעטע סאַניטאַרן אין די פֿאַרעגנטע, שטײַפֿע כאַלאַטן, דערזעענדיק די מחנה אָנגעלאָפֿענע מיידן, האָבן געכאַפּט די בייטש און אַ קנאַל טוענדיק אין דער לופֿט, ווי מ׳פֿאַרטרײַבט עופֿות פֿון אַ פֿור, האָבן זיי גיך געשריגן:

— אַ ששאָ . . . טשיפּינקי, אַ ששש . . .

נאָר אַז די מיידלעך האָבן זיך צוריק דערנענטערט, פֿאַרשטעלט זיך מיט די עלנבויגנס, אויסצוהיטן זיך פֿון אַ קלאַפּ און געבעטן זיך:

— טשעפּעט נישט ייִנגלעך. לאָזט אָפּ . . .

זענען די סאַניטאַרן ווייכער געוואָרן און געחוזקט:

— פֿרישינקע אייך געבראַכט . . . נאָך פֿון הינטער דער מאַמעס פֿאַרטעך אַפֿיר . . .

די „בייע" האָבן געשוויגן.

אָנגעטון אין טונקעלע מענטעלעך, פֿאַרוקט די קעפּלעך אין די קעלנער און מיט אַראָפּגעלאָזענע פֿאַרשעמטע אויגן, האָבן זיי גיכער אויסגעזען ווי יונגע מאַנאַשקעס, וואָס מ'האָט געבראַכט תּשובֿה טון פֿאַר קליינע, גאָר קליינע זינד.

די פֿאַרעגנטע צימער, די קופּעס אָראָפּגעפֿאַלענע האַרבסטיקע בלעטער און די שווערע מויערן מיט די לאַנגע זויבערע פֿענצטער און מיט די דיכטע טירן, אַרומגעשמירט מיט שוואַרץ אַרום די קלאַמקעס. — דאָס אַלץ האָט אויף זיי אַ מאָדנע מורא, אָפּשיי און פֿרעמדקייט אָנגעוואָרפֿן. נאָר גאָר צוגעדריקט האָט זיי אַ באַהאַלטענער פּאָרטעפּיאַן, וואָס האָט געשיקט זיינע אַקאָרדן שרעקלעך ווייטע, פֿרעמדע און מיוחסדיקע איבערן פֿאַרמויערטן הויף — און זיי האָבן זיך אַזוי איינגעטוליעט אין זייערע מענטעלעך, אַז זיי האָבן אויסגעזען איצט אויף קינדער, אויף דערשראָקענע פֿאַרבלאָנדזשעטע קינדער.

די „מיידלעך" האָבן זיך דערנענטערט צו זיי און אָנגעהויכט זיי אין די פּנימער מיט ריח פֿון עסיק, מאַרלע, בעטגעוואַנט און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס עס הערט זיך תּמיד ביי אַרעסטאַנטן, סאָלדאַטן און שפּיטאָל־קראַנקע. זיי האָבן געוואָלט דערגיין ביי די בייע וועגן זייער קראַנקהייט און גערעדט מיט מאָדנע פֿרעמדע אויסלענדישע ווערטער, וואָס זיי האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט פֿון די פֿעלדשערס. — נאָר אַז די בייע האָבן זיך דערשראָקן, סיי פֿאַרן ריח, סיי פֿאַר די פֿרעמדע ווערטער און אָפּגערוקט זיך עטוואָס הינטער זיך — האָבן זיך די האַלב נאַקעטע מיידן צעלאַכט קוויטשיק און הייזעריק איבערן שטילן הויף און געשפּאָט מיט חוזק און כעס צוזאַמען:

— הייליקע אודאי . . . שטוביקע טעכטערלעך . . . . .

עטלעכע האָבן שוין אַפילו אָנגעהויבן טשעפּען זיך און איינע אַ געלע צעקנאָדערטע מויד מיט איין אויסגערונען אייגל, האָט האַסטיק זיך פאַרהיבן דאָס אונטערקליידל און געווונקען מיטן אויסגערונענעם אויגל מאָדנע גיך און באַוועגלעך:

— אַ נאָדעלע עס שמעקן, האַ מיידעלעך? . . .

אַ צווייטע מויד מיט אַ שוואַרץ שייטל אַנשטאָט אַ נאָז, האָט אַקעגנגעטאַנצט מיט לאַנגע שפּיציקע פינגער גלייך אין די אויגן און ווי אַ קאַץ געקרייצט:

— „מיידלעך" נאָך; פון דער לינקער זייט . . .

נאָר דאָ האָבן אַ פּאָר הענט געגעבן אַ האַסטיקן פּאַטש און עטלעכע קולות האָבן זיך צעשריגן:

— פּאַוועלעק גייט! . . פּאַוועלעק! . . .

זענען זיך די מיידלעך צעלאָפן מיט אַ קוויטש און געלעכטער און פאַרשוונדן הינטער די הויכע, שוואַרץ באַשמירטע טירן.

פּאַוועלעק, אַ דיקער קורצער פאַרשוין מיט אָנגעבלאָזענע רויטע פּיסקעס און מיט אַ שפּיציקן קאָלפּאַק אויפן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קוכער אין אַ פעטער גאָרקין, האָט זיך צוגעשאַרט אויף די קורצע פיסלעך און געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאַנטשיק אין דער הויך. פון אַלע איז אים נאָר איינע געבליבן, מאַניע שערמאַן. ער האָט געוווסט, אַז זי דאַרף שוין היינט זיך אויסשרייבן, אַז זי וואַרט נאָר בלויז אויפן דאָקטאָרס לעצטן וויזיט — און ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע:

— געבן איר מיטן קאַנטשיק, צי נישט? . .

נאָר דערזעענדיק די צוויי סאַניטאַרן מיט די פאַרהילטע צוויי מיידלעך, האָט ער גיך אַראָפּגעלאָזט דעם קאַנטשיק איבער אַ פערדישן הינטער און געפּאַנפּעט אונטער דער נאָז:

— אַ גוט מאָרגן אייך, הערשאַפט מיינע . . גוטן מאָרגן אייך.
די סאַניטאַרן האָבן אים דערלאַנגט נאַסע רויטע הענט און אין איין וועגס געגעבן אים אַ קיצל אין גראָבן בויך.
פּאַוועלעק האָט באַטראַכט די צוויי נייע מיט אַן אויג פון אַ באַלעבאָס, ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף מאַניע שערמאַן און געסאָפּעט:
— איין ערטעלע איז שוין דאָ . . . אָט די אָ גייט היינט אַרויס . . .
אַ סאַניטאַר האָט געצויגן מיט אַלע כּוחות ביי אַ פערדישן נאַסן עק, דורכ' געצויגן אים דורכן ענגען רימען, פאַרקניפּט אין אַ קניפּ און געענטפערט פויל און אָנגעכמורעט:
— איינע אַרויס און צוויי אַריין . . .
מאַניע שערמאַן שטייט אין דאָקטאַרישן קאַבינעט. זי באַטראַכט צום לעצטן מאָל די בילדער מיט די אויסגעמאָלטע געפּלאָגטע פּנימער און גלידער, זי קוקט מיט מורא אויף דער מעטאַלענער שטול און גלאַנציקע שפּיזי' קע אינסטרומענטן, ווי אויף געפּערלעכע באַקאַנטע, און זי הערט דעם דאָקטאָרס באַסעדיקע שטים:
— נישט טרינקען קיין אַלקאָהאָל. נישט עסן קיין האַרבע זאַכן. אין דריי חדשים אַרום זיך מעלדן . . .
פּאַוועלעק, דער וועכטער בעמט דאָס פּריש אָנגעשריבענע פּאַפּירל פון דאָקטאָרס האַנט און מורמלט צו מאַניען:
— קומט, פריילין, קומט . . .
ער זאָגט איר היינט „איר" און רופט זי פריילין.
אַז זיי גייען אַוועק פון דאַנען, לאָזן זיי אַלע איבער לעצטגעלט. נישט בחנם דערציילט ער זיי פון אַלעם, וואָס טוט זיך פון יענער זייט צוים און גיט זיי איבער געגוי אַלע ליבעס און אינטריגעס פון ערשטן הויפּט- דאָקטאָר ביזן לעצטן פעלדשער. איצט דאַרף ער אָפּנעמען ביי איר די שפּיטאָל-קליידער און אַרויסגעבן איר די אייגענע. און ער לאָזט זי פרי'

ער אַריין אין טיר פֿון „צעכהויז“, ווי אַן אָנגעזעענע דאַמע, און פּאַנ־פּעט:

— דערלעבט זיך, פֿריילין מאַניע . . . איך האָב אייך אַלע מאָל דאָס געזאָגט . . . איך בין אייך אַלע מאָל געווען אַ פֿאָטער . . .

מאַניע שאָקלט אים צו אויף אַלע רייד זיינע און זי פֿילט ווי דער קאָפּ איז איר שווער און פֿלאָנטערנדיק פֿון טראַכטן.

שוין מער ווי אַ יאָר, עטלעכע חדשים מער, ווי זי פֿלעגט טאָג נאָך טאָג זיצן צוגעקלעבט צום פֿענסטער און קוקן, קוקן שעהן לאַנג אויף די זעלבע ביימער, אויף דעם זעלבן שפּיץ דאַך, וואָס האָט פֿון דאָרט פֿון אונטער דעם צוים ערגעץ אַריינגעקוקט, און אויף דעם ווייטן, פֿאַרהילטן פֿענסטער, פֿון וואַנען באַהאַלטענע אַקאָרדן פֿלעגן אַרויסדרינגען איבערן הויף און מישן זיך מיט לאַנגע צעצויגענע „אויען“, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט צווישן די ביימער.

תחלת פֿלעגן נאָך צוויי ליכטיקע שעהן זיין, שעהן, אויף וועלכע דאָס וואַרטן און קוקן האָט אַ זין געהאַט. צוויי מאָל אין וואָך פֿלעגט „ער“ קומען און פֿרוכטן שפּייזן געבראַכט. זי האָט די פֿרוכטן צעטיילט, נאָר פֿון די איינציקע געבליבענע האָט געשמעקט עטלעכע טאָג צייט מיט וועלט אויסער דער שטיינערנער וואַנט און מיט אים דעם איינציקן אויף דער וועלט. זיי פֿלעגן שפּאַצירן די עטלעכע שעהן צווישן די שמאָלע אויסגעטרעטענע שטעגעלעך פֿון באַוואַקסענעם הויף, אַרומגעקראָכן אַרום די רונדע בייטן בלומען און אָפּגעזעסן דערנאָך אויף אַ נידריקער, האַלב איינגעזונקענער באַנק. מ׳האָט זי מקנא געווען. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן קיינעם מער נישט אויסגעקוקט און אָפּגעזאָגט זיך פֿון שפּאַציר. פֿון אַלע פֿענסטער האָט מען זיך אַראָפּגעבויגן, כּדי זען אים, אָנקוקן אים, נאָר דערנאָך האָבן אָנגעהויבן גיין וואָכן נאָך וואָכן, איינע פּוסטער פֿון דער אַנדערער. ער איז פֿאַרשווונדן געוואָרן, פֿאַרשווונדן ווי אַ בלעטל, וואָס דער ווינט רייסט אָפּ און פֿאַרטראָגט — און טעג האָבן אָנגעהויבן

ווערן מאָדנע ציִענדיק און געשוואָלן, שעהן האָבן זיך געצויגן פּוסטע
נישטיקע, גאַנצע אייביקייטן. און זי האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען:
נאָך וואָס דאַרף מען גאָר אַזויפיל טעג אויף דער וועלט, צי וואָס אַזעל־
כע לאַנגע, לאַנגע שעהן, אַזויפיל נאָגנדיקע פּעניקע צייטן?

פּאַוועלעק קריכט מיט זיינע קורצע פיס איבער די פּעק אָנגעוואָרפענע
זעק, ער פּילט אַן די לופּט מיט שטויב, שימל און קאַרבאָל און ער
דערלאַנגט ענדלעך אַ מאָגער זעקעלע:

— איירס, פריילין מאַניע?

יאָ, דאָס איז עס.

זי זיין דאָך אָנגעקומען אַהער זומער, פאַראַיאָרן אין מיט זומער. אָט
איז עס דאָס קליידל, אַ קורץ ווייס זיידן קליידל, אָט די ווייסע זאָקן,
די לאַקירענע לעטשלעך מיט די פּאָמפּאָניקלעך. קיין מענטשלע איז
נישטאָ, ניין! נו, יאָ, זי האָט דאָך דעמאָלט נישט געדאַרפט. זי איז
נאָר אַריין אויף אַ ווײַלע, בלויז דאָס ביסל אונטערשרייבן. נאָר ווער האָט
דאָס ווייסע נייע קליידל אַזוי צעקנייטשט, פאַרברודיקט, פאַרוואָס זענען
די זאָקן אַזוי אָפּגעבלאַקירט, די לעטשלעך ענג, פאַרדאַרט און געפּלאַצט,
און דאָס ראָזע טוליענע היטעלע, גאָט! וואָסער שרעקלעך היטעלע
און נאָך מיט רויטע קאַרשן פאַרפּוצט!

— אייך ט'זיין קאַלט אין דעם, אמת, פריילן מאַניע? . . .

— קאַלט?

— פאַרשטייט זיך. ס'איז דאָך שוין היינט אין דערפרי אַ שנייעלע גע־
גאַנגען. אַ דראָבנע נאַס שנייעלע . . .

אים טוט שוין באַנק פּאַוועלעקן, אַלמאַי ער האָט זיך גאָר געצאַצקעט
מיט אַזאַ זומערדיק אויסגעפּיאַקעטע „ליאַלקע”. מעגלעך, אַז זי האָט קיין
גראָשן נישט ביי דער נשמה. און ער איז אַזאַ נאַר און רעדט מיט איר

ווי מיט עפּעס רעכטס. ער ווייזט איר מאַקי אָן אויף די בלאָטיקע ערטער און חוזקט שטיל:

— פריילין מאַניע פּאַרזיכטיק, אַ שאָד אייערע „ליאַקערקעס” . . .

נאָר ניין, זי האָט אים דאָס לעצטע געלט אָפּגעגעבן. דאָס ביטעלע אפילו אויך — און ער באַגלייט זי צום טויער. ער קושט איר אַפּילו אין די האַנט און פּאַנפּעט צופרידן:

— איר קאָנט נאָך, פריילעשי, זייער אַן אָנשטענדיקע דאַמע זיין. פּאַוועלעק קאָן אַ וועלט. דורך פּאַוועלעקס הענט זענען גרעפינס דורכגעגאַנגען, פירשטנס. די גאַנצע וועלט איז אַזוי . . . פּאַוועלעק ווייסט . . .

ער גיט צומלעצט אַ סקריפּ מיטן שליסל, אַ שמאָל שטיקל פרעמדע וועלט כאַפּט זיך אַריין דורך אַ האַלב געעפנט אייזערן טירל און אַ הילך, אַ שווערער הילך פון אַ פאַרהאַקט טירל הינטער זיך . . .

די גאַס גייט נאָך אַלץ אַזוי קרום, די מויערן שטייען נאָך אַלץ אַזעלכע שטיינערנע, דער ברוק אַלץ אַזוי גלייך אויסגעפּלאַסטערט און אַפּילו אַ דראָזשקע דראַפּעט זיך באַרג אַרויף, אפשר אַ מאָל די אייגענע דראָזשקע, וואָס מיט אַזויפיל, אַזויפיל צייט צוריק! אַפּילו דאָס אייגענע הויטגעשעפט פון „מאַדמואַזעל אַנעט” מיטן גילדענעם קאַפּעלוש אויף דער שילד!

נאָר פאַרוואָס טומלט עפּעס אַזוי אין קאָפּ, פאַרוואָס פּלאָנטערן זיך די פיס?

דוכט זיך, אַז סאָלדאַטן זענען דעמאָלט געווען אַנדערע, מיט פּיקלהויבן, איצט זענען זיי מיט היטעלעך און מיט גאַנץ אַנדערע מונדירן. די נאַכט פאַלט צו, די טויערן פון די הייזער זענען צוגעשפאַרט, פון דער זייט אַ הויכער מויער מיט אַ פאַרשלאָסן אייזן טירל. אַ קראָם איז אַפּילו אָפן. בייגעלעך קוקן אַרויס פון פענסטער פרישע און ברוינע. נאָר די האַנט

איז לײדיק, פּאַוועלעק האָט אַ קוש אין האַנט געגעבן און זי איז געבליבען לײדיק און דער אויטאָמאָביל וואָס פליט ער אַזוי משוגע! דאָס גאַנצע ווײסע קלײדל און זאָקן מיט בלאָטע באַשפּריצט! . .

דער ווינט שטאַרקט זיך. ער יאָגט פון אונטן אַרויף. אַפילו דער לאַמטערן שאָקלט זיך אײנגאַנצן. זאָל גאָט אויסהיטן, אַז ער זאָל זיך נאָר נישט אויסלעשן. אָן אים וואָלט שוין גאָר שרעקלעך געווען. ער איז דאָך אַזוי לאַנג אין פינסטערע פּוסטע נעכט דער אײנציקער חבר געווען, דער אײנציקער, צו וועמען מ׳האָט זיך געקאָנט צוטוליען . . .

פון דערווײטן צײכנט זיך אַ שוואַרצער סילועט, שאַרט זיך באַרג אַרויף און וואַקסט אויס נעבן לאַמטערן אין אַ פאַררעגנטן קוימענקערער. ער באַטראַכט דאָס מײדל אין ווײסן זומערדיקן קלײדל, ער גיט אַ בליץ מיט אַ ווײסאַפּל פון שוואַרצן פּנים אַרויס און מורמלט:

— קום . . .

מאַניע מעסט אים איבער פון אויבן ביז אַראָפּ און גײט אים נאָך איבערן גליטשיקן טראָטואַר גאַס באַרגאַראָפּ.

דער ווינט יאָגט אין די בוימער, הוידעט די לאַמטערנס און רײסט בײם מײדל איר זומערדיק קלײדל אין דער הויך און וויל דווקא אָפּפליקן די רויטע באָמבלדיקע קאַרשן פון איר טולן פאַרקנאָדערט היטעלע . . .

די לאַנגע שפּיטאָל-מויער ציט זיך אַ שווערע אַ פאַרהילטע און וואַרפט שטיקלעך אַראָפּגעבראָכענע צווײגן אויף דער פּוסטער גאַס, אויף דעם שוואַרץ-ווײסן פּאָרל . . .

אויף דער פרעמד

(1923)

גלייך מיטן פרימאָרגן איז זי אָנגעקומען, די אומרויקייט.

קיין שאָסן האָט מען נישט געהערט אַרום דעם שטעטל. אויך דער הימל איז גע־ווען ריין, לויטער, אָן אַ מינדעסטן סימן פון פייער אָדער רויך. די פויערים האָבן, ווי יעדן מאַרק־טאָג, זיך געשלעפּט אויף אַלע וועגן, וואָס פירן צום שטעטל. זיי זענען געלעגן פויל אויסגעלייגט אין די פורן מיט שטרוי, זיי האָבן געפּיפּקעט צונויפגעוויקלטע בלעטער, וואָס זיי טרוקענען אַליין אויף טאַבאַק, און נאָר פון צייט צו צייט, אַז אַ טאַמעוואַטע פּאָר אָקסן האָבן אָנגעהויבן רייבן צונויף די העלדזער אין יאָך און נישטערן מיט די אַלטע צעוואַקסענע הערנער אָן דער ערד, האָט זיך אַ פויעריש קול געלאָזט הערן הייזעריקלעך און פאַרדומפּן, ווי פון אַ פאַס אַרויס, און געטראָגן זיך איבערן וועג:

— צאָבע!... צאָבע־ע־ע!...

די פּנימער זענען, דוכט זיך, געווען ביי זיי, ווי אַלעמאָל, טעמפּ, גלייכ־גילטיק און פויל, שרעקלעך פויל. נאָר יידן האָבן דאָך עפּעס באַמערקט אין זיי, באַמערקט עפּעס סודותדיקס און פאַרגליווערטעס, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין יעדן קנייטש פון אַ פויעריש פּנים, אין יעדער פאַלד פון אַ פויערישער קאַפּאָטע. יידן זענען אַפילו צו צו די פורן, אַ טאַפּ געטון אין אַ פול זעקל, און אַ פרעג געטון סתם אין דער וועלט אַריין:

— שטשאָ טאַקע?

אויך ווייבער האָבן זיך געדרייט אַרום די קיישלעך מיט עופות. זיי האָבן באַטראַכט אַלע מאָל אַן אַנדער הון, געפּרוּווט טרעפן ג׳י, האַנט די וואָג, אַ בלאָז געטון אין אַ הינטערשן הינטערל און פאַרקרימט זיך:

— דאַר און קוואַר...

נאָר געפילט האָבן אַלע, אַז עפּעס איז נישט ווי אַלע מאָל. עס האָט אויס־געזען, אַז די גוים קוקן עפּעס צו גלייכגילטיק און קאַלט צו די יידישע טייסטערס מיט געלט, ווי זיי וואָלטן שוין וויסן פון פריער אויס, אַז סיי־ווי־

סיי וועט עס דאָך אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט. דערצו האָט זיך געטראָפן נאָך אַ זאַך:

ביי איינעם פון די אויסגעשטעלטע טישלעך, באַהאָנגען מיט אַ סך פּאָר ביקע טאַשמעלעך און קרעלן, האָט אַ שייגעץ עפּעס אַרויסגעכאַפּט, און די סוחרטע, אַ יידענע מיט אַ בייקולכל, האָט אים אַראָפּגעכאַפּט דאָס צוריסענע היטל פון קאָפּ און האָט געשריגן מיט אַ דאָפּלט קול:

— וועסט נישט אַוועקגיין! . . . וועסט אַוועקגעבן! . . .

פויערים האָבן זיך געזאַמלט אין אַ רעדל. זיי האָבן געקוקט, געררויכערט און ניט דער גאַנצער פויערישער ליבע צו משפּטן, צו געבן רעכט דעם גערעכטן און באַשטראָפן דעם אומגערעכטן, זענען זיי דערווייל געשטאַנען רויק און געוואַרט צו „טון" זייער זאַך. יידן האָבן גראָד נישט געשוויגן: זיי האָבן באַלד איינגעזען, אַז די יידענע דאַרף אָפּגעבן דאָס זייטל דעם גנב און זיי האָבן געטענהט:

— זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט . . .

אָבער באַלד האָט זיי באַנג געטון, די יידן: אין דעם אַליין, וואָס זיי זענען אויפן צד פון שייגעץ, ווייזן זיי זייער שוואַכקייט און מורא. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן זידלען דעם שייגעץ און באַפעלן אים פון אַלע זייטן:

— שעם זיך, גנב איינער; הענגען וואָלט מען דיך דאַרפן דערפאַר . . .

אַ ווײַלע איז טאַקע דער שייגעץ אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער איז געשטאַנען מיט אַ צוקודלעטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געגלאָצט מיט קאַלטע פאַרגליווערטע זוילן אין איין פונקט און איז גרייט געווען צו כאַפּן קלעפּ. נאָר די פויערים האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. יידן האָבן זיי געקוקט אין די אויגן, געחלשט נאָך אַ וואָרט. דעם שייגעצס היטל איז שוין אויך נישט געווען ביי דער יידענע אין דער האַנט. עס איז געלעגן אויפן טישל, אַ שווייכיגס, אַ פאַרפלעקטס, מיט אַ לאָך אין סאַמע מיט קאָפּ און געשטאָכן

די יידן אין די אויגן. זיי וואָלטן עס אים שוין אַליין אָנגעטון, צוגעגעבן אים נאָך עפּעס, נאָר ער נעמט דאָס נישט, דער שייגעץ. און די פּויערים זאָגן אויך גאָר נישט. זיי שווייגן, שווייגן פאַרעקשנט און צו־להכעיסדיק. און מיט אַ מאָל, ווי אָפּגערעדט זיך, האָבן סוחרים אָנגעהויבן איינפּאַקן די סחורות, נישט איינגעלייגטערהייט, אין די קעסטלעך, די סוחרטעס האָבן מיט דער גיכקייט אין די פינגער, וואָס נאָר ווייבער פאַרמאָגן עס, געוויקלט די רויטע, בלאָע און ברוינע טאַשמעלעך, און אַז אַ יונגע „כאַבלושקע" האָט נאָך איין מאָל געפּרוווט אַרומנעמען אַ שנירל רויטע קרעלן אַרום איר ווייסן פולן ווייבערשן האַלז, האָט די סוחרטע עס איר אַרויסגעריסן אַזוי האַסטיק, אַז די קרעלן האָבן זיך צעשאָטן, און זי האָט געשריגן, גלויבנדיק זיך אַליין דעם גאָר־וואָס אויסגעטראַכטן ליגן:

— נישטאָ קיין קרעלן מער . . . נע־מאַ . . .

ביי טאָג, אַז די פּויערים זענען זיך צופאָרן און אָקסישע ברומערייען, טעמפּע און אומגעלומפּערטע, האָבן זיך געריסן מיט רויער בהמהשער בענקשאַפט — האָט פון ווייט ערגעץ אַ דונער געטון און איבערן לויטערן הימל האָבן זיך עטלעכע שנירלעך ווילדע גענז, ווי רינגלעך פון אַ קייט, איבערגעריסן, און געטראָגן זיך מיט קוויטשערייען אין זיגזאַגן. יידן זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערט אויף זייערע ערטער, צוגעוואַקסן צו דער ערד. זיי האָבן אויסגעהערט די טויבע ווידער־קולות ביזן סוף, זיי האָבן פאַרלייגט די הענט צו די אויערן, ווי זיי וואָלטן וועלן בעסער דערהערן און געפאָרשט אויף אַלע זייטן שטאָט. אייגער אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט האָט געדרונגען, אַז די קויל דאַרף גיין פון דער זייט פון שטאָט ווייטער ערגעץ. ער האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד און געזאָגט:

— אַוודאי, די קויל האָט געגעבן אַ דאָפּלטן אָפּקלאַנג.

אַן אַנדערער, אויך אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט אויך צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד און געדרונגען פאַרקערט:

— די קויל קומט אַהער, אַז ניישט וואָלטן די פייגל זיך נישט צושראָקן...

די איבעריקע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געדינט, האָבן געטענהט גאָר עפּעס אַנדערש. יעדן איז אויסגעקומען, אַז נאָך נעכטן פאַרנאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, האָבן זיי שוין עפּעס געפילט. און כאָטש קיינער האָט קיין וואָרט נישט געהאַט דערמאָנט וועגן דעם, האָט איינער געהאַט טענות צום צווייטן, ווי מ'זאָל אים נישט פאָלגן, און געמוסרט:

— נו, האָב איך אייך נישט געזאָגט? איך האָב באַלד געוווסט . . .

פאַרנאַכט זענען סאָלדאַטן אָנגעקומען, אויסלענדישע סאָלדאַטן אין רוסישע און אין אויסלענדישע קליידער.

צום ערשטן זענען צוויי רייטער אָנגעלאָפן און אַזוי איבערגעשראָקן די הינער אַרום דעם איבערגעבליבענעם ירידישן מיסט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פליען ווי די פייגל. זיי זענען געריטן גיך, די רייטער, און זענען געלעגן אַזוי אויסגעלייגט אויף די פערד, אַז זיי האָבן באַרירט מיט זייערע אַראָפּגעלאָזענע טשופּרינעס די פערדישע גריוועס, און אויסגעזען האָט עס, ווי די פערד און די רייטער וואָלטן זיך צונויפגעוואַקסן, ווי דאָס לויפן באַשעפענישן אַזעלכע, וואָס זענען האַלב-פערד — האַלב-מענטש. באַלד נאָך זיי זענען סאָלדאַטן אָנגעקומען און געקלאַפּט מיט די געשנ.ירטע שטיוול אַן ברוק און אויפגעהויבן צוויי זיילן שטויב, ווי פאַנצערס אַרום זיך.

יידן האָבן באַטראַכט די מאַרשירנדע כאָלדאַטן און פאַרשטאַנען, אַז דער פראָנט מוז זיין גאָר נאָנט, אַז דער „באַטקא" מאַכנאָ אַליין מוז גיין, און אַז די באַן-ליניע דאַרף זיין איבערגעריסן. שטענדיק, ווייסן זיי ווען די סכנה איז גרויס, שיקט מען די „אויסלענדער" אַהער, די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָלקן. דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס האָט געזאָגט פרי׳

ער, אַז די קויל קומט פון דאָרט אַהער, האָט זיך געריצט מיטן צווייטן:

— נו, ווער ווייסט? . . . די פּאָזיציע ווערט מסתמא זיין דאָ, טאַקע אין מיטן מאַרק . . .

די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן און קללות האָבן זיך געפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן.

די ביגעזער אין רוסישע העמדלעך און אין שטיוול, פון וועלכע זיי פאַלן אַרויס, האָבן זיך גלייך אויסגעזעצט אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך. זיי האָבן אַראָפּגענומען די היטלען פון די שפּיציקע געגאָלטע קעפּ, זיי האָבן געצײַלט די קוילן פון די קוילן־טאַשן, געוואָרפן זיי אין די היטלען, זיי האָבן געווישט מיט די אַרבל די פּלאַטשיקע געזער און די קרימ־לעכע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן און געריעדט אַזוי גיך און געדיכט, ווי זיי וואָלטן שלינגען הייסע לאָקשן און בריען זיך. די ווייבער האָבן זיי באַטראַכט. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז אַלע האָבן איין פּנים און זיי האָבן געמורמלט:

— אסור אויב איך ווייס, ווי אַזוי זיי דערקענען זיך און פאַרשטייען זיך איינס ס׳אַנדערע.

די אונגאַרן האָבן זיך געדרייט די וואָנסן און געקוקט אַרום זיך מיט אויגן אַזעלכע גלאַנציקע און פרעכע, ווי זיי וואָלטן זיי באַר־וואָס אָפּגע־פּוצט מיט שוהוואַקס. אַ לעטלענדער צעוואַקסענער גוי האָט איבערגעבונדן די וויקל־בענדער אַרום די פיס, און עטלעכע יידישע בחורימלעך האָבן האַסטיק אַ זאָג געטון צו די שטעדטלדיקע יידן מיט אַ צוצויגענעם גאַליצ־יאַנישן יידיש:

— עץ זענט דאָ אַ סך יידן, וואָ? . . .

יידן האָבן זיך אומגעקוקט. ווייבער האָבן אַראָפּגענומען די פאַרלייגטע הענט פון די ווייכע ברוסטן און אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ:

— אַז אָך און וויי . . .

זיי האָבן דאָך שוין אַזוי פיל סאָלדאַטן געזען, די יידענעס, נאָר אַ מאָדנע זאַך, זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז די אַלע זענען קינדער פון מאַמעס. איצט הערנדיק דאָס צוזויגענע גאַליציאַנישע לשון, האָבן זיי זיך דערמאַנט אָן עפּעס. זיי האָבן דאָך דאָרט אויך אַ חלק, אין דעם גאַליציע: נישט איין מאַמע האָט דאָרט עמיצן איבערגעלאָזן, דאָרט צווישן די צוהויקערטע קאַרפּאַטישע בערג און גרויע פייכטע טאָלן — און זיי ווישן מיט אַן עק פאַרטוך די פאַרלאָפענע אויגן און קוקן אויף די באַוואָפנטע בחורימלעך:

— אַז אָך און וויי . . .

צו באַכט־צו האָבן אָנגעהויבן טעמפּע הילכן אָנפליען. צוערשט איז אָנגעקומען איינער, געדרייט זיך איבערן מאַרק, אָנגעשטויסן זיך אין אַ קלויסטערשן צלם, אין אַ עלענדן קוימען פון אַ אָפּגעבריענט הויז, געבלאָנדזשעט, ווי ער וואָלט זוכן אַ פּאַסענד אָרט, און ענדלעך פאַרשוווּנדן ערגעץ. באַלד נאָכדעם זענען אָנגעקומען געדיכטע שיטערייען, שרייענדיקע גרילצנדיקע, ווי מען וואָלט גרעגערן מיט גרעגערס, אָדער ווי עס וואָלטן זיך געבראָכן פאַרקנס. דערנאָך איז צוריק שטיל געוואָרן, אַזוי שטיל, ווי די וועלט וואָלט פּלוצים דעם אָטעם פאַרלוירן. דער קאָמאַנדיר, אַן עסטרייכער, מיט אַ בלוי קאַוואַלעריסטיש רעקל, האָט אויסגעשריגן אין אַ שלעכטן רוסיש:

— שמירנאַ . . . האָפּ . . .

די סאָלדאַטן האָבן זיך פויל אויפגעהויבן און אָנגעהויבן טופּען מיט די געשמידטע שיך אין ברוק. אַ גאַליציאַנער בחורל האָט זיך פאַרהאַלטן. ער האָט געפּאָכעט צו די איבערגעבליבענע יידן מיט דעם באַיאָנעט פון ביקס, און געשריגן:

— עכ׳ל זיי געבן שמעקן פולווער . . . עך . . .

און ער איז אונטערגעלאָפן, כדי זיך אויסצוגלייכן מיט די פאָדערשטע

רייען. פֿון ווייטנס האָבן זיך געצויגן צוויי גלייכע שורות טאָפּאָלן, האָבן זיי פֿאַרשלינגען די סאָלדאַטן אַלץ מער און מער, געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער און זיך צונויפֿגעוואַקסן אין איין שטיק דיקער שוואַרצקייט. ייִדן האָבן נאָכגעקוקט דעם פֿאַרשווונדענעם הי״, וואָס איז פֿאַרפֿאַפּט געוואָרן פֿון דער נאַכט. זיי האָבן געקלאַפּט ביי די קליאַמקעס און שלעסער פֿון די טירן, איבערצייגנדיק זיך, צי זיי פֿאַרמאַכן זיך גוט. און פֿון יענער זייט מאַרק, פֿון אַ זייטיק געסל, האָט זיך אַ מאַמיש קול געטראָגן איבערן גאַנצן שטעדטל און גערופֿן מיט עטלעכע ווידער-קולות אין דער פֿינסטערער נאַכט:

— מאַריאַשקע, אַ היים!... מ אַ ר י א ש ק ע!...

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדונערט אַ קאַנאָנאַדע. הילכן האָבן זיך געטראָגן איבער די דעכער, און געקלאַפּט אין די בייכיקע ווענט פֿון די הייזער און געטרייסלט מיט די גלעזלעך פֿון די לעפֿלעך און מיט דעם ביסל פּסחדיקן געפֿעס און כוסות אין די לויטערע ייִדישע שויבן-שענקלעך. אַמאָל זענען זיי אָנגעקומען שטורמיש, די הילכן, ווי זיי וואָלטן זיך פֿון איין עפּנונג געריסן, ווער ס׳זאָל פֿריער אַרויס, און ענדלעך אויסגעשאָסן ביידע מיט אַמאָל; אַמאָל זענען זיי געקומען לאַנג, צוצויגן, ווי אַ מחנה הונגעריקע וועלף וואָלטן אין אַ פּראָסטיקער, אויסגעשטערנטער נאַכט אַ נבֿלה ערגעץ דערשמעקט און זיי גייען מיט לאַנג-צוציגענע וואָיען; באַלד דערנאָך האָט אָנגעהויבן ברעכן, קרעכן זיך, ווי די פֿינסטערע נאַכט וואָלט עפּעס אַ משונהדיק גרויסן ביסן אַראָפּגעשלונגען, אַ ביסן, וואָס גייט נישט ניט-אַהין, ניט-אַהער, און די נאַכט, די פּרעסערשע, ברעכט איצט, קרעכט זי״, מייקעט פֿון זיך, אַז אַלץ אַרום טרייסלט און ציטערט. שפּעטער האָבן זיך פּיפּערייען אָנגעטראָגן, פּייפּע׳

רייען, וואָס האָבן געשמיסן איבער די קוימענס פון די הייזער, איבער די בוימער פאַר די ווענט, געשניטן לאַנג, עטעדיק און פול מיט תאוה. עס האָט אויסגעזען, אַז גאָט אַליין האָט אַן אָנגעהויערע גרויסע בייטש געהאַלטן אין האַנט און געשמיסן מיט איר די וועלט, געשמיסן אָן רחמנות איבער איר זינדיק פינסטער לייב, און ווידער-קולות, טויזנטער מיט אַמאָל, באַגלייטן יעדן שמיץ:

— ווי א ו א ו א ו א ו . . . הי א ו א ו א ו א ו . . .

נאָר אַמפּיינלעכסטן איז געווען די שטילשווייגעניש, וואָס איז דערנאָך אָנגעקומען, אַ שטילשווייגעניש, וואָס מורמלט מיט מיליאָנען שטומע שעפּטשערייען; בעת קליאַמקעס פון טירן סקריפּען פון זיך אַליין, שויבן ציטערן, כאָטש קיינער רירט זיך צו זיי נישט צו, און אַ גריל, וואָס איז שוין אַנטשלאָפן געוואָרן פון אַ צייט, וואַכט מיט אַמאָל אויף און לאָזט הערן אירע קינות פון ערגעץ אַ ווינקל, פון וואַנען מ׳האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט דאָרט זי צו הערן. ווייבער וועקן שטיל זייערע מענער פון דרימל, גלייך מיט זייער וואָך-זיין וואָלט די סכנה געוועזן קלענער. מאַמעס קוקן שטום אויף זייערע דערוואַקסענע טעכטער, פאַר׳ גינען זיי נישט איצט זייער בלאַסע שיינקייט, וואָס איז זיי אַזוי גרויס אין די אויגן, און ווילן, זיי זאָלן כאָטש אין זיך אַליין פאַרשווינדן. קינדער לאָזן אַרויס די ברוסטן, וואָס די מאַמעס שטופּן זיי כסדר אין די פּיסק׳ לעך, אַבי זיי זאָלן שווייגן, און איינער וואָרנט דעם אַנדערן, כאָטש קיי׳ נער לאָזט נישט קיין פּאַרע פון מויל:

— ש-ש-ש . . . ש-ש-ש . . .

נאָך אַזאַ שטילשווייגעניש דאַרף עפּעס אָנקומען. עפּעס איז אָפּגעטון געוואָרן אין דער פינסטערער נאַכט. אַ ן אָ ר ט איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון איין צד און דאַרף באַהערשט ווערן פון צווייטן. מיט יעדער מינוט

דאַרף עס אָנקומען, דאָס געשעענע, נאָר דערווייל איז שטיל. אַ פּאָר׳ גליווערטע, צוזאַמענגעפּרעסטע און ערוואַרטנדע שטילשווייגעניש

צוזאַמענס אין דער פרי ציען זיך איבער די וועגן צום שטעדטל אַ רייע פורן, מיט אָקסן געשפּאַנט. די פויערים, טעמפּע, גלייכגילטיקע און פוילע, רוי׳ כערן צונויפגעוויקלטע בלעטער, וואָס זיי טרוקענען אליין, און יעדעס מאָל, וואָס אַן אָקסיש פּאָר רייבט צוביל מיט די העלזער אין יאָך און פּלאָנטערט מיט די גרויסע צוואַקסענע הערנער אָן דער ערד, שרייט אַ פויעריש קול פאַרדומפּן און הייזעריק, ווי פון אַ פאַס אַרויס:

— צאָ — בּ-ע-ע . . . צאָ — בּ-ע-ע . . .

דאָס זענען די זעלבע פויערים פון געכטיקן מאַרק-טאָג. נאָר אין די פורן מיט שטרוי ליגן איצט נישט קיין זעקלעך תּבֿואה און קיישלעך עופות, נאָר פליש, צוהאַקט מענטשן-פלייש פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָלק. טייל פורן זענען באַדעקט מיט שטיקלעך נאָדל-צווייגן און טרייסלען זיך הין און צוריק. ביי אַנדערע זענען די נאָדל-צווייגן אַראָפּגעפאַלן, און אבֿרים, צופּלאָנטערטע מענטשלעכע גלידער אין איין קנויל ליגן צוקנאָ׳ דערט פאַרן אָפענעם בלויען הימל און לאָזן אַ פּאַרע. יידן שטייען פאַר די טירן, זיי באַטראַכטן די מידע טיילן סאָלדאַטן, וואָס גייען פון איין זייט שווער און גלייכגילטיק, און פרעגן שטיל ביי די אָנטרייבנדע פויע׳ רים:

— דערציייל, פּאָטערל, דערצייל! . . .

די פויערים ענטפערן פאַרשלאָפן:

— מ׳האָט זיי אַריינגעכאַפּט די „אויסלענדער״, אַריינגענאַרט זיי אין אַ טויטן-ווינקל און צוהאַקט . . . אויף שטיקער צושאַטקעוועט, ווי קרויט . . .

די פורן ציען זיך לאַנגזאַם איינע נאָך די אַנדערע, די פויערים שטויבן

מיט די באָרוועסע פיס אין דער ערד און טראַכטן מיט זייערע קאָלטענע׳ וואַטע קעפּ וועגן די אומזיסטע „פּאָדוואָדן״ וואָס זיי דאַרפן געבן אַלע מאָל. און נאָר איינע אַ שיקסע, וואָס איז מיד געוואָרן גיין צו פוס און טרייבן די אָקסן, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן און דרימלט אונטער צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ ביי יעדער טרייסל. אַ פּאָר טויטע פיס, אַ פּאָר פּאַנאַנדערגעשפּרייטע טויטע פיס, אין רויטע קאַוואַלעריסטישע הויזן געבן זיך ביי יעדן טרייסל פון וואָגן אַ רוק אַרויס פאָרויס און נעמען אַרום שטייף די דרימלענדיקע שיקסע

פאַרנאַכט-צו שפּאַנען די גוים די הונגעריקע אָקסן אין די שוין ליידיקע פורן. הינטער דער שטאָדט איז אַ לאַנער אויסגעשניטענער און טיפער ברודער-קבר אויסגעגראָבן. אַרום גרוב ליגט פריש געל זאַמד. קראָען גאַנצע מחנות, דערפילנדיק אַ פרישן קבר, פלאָנטערן זיך כסדר איבערן פלאַץ און קראַקען מיט הייזעריקע צוציגענע קולות. דער הימל איז זוי׳ בער ריין, אַזוי ריין, ווי מען וואָלט אים מיט אַ גרויסן בעזים אויסגעקערט און בלויז סמנים פון בעזים אין לאַנגע פּאַסן איבערגעלאָזן. אַ ביסל אָפּגערוקט פון קבר שטייען סאָלדאַטן אין די רייען, הינטער זיי מחנות מענער, ווייבער און קינדער, און אין מיטן, אויף אַ קאַסטן אַרויפגע׳ שטעלט, שטייט אַ יונגער, שלאַנקער מיליטער-מאַן מיט אַ גילדענעם אויסגעהאַפטענעם שטערן אויף דער ברוסט און רעדט מיט אַ פולן מענלעכן באַריטאָן. ער מישט אַריין אַ סך אויסלענדישע ווערטער, ברענגט ציטאַטן פון אַ סך ביכער און חזרט אָפּט מאָל איבער די זעלבע עטלעכע ווערטער:

— און קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט אין קאַפּיטאַל . . .

ביי אַ זייט שטייען עטלעכע יידן און לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון די שטיקער מענטש, וועלכע מ׳לאָזט אַראָפּ אין קבר גיין, איילנדיק, נאָך איידער די נאַכט קומט אָן. זיי האָבן אויך דאָ אַ חלק, די יידן, זיי

דאַרפֿן דערקענען די גאַליציאַנער בחורימלעך, וואָס האָבן אַזוי האָפֿערדיק געשריגן:

— עכל זיי געבן פּולווער צו שמעקן . . . עך . . .

נאָר ס׳איז נישט מעגלעך צו דערקענען קיינעם. בלויז ביי אַ טייל זעט מען אַ פרעמד שטיק קאַוואַלעריסטיש רויטן הויז, אָדער אַ זילבערנעם אויסלענדישן קנאָפּ.

שפּעטער, אַז דער רעדנער גייט צו צום פֿאַרשיטן קבר, זאָגט צו די אויסלענדישע שטיקער פֿלייש:

— אייביקע רו אייך, חברים . . .

און גיט אַ באַפֿעל צו די סאָלדאַטן ווייל־יונגעריש און מיט אַ מענערישן באַריטאָן:

— מאַרש, ק ר ו ג אָ ם! . . .

ערשט דעמאָלט דערנענטערט זיך דער מנין פֿאַרהילטע יידן צום פרישן אָנגעשאָטענעם זאַמד, זיי טונקען איין די אויגן אין דער ערד, טוליען זיך צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן שטיין פֿאַר אַ סכנה, און מורמלען שטיל און פֿאַרשטיקט:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא . . .

פֿון וועג צובלאָזן זיך די גלייכע שורות טאָפּאָליעס און שאָרכן־מיט שטיל און איינ האַלטן. דער געלער זאַמד הויבט־אָן בלאָזן און עס זעט אויס: דער פרישער אָנגעשאָטענער קבר באַוועגט זיך לייכט, ווי די אָנגעפּילטע שטיקער פֿלייש וואָלטן זיך גערודערט פֿון ענגשאַפט און זיך צוגעהערט צו די פרעמדע, ווייטע און אַלטע ווערטער, וואָס פֿאַלן איבער זייער דינעם שיכט ערד.

פּראָפעסאָר אַרקאַדי גריצהענדלער

(1923)

פּראָפעסאָר א ר ק א ד י ג ר י צ ה ע נ ד ל ע ר איז געזעסן בײַם גרויסן שוואַרצן ראָיאַל און אויסגעשפּילט צום לעצטן מאָל שאָפּנס „נאָקטורן״ שטיל און צוצויגן.

אויף דעם בעטל, האַרט צוגערוקט צום ראָיאַל, איז געלעגן ב ע ר ב ר ו י ן, אַ יונגערמאַן מיט אַ „יעזוס־בערדל״ און מיט אַ ווײַכן אומשולדיקן האַלדז, וואָס איז גרייט זיך מקריב צו זײַן. ער האָט אויסגעלייגט גרינע און רויטע פּאַפּירלעך איבער דעם טישעלע קעגן דעם בעט און גערעכנט מיט אַ בלײַשטיפט אויפן טישל; ער האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטון מיט דער ברעם, אַ טיפן ערנסטן שאָקל, — אַ סימן, אַז ער האָט עגמת־נפש.

עגמת־נפש האָט ב ע ר ב ר ו י ן געהאַט פון וואָס צו האָבן: פון די דרײַ־סיק בילעטן, וואָס דער שכן זײַנער, פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט אים געגעבן צו פאַרקויפן אויף זײַן שאָפּען־קאָנצערט — האָט ער, אַ חוץ צווײ, וואָס ער האָט צוטיילט באַקאַנטע מיידלעך אומזיסט, קיין איינעם נישט פאַרקויפט. דער קאָנצערט האָט שוין געדאַרפט הײַנט בײַנאַכט פאָר־קומען, אויף אַלע ווענט איז געווען אויסגעהאָנגען דער קאָנצערט־אַפיש, — אַ גרינער אַפיש מיט שוואַרצע משונהדיקע גרויסע אותיות. באַלד בײַ־נאַכט, האָט ער געוווסט, דאַרף ער אויסצאָלן אַ וואָך שכירות פאַר די אַכטאונצוואָנציק צוקנייטשטע און ברודיק־געוואָרענע פּאַפּירלעך. און ער האָט גערעכנט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, כאָטש דער חשבון איז אים גע־ווען קלאָר און ער האָט געשאָקלט מיט דער ברעם — אַ סימן, אַז ער איז אויפגערעגט.

די זאַך האָט אים אויפגערעגט טאָפּלט.

ערשטנס, האָט ער אויסגערעכנט, אַז פאַר דעם געלט, וואָס ער וועט מוזן באַצאָלן פאַר די צוקנייטשטע פּאַפּירלעך, וואָלט ער געקאָנט קויפן ב ר ע מ ס „לעבן פון חיות״ און נאָך אַלס צוגאָב — אַ האַנט־ביכל

איבער פלאַנצונגען. כמעט יעדן טאָג, ווען ער גייט צו דער אַרבעט, פאַרטשעפּעט אים אַ גאַסן-בוכהענדלער, ווייזט אים אויף די עטלעכע גע־גילטע ברעמס, פונקט ווי ער וואָלט זיין איבערצייגט, אַז נאָר ער, בער ברוין, מוז זיי קויפן, און ער ווינקט אים צו:

— קויפט יונגערמאַן, ביליק . . .

צווייטנס, האָט עס אים פאַרדראָסן, הלמאי ער איז אַ מענטש אָן כאַראַק־טער. ער האָט געפילט, אַז לויט אַלע געזעצן פון מאראל וואָלט ער גע־דאַרפט צונויפנעמען אַזוי די אַלע פאַפירלעך אין האַנט און זיי אַ וואַרף טון דעם פראָפעסאָר גלייך אין אָנגעבלאָזענעם פּרצוף אַריין:

— נאַט אייך די מציאות . . . קיינער וויל זיי נישט קויפן . . .

אַ ווײַלע האָט ער טאַקע דערפילט, ווי אַ שנירעלע וואַרעמקייט לויפט איבער אים האַסטיק פון האַרץ ביז די האַר-וואָרצל און אין די פינגער קיצלט עס שטאַרק עפּעס אָפּצוטון. נאָר אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צום ראַיאַל איז ער געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, פונקט ווי די ליפּן וואָלטן אים פאַרשלאָסן געוואָרן.

פּראָפעסאָר גריצהענדלער איז געלעגן אויסגעלייגט אין דער גאַנצער לענג זיינער איבער דער שטול, מיט די לאַנגע פיס אויסגעצויגן. די פינגער אויף די קלאַווישן זענען געווען אַזוי אויסגעצויגן און איינגעגעסן, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגעוואַקסן מיט די קלאַווישן.

בער ברוין האָט אויסגעצויגן דעם ווייכן אָפּפערדיקן האַלדז און איז געבליבן זיצן מיטן יעזוס-בערדל אַרויף.

תמיד זענען אים געווען שווער דעם שכנס אויגן. יעדעס מאָל, ווען דער פּראָפעסאָר שטעלט אויף אים אָן די גרויסע שטאַרע אויגן, דערמאָנט ער זיך אָן די וואַקסענע פאַרשוינען אין די פּאַנאָפּטיקומס און אַרום אים הייבט עס אָן צו שמעקן מיט וואַטע, עסיג און שפּיטאָל. נאָר איצט זענען ביי גריצהענדלערן די אויגן טאָפּל גרויס און ברייט און אַזוי

פֿאַרנעפּלט, אַז ער איז ענלעך צו די בלינדע אָרימע לייט, וואָס די ברעמען לאָזן זיך ביי זיי קיינמאָל נישט אַראָפּ און ווייבער האָבן מורא געבן זיי אַ נדבה, טאָמער מאַכן זיי זיך בלינד. דאָס פּנים זיינס, וואָס איז אַלע מאָל ענלעך צו פֿאַרגליווערטער פיש-יויך, איז איצט געווען אויסגעצויגן שמאָל און שוואַרצלעך-בלאַס, ווי אַ ברודיק-געקאַלכטע וואַנט, די אַקסלען זיינע, שטענדיק צו גלייכע, און קאַנטיקע, האָבן זיך איצט אויפגעהויבן אין דער הויך, געווען פֿאַרשפּיצט ווי קראָקוועס פֿון אַ דאַך געדריקט און אָפּגעשפּיגלט זיך אין דער גאַנצער טיפער שוואַרצ'קייט פֿון קלאַוויר. און אַזוי ווי אין קלאַוויר-ליכט האָט זיך נאָך פֿאַר'טשעפּעט אַ פליג, דער חלב האָט געטריפט און אַ רונד גאַנצנדיק פלעמל, ווי אַן אָרעאָל, האָט אַרומגענומען פּראָפעסאָר גריצהענדלערס באַקעטן קאָפּ, האָט עס בער ברוינען אויסגעזען ווי אַ מת, אַ באַקאַנטער מת וואָלט זיך דאָ מיטאַמאָל אַוועקגעזעצט ביים קלאַוויר און שפּילט אויס מיט זיינע ביינערדיקע פינגער אַ טויטע ליד —

בער ברוין האָט אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט אַלע בילעטן אויף דער ערד. ער האָט געוואָלט שרייען. אַ ווײַלע האָט אים געקנוילט זיך אין האַרץ, געוואָלט אַרויס, נאָר אַז ס׳איז געקומען צום האַלז, האָט עס זיך אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט, ווי ס׳וואָלט נישט האָבן גענוג אָרט דורך שמאָלן חלל אַרויס — נאָר באַלד האָט זיך דער פּלאָנטער אויפגעריסן און צוויי ווערטער, האַסטיקע, אָפּגעהאַקטע האָבן פֿרעמד אַ ריס געטון אין דער טונקלקייט:

— פּראָפעס . . . פּראָפעסאָר! —

פּראָפ. גריצהענדלער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, באַקומען מיט אַמאָל אַ לעבעדיק פּנים און מיט זיין פֿאַרגליווערט שמייכעלע אויף די דיקע ליפּן געפרעגט אויף רוסיש:

— שטא טאקאיע דאראגאי? —

בער ברוין האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלע גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— הער פּראָפעסאָר — איר האָט דאָך פאַרגעסן איבערמישן די נאָטן איר האַלט נאָך אַלץ ביי דער ערשטער זייט . . .

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט אָפּגעלאָזט די הענט פון די קלאַווישן, באַקומען די גאַנצע רויקייט זיינע, גלייך ווי גאָרנישט, געלאַסן, שמייכלענדיק און געענטפערט:

— ניטשעוואָ, דאָראָגאָי, איך קען זיי שוין אויף אויסנווייניק . . .

II

פאַרנאַכטלעך-צו האָט פּראָפעסאָר גריצהענדלער אויסגעטון דעם גלאַנציק אָפּגעריבענעם סורדוט, דאָס פּאָר שענע וועסטל מיט די רענקעלעך, און אָנגעטון אַ ווייס-רוסיש העמדל מיט אַ דין גאַרטעלע, די ריקער פון דער טאַליע.

דאָס העמדל איז געווען ריין אויסגעוואַשן, אויסגעגלייכט, נאָר אַרום די העקעלעך איז געווען פאַרלאָפן מיט געלע פלעקן פון זשאַווער. און די אַרבל, די קורצע אַרבל, פון וועלכע די באַוואַקסענע הענט זענען אַרויסגעקראָכן שרעקלעך לאַנג און אויסגעוואַקסן — די דאָזיקע אַרבל זענען געווען אויסגעריסן אין דער סאַמע מיט, זיי האָבן באַוויזן שפּיציקע, נאַקעטע עלנבויגנס און דערהאַלטן אין זיך אַ סך אומעט, איינזאַמקייט און עלנד — אָן אַ שיעור עלנד. ער האָט אויסגעווייקט די גרויסע צעוואַקסענע פיס אין הייס וואַסער, ער האָט אָפּגעשניטן די האַרטע נעגל פון די פינגער, ער האָט לאַנגזאַם אויסגעשניטן מיט אַ שפּיץ-ביינערנעם מעסערל די היבער-אויגן, געקוקט הילפלאָז אויף דעם אומגעלומפּערטן גראָבן פינגער, וואָס שטאַרט אים אַרויס מיט אַ קנאָך פון אַ זייט און שטערט אים

יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף אויסבייטן די לייוונטענע גומע־קאַמאשן אויף לאַק־שיך.

צום קאָנצערט איז נאָך געווען עטלעכע שעה צייט, נאָר פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט זיך כסדר געגרייט, ער האָט זיך געוואַשן און גערייניקט ערנסט, פול מיט שטילער דערהאַבנקייט, פּונקט ווי מ׳וואַשט עפּעס אַ טייערן חולה ערב אַן אָפּעראַציע. אַז די פיס זענען שוין געווען ביי אים אָפּגעקראָכן און איינגעטונקען זיך געשיילט פון הייסן וואַסער, האָט ער אַראָפּגעצויגן דאָס העמד פון לייב. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן, צוגעלייגט דאָס אויסגעטאָנענע העמד צו די דיקע גלעזלעך און ערנסט עס גערייניקט.

פון אַנטקעגנאיבערדיקן קיך־פענסטער, פּונקט קעגן גריצהענדלערס צימער, האָבן אַ פּאָר דינסטמיידלשע שמאַלציקע אויגן גלייך אַריינגעקוקט, נאָר גריצהענדלער האָט זיי נישט באַמערקט. אַ נאַקעטער, אַ האָריקער, מיט ברילן אויף דער נאָז, מיט אַן אונטערשטער ליפּ אַרויסגערוקט פאָרויס און מיט אַ שווערער צומגעלומפּערטער און געלערנטער נישט־געשיקטקייט אין די באַוועגונגען — האָט ער אויסגעזען איצט ווי אַן אַלטע, גוט־דרעסירטע מאַלפּע, וואָס טראָגט ברילן אויף אירע אויסגעווייגטע אויגן און כאַפּט ביי זיך פליי. ער איז געשטאַנען פאַרנומען, פאַרחושכט, געזוכט מיט באַברילטע אויגן און געטראַכט טיפע און ערנסטע מחשבות.

ער האָט געטראַכט, אַז אויב מ׳וועט אים אַרויסרופן אויף ביס, זאָל ער דורכאויס געבן אַן אייגענע זאַך, אַן אייגן שטיק קלאַסיש־מעסיקע פאַנטאַזיע; ער האָט געטראַכט, אַז די חברים־מוזיקער, וואָס לויבן אים תמיד אַלס מוזיק־טעאָרעטיקער און ראָטן אים נישט אַרויסצוטרעטן אַלס פּיאַניסט, — די דאָזיקע לייט זענען זייער פאַרדאָרבענע מענטשן און האָבן מורא, שטאַרק מורא פאַר אים; ער האָט געטראַכט אַז ווען די דירעקציע זאָל איינגיין, וואָלט ער זיין געדאַרפט האַלטן פאַרן קאָנצערט אַ פּאַר

טראג איבער שאָפּענען; און ער האָט אויך געטראַכט, אַז ער, טאַקע, נאָר ער מיט זיין עלעגיש-מעלאַנכאָלישער, טרויעריקער שטימונג און וועלט-אָנשויאונג, איז ווי געבוירן פאַר שאָפּענס מוזיק, נאָך דערצו פאַר זיינע „נאקטורן".

ער האָט דערנאָך צוריק אָנגעטון דאָס אויסגערייניקטע העמד, אַרויפגעצויגן דערויף אַן אויבער-העמד, אַ לאַנגס, אַ ברייטס און שניי-ווייס ווי אַ קיטל, ער האָט צוגעשפּילעט דעם גומענעם קראַגן, די מאַנזשעטן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אַ מאדנער בלייכער און שטייפער קאַלטקייט און אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ענגען קאָנצערטאַוון פראַק. איצט ערשט איז ער צוגעגאַנגען צום קערבל, לאַנגזאַם עס אויפגעשלאָסן און זיך פאַרטראַכט.

אין קערבל האָט ער אַ סך זאַכן: פאַראַן דאָרט אַ סך אַטעסטאַטן, לאַנגע האַלב-צעפאַלענע אַטעסטאַטן מיט גרויסע אַדלערס און אַ סך חתימות. נאָר נישט דאָס דאַרף ער איצט. איינגעוויקלט אין זאַמש, פאַרבאַהאַלטן אין אַ צירונג-קעסטאַלע, ליגט דאָ אַ לענטע, אַ זיידענע לענטע — אַן אויסצייכנונג, צום שוואַרצן פראַק, ווייסט ער, איז דאָס לענטעלע ווי אָנגעמאָסטן, אָבער ער געדענקט אויך, אַז פאַר דעם קליינעם בענדעלע האָט ער אַמאָל געמוזט אויסבייטן זיין נאָמען א ה ר ן אויף אַ ר ק א ד י און אויפגעהערט זיך דורכצושרייבן מיט זיין אַלטער מאַמע ערגעץ . . .

ווען מען זאָל עס איצט אָנטון, וואָלט מען אפשר גאָר לאַכן דערפון דאָ אין פרעמדן לאַנד. איבערקינס, ווייסט דאָך דאָ קיינער נישט „דערפון". די מוטער זיינע איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און דאָ שפּילט ער אַפילו אויף יידישע קאָנצערטן אויך. און ער וואַרפט עס אַוועק גיך און ציטערנדיק ווי עפּעס אַ מיאוסע זאַך. ער רייבט זיך אָפּ דעם לאַץ, ווי ער וואָלט וועלן אָפּווישן יעדן סימן, און ער פאַקט אויף דאָס פּעקל פאָטאָגראַפיעס, וואָס ליגן אין אַ ווינקל פון קערבל.

די פּאַטאַגראַפיעס, ווייסט ער, וועלן קיינמאָל נישט אַנווערן זייער ווערט. אומעטום שטייט מיט אים די פרוי זיינע, די קליינע פרוי, אָנגעזאַפּט מיט ליידן און טוליעט דאָס קינד זייערס, וואָס קוקט אַזוי ערנסט און שווייגנדיק אויף זיינע צו אַלטע טאַטע-מאַמע און פאַרלייגט זיין קעפּל אַז אַ זייט.

איצט זעען זיי ווייט, זייער ווייט, און קוקן איבער אַזאַ ווייטן שטח אויף יעדער באַוועגונג פון זיין שיקזאַל, אויף יעדן שריט פון זיין ערפאָלג און גליק. און ער טראָגט צו די בילדלעך יעדעס באַזונדער צו די גראָ־בע ליפּן און שעפּטשעט:

— איינציקע . . . אָ ר ע מ ע . . .

אַכט אַ זייגער פאַרנאַכט איז בער ברוין געקומען אַ יום-טובדיקער און צוגעזאָגט זיין שכן:

— הער פּראָפעסאָר, צייט צו גיין . . .

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט באַטראַכט זיין יונגן מיטווינער, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ סאַמעטענעם רעקל מיט אַן אָפענעם האַלדז, און זיין פּנים האָט זיך צעצויגן אין אַ שמייכל. אַז זיי זענען געזעסן אין דראָזשקע און געקייקלט זיך איבער די שטיינער, האָט בער ברוין אַרויס־גענומען אַן איינגעלייגט פּעקעלע אַסיגנאַציעס און, נישט דערמאָנענדיק קיין וואָרט וועגן די נישט פאַרקויפטע בילעטן, שטיל געזאָגט:

— פאַר אַלע דרייסיק בילעטן . . .

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט אויסגעציילט די אַסיגנאַציעס לאַנג און נישט געשיקט, ער האָט געטאַפּט מיט שאָקלדיקע הענט יעדעס פּאַפּירל באַזונדער און העפלעך געזאָגט.

— אַ דאַנק גאָלובטשיק, נאָר פאַר דער דראָזשקע קומט אייך אַ העלפט פון אייך . . .

III

פֿאַרן קאָנצערט־זאַל זענען געשטאַנען צוויי בראָנזענע, נאַקעטע ווייבער און געהויבן צוויי עלעקטרישע פֿאַקעלן איבער אַ גריגעם פּלאַקאַט מיט ריזיקע שוואַרצע אותיות: „פּראָפֿעסאָר אַרקאַדי גריצהענדלער". אַן אַלט דראָזשקע־פֿערדל האָט אַרויסגענומען דעם שווערן קאָפּ פֿון דער טאָרבע האָבער, האָט אַ געלאַסענעם בליק געוואָרפֿן אויפֿן ברייטן פּלאַץ מיט די דרימלענדיקע דראָזשקעס און אָנגעשטעלט די בלויליכע, פֿאַרלאָפֿענע אויגן אויפֿן גרינעם, העל־באַלויכטענעם פּלאַקאַט.

פּראָפֿעסאָר גריצהענדלער איז אַרויף אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ וואָס שפּרייטן אַזוי פֿיל רחבות אַרום זיך, ער האָט ברייט אַן עפּן געטון אַ מאַסיווע, שווערע טיר און געוואָלט אַריין אין וואַרטע־זאַל, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַן אַ האַרטן הוט און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע וואָנסן און איז געבליבן צוטומלט. ער האָט גישט געזען, אַז די טירן זענען פֿאַר אַרויסגייענדיקע; אויף אַרייַנצוגיין זענען דאָ אַנדערע טירן, און ער האָט זיך געוואָלט כאַפּן צום צילינדער, איבערבעטן יענעם, נאָר ער האָט דערווייל פֿאַרטשעפּעט די ברילן אויף דער נאָז און אַראָפּגעלאָזן זיי, — האָט זיך יענער אַ פֿלינקען דריי־אויס געטון, אַרויס פֿון דער טיר און צוזאַמען מיט אַ שווערן הילך צוגעוואָרפֿן צוויי ווערטער:

— אידיאָט שלימזלדיקער . . .

אין פֿאָיע האָט גריצהענדלער געזען ווי אַ סטודענט מיט אַ סטודענטקע גיין אַוועק פֿון דער קאַסע פֿאַרשעמט פֿאַר זייער דלות און ברומען:

— בלויז טייערע בילעטן, אַ שאָד . . .

האָט אים אַ רחמנות אָנגענומען אויף זיי. ער האָט זיך דערמאָנט עפּעס אַ פראַזע, אַז „אַ קעניג איז דער סאַמע אָפּהענגיקסטער אויף דער וועלט" און ער האָט איינגעזען, אַז ס'איז אמת; ווען זיי קומען אַזוי אַ שטייגער צו אים אַ היים, די דאָזיקע סימפּאַטישע יונגע מענטשן, און בעטן אים צו שפּילן פאַר זיי, וואָלט ער דאָך פאַר זיי אַלע זיינע פאַנטאַזיעס אויס׳געשפּילט. נאָר היינט, אין טאָג פון זיין שמחה, קאָן ער זיי גאָרנישט העלפן . . . דאָס דאָזיקע מיטגעפיל האָט אים אָנגעפילט מיט ווייכקייט, גליק און ער איז אויסגעוואַקסן ביי זיך אַליין, שטאַרק אויסגעוואַקסן. ער האָט געטראַכט, אַז דער פאַרשוין מיט די וואָנסן, וואָס האָט אים אַזוי טיף באַליידיקט ביי דער טיר אין טאָג פון זיין שמחה וועט זען די אָוואַציעס, וואָס מ'וועט אים מאַכן, וועט הערן די פאַנטאַזיע זיינע און ער וועט זיך שעמען, שטאַרק שעמען פאַר זיינע רייד. ער וועט אים אפילו אָפּוואַרטן ביי דער דראָזשקע מיטן הוט אין האַנט און וועט זיך אנטשולדיקן:

— איך האָב נישט געוווסט, הער פּראָפעסאָר . . . כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז אַן אַנדערער . . .

ער האָט שוין אפילו געטראַכט ווי אַזוי צו האַנדלען: מאַכן זיך נישט׳זעענדיק אים, אָדער אפשר גאָר מוחל זיין און דערמיט באַווייזן דעם זיג פון גייסט איבער דער ברוטאַליטעט.

נאָר אַן אַלטער קאַפּעל-דינער אין אַ רויטער געגילטער קאַפּאָטע האָט זיך פאַרנויגט פאַר אים פאַר דער סאַמע נאָז און פייערלעך געזאָגט:

— ביטע, הער פּראָפעסאָר! . . .

איז ער מיטגעגאַנגען איבער געדרייטע טרעפּ און איז אַריין אין אַ זיי׳טיקער טיר פון אַ הינטער-קוליסן-שטיבל.

פּראָפעסאָר גריצהענדלער איז געזעסן אין פאַרשטויבטן שטיבל צווישן

אָנגעוואָרפּענע חפצים און געפּילט זיך אַ פאַרגעסענער. פון ווייטן האָבן
זיך קולות געטראָגן. אן אינסטרומענט האָט ערגעץ אַ בלאָז געטון, אַ
טיר האָט זיך צוגעקלאַפּט און אַ זייגער האָט זיך צוקלינגען. און גריצ'
הענדלער איז געזעסן איינגעזונקען אין אַ נידעריקער שטול און געווען
דערשלאָגן. אים האָט עפּעס מיט א מאָל אָנגעהויבן צו גרימפּלען אין
בויך. ער האָט זיך געשטאַרקט, נאָר דער פאַרשווין מיט די וואָנסן איז
אים ווידער געשטאַנען פאַר די אויגן און געברומט:
— אידיאָט שלימזלדיקער . . .
און ער האָט געפּילט ווי דער גומענער קראַגן פרעסט אים דעם האַלדז, די
אַרבל פון העמד קלעפּן זיך אים אונטער די אָרעמס און די הענט ווערן ביי
אים קאַלט און ציטערדיק. דאָרט, פון זאַל, הערט ער, האַלט אין איין
ברומען און רוישן, קולות דערגרייכן טויב און פאַרשטיקט, פונקט ווי די
וועלט וואָלט ערגעץ ריזיקע מעשים אָפּגעטון און אים איינעם אַליין איבערגע'
לאָזט דאָ פאַרוואַרפן. קען זיין, פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז אפשר
איז עפּעס אן אומגליק געשען, מעגלעך אז דער זאַל ברענט, אַלע ראַ'
טעווען זיך און אן אים האָט מען פאַרגעסן . . . נאָר אט האָבן זיך דער'
נענטערט טריט, פעסטע טריט און אַ געזונטע שטים האָט געקלונגען
באַפעלעריש:
— הער פּראָפעסאָר!
איז ער נאָכגעגאַנגען מיט שווערע טריט, ער האָט געפּילט ווי דער אומ'
געלומפּערטער פינגער פון פיס קוועטשט אים ביים גיין און ער האָט זיך
גלייך-געמאַכט דעם פראַק און פאַרריכט דאָס צושפּאָלטענע גלעזל פון
דער בריל.
פון דער עסטראַדע אראָפּ האָט פּראָפעסאָר גריצהענדלער געזען קעפּ —
אזא גלייך פעלד קעפּ, כאָטש גיי איבער זיי שפּאַצירן. ער האָט געשפּילט
די „נאָקטורן", געפּילט פאַר די גלעזלעך אַ נאַקעטע פרויען-האַנט, וואָס

מישט צו דער צייט איבער די נאָטן, נאָר ער האָט בשום-אופן נישט געקאָנט אַזוי פֿאַרשלאָפֿן וואָך זיין, אַזוי פֿאַרנעבלט ווי אין דער פֿרי, בעת דער לעצטער פּראָבע. איצט, האָט ער געפֿילט, ווען די נאַקעטע האַנט מישט נישט איבער צו דער צייט די נאָטן, וואָלט ער נישט געדענקט קיין זאַך און וואָלט גלייך געמוזט אויפֿהערן. ער האָט געהערט אַפּלאַדיסמענטן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און פֿאַרנויגט. איין פּאָר הענט האָבן לאַנג געפּאַטשט, און אַ קול, אַ יונג קול האָט געשריגן:

— ביסס . . . ביסס . . .

ער האָט דערקענט דאָס קול, בעת רויִגס קול; האָט ער זיך ווידער געבויגט, געשמייכלט מיט די צו גרויסע ציין, אַנידערגעזעצט זיך עטלעכע מאָל, ווי דאָס אָרט וואָלט נישט זיין באַקוועם און, קלאַפּנדיק מיט די פֿינגער, נישט פֿאַרשטאַנען:

— מאָדנע לאַנגווייליקע זאַכן דעם שאָפּענס! און צו וואָס האָט ער גאָר געדאַרפֿט אַ שאָפּען-קאָנצערט, אַז אַלע האַלטן אים פֿאַר אַזאַ מייסטער אין רובינשטיינען? . . .

ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף אַ ווײַלע צום פּובליקום און ער האָט באַלד צוריק זיך איינגעגראָבן אין די קלאַווישן.

אין דער ערשטער ריי, דאָרטן וווּ די רעצענזענטן זיצן, האָט זיך איב אויסגעדאַכט, אַז ער האָט געהערט זיך שושקען. איינער אַפֿילו האָט געגענעצט, שטאַרק געגענעצט און באַוויזן אַ פֿול מויל גאָלדענע ציין. נאָר אַמערגסטן איז געווען דאָס, וואָס אַ פּאָר שוואַרצע גרויסע וואָנסעס זענען אים געשטאַנען די גאַנצע צייט פֿאַר די גלעזלעך, אַ פּאָר וואָנסעס, איינגאַנצן ענלעך צו יענע ביי דער ביר, — האָט ער באַשלאָסן מער נישט צו שפּילן זיין פֿאַנטאַזיע און די אויסגעלייגטע נאָטן האָבן אים אויסגעזען דיק, מאָדנע דיק, ווי עטלעכע העפֿטן וואָלטן געלעגן צוזאַמען.

נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט, האָט מען אים ווייטער אפּלאָדירט. ער איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַזוי בלאַס, ווי מ'וואָלט עפּעס אַ רייכן בר־מינן אויסגעבוצט אין אַ פראַק, אַנגעטון לאַק־שיך, פאַרבינדן מיט אַ ווייסן שניפּס און אָנגעדרייט אויף דראָטן, ער זאָל זיך נויגן פאַר זיינע באַ־גלייטערס. ער האָט געוואָלט וואָס־גיכער אַריין אין צימערל, הינטער די קוליסן, נאָר עטלעכע באַקאַנטע דאַמען און הערן זענען געשטאַנען לעבן אים און דערלאַנגט אַ גרויסן קויש בלומען מיט אַ וויזיט־קאַרטע. האָט ער זיך געלאָזט דרוקן זיין קאַלטע שווייסיקע האַנט פון וואַרעמע, טרוקענע דאַמען־הענטלעך אין געפילט, אַז דער קויש בלומען ציט אים מיט זיין מאַסע צו דער ערד.

— אַ שווערער קויש — האָט ער געמורמלט, און געהאַלטן אים פעסט, ער זאָל אים נישט אַרויסלאָזן פון די הענט.

בער ברוין האָט זיך געאיילט צו באַגעגענען זיין שכן, אַראָפּגייענדיק פון דער עסטראַדע. ער האָט געהאַט פאַר אים אַ קליינע מתנה צוגעגרייט: עטלעכע פּיאַלקעס און צוויי רויזן. נאָר ער האָט אים שוין נישט גע־טראָפן. ער האָט זיך געאיילט אַהיים, געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם קאָנצערט, נאָר אַהיים קומענדיק, איז שוין די טיר פון צי־מער געווען אויפגעשלאָסן. אין ווינקל ביי דער סאַמע שוועל איז געשטאַנען דער קויש בלומען, אויפן ראַיאַל האָבן זיך געוואַלגערט דער פראַק מיט די וועש, פריש נאָך פון די הענט, וואָס האָבן זיי באַרירט און אין בעט, איינגעהילט אין אַ קאָלדרע, איז געלעגן ער, דער פראָפּעס־סאָר אַליין, און געכראַפּעט, געכראַפּעט צו גיך צו האַסטיק, ווי אַ ייִנגל, וואָס נאַרט־אָפּ טאַטע־מאַמע אין גאַנצן נאַכט און מאַכט זיך שלאָפן . . .

IV

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָט פּראָפעסאָר גריצהענדלער איינגעקויפט אַלע אוונט-בלעטער און געלייגט זיך אין בעטל.

— נו יאָ, — האָט ער זיך געטראַכט, כ'האָב באַלד געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך דאָס מאָל צוּאײלן באַלד אויפצומאָרגנס.

אומעטום, האָט ער זיך דערמאָנט, איז דאָס זעלבע: אויב ס'האָט זיך אים איינגעגעבן עפּעס, האָט ער געמעגט אַ גאַנצע וואָך קויפן די צייטונגען, קויפן אינדערפרי און נאָך מיטאָג, אַלץ האָט ער באַגעגנט: ספּאָרט, אַ באַטיך וועגן אַ פאַרלוירענעם הונט, אַן אויפרוף צו שטיצן אַן אַלטע אַלמנה, נאָר נישט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. איצט איז פאַראַן, אין אַלע צייטונגען פאַראַן. ער האָט זיך אויסגעלייגט אויפן בעטל און נישט באַגריפן: זאָל זיין, אַז ער האָט טאַקע שלעכט געשפּילט, אמת. נו, איז דעריבער האָבן אַלע, הייסט עס, רעכט חוזק צו מאַכן פון אים, פיי'ניקן אים? צוזאַמען מיט די באַטיכן גייט אַ ידיעה מיט גרויסע פעטע אותיות: „פאַרמשפּט אַ מאַן פאַר פייניקן זיין אומטרייע פרוי" . . . ער לייגט די ידיעה און פאַרשטייט נישט: נו, און „זיי", זיי מעגן אים פיי'ניקן, לוסטיק מאַכן זיך איבער אים, פאַר אַלע, פאַר דער גאַנצער וועלט, און פאַרוואָס? — אַלץ דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט טרינקען קיין מילך אין טאָג פון קאָנצערט און זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן מיט דער שטימונג.

ער איז אַראָפּ אין גאַס. אויף דער וויזיט-קאַרטע, וואָס מ'האָט אים דער' לאַנגט צוזאַמען מיט די בלומען, איז אפילו געווען צוגעשריבן עטלעכע ווערטער, ער לייענט זיי איבער:

— מאָרגן, אַכט אַ זייגער אין אוונט, אַ באַנקעטל לכבוד אייך, אַ קליין, היימיש באַנקעטל

ער באַטראַכט נאָכאַמאָל די אָנגעשריבענע ווערטער און וואַרפט אַוועק דאָס קאַרטל פון זיך:

— ווינציק נאָך דער אומגעלומפּערטער קויש מיט בלומען. באַנקראָטלעך פעלט זיי נאָך!

שפּעטער-צו איז די דינסט אַריינגעקומען, אַ געזונטע, בלאָנדע שיקסע, האָט זי גלייך אַריינגעשטעקט אַ שטיק פּאַרריסן נעזל אין די בלומען אַריין און זיך געקוויקט:

— אַ . . . אַ . . . אַאַ . . . איך וועל זיי באַלד באַשפּריצן . . .

גאָר גריצהענדלער האָט זיך פון בעטל אויפגעהויבן און אָנגעטון די ברילן. אים האָט דער קאָפּ ווי געטון און אין זייט האָט אים געשטאָכן. ער איז געווען איבערגעצייגט, אַז אין דעם אַלעם זענען שולדיק די בלומען. זיי פאַרשפּרייטן אַזעלכע שטאַרקע ריחות, אַז זיי שטיקן אים אין האַלדז. ער וואָלט שוין צופרידן געווען, אַז זיי זאָלן פאַרוועלקט ווערן אַמאָל און אין שטוב זאָל ווערן אַ ביסל מער לופט. איצט זאָגט גאָר די דינסט, אַז זי וויל זיי באַשפּריצן און ער שפּאַרט אָן דעם עלנבויגן אויפן ברעג בעט און רעדט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— מ׳דאַרף נישט . . . מ׳דאַרף נישט . . . דרייט זיך מיר נישט אין שטוב.

די שיקסע איז גיך אַרויס, שאָקלענדיק מיט איר פויערישן קאָפּ אויף די „געלערנטע”, און פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט איר נאָכגעקוקט, ווי זי שאָקלט זיך אין דער ברייט אויף אירע וויגנדע לענדן, און ער האָט זי מקנא געווען:

— וואָס וואָלט אים פעלן, ווען ער איז איצט אַזוי פריי ווי זי, ווען ער איז אַזוי איינער צווישן טויזנטער אַנדערע און האָט נישט מורא זיך צו טרעפן מיט אַ באַקאַנטן, דאַרף נישט ציטערן, טאָמער קויפט עמיצער אָן אַוונט-בלאַט?

ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, אויסבאַ־האַלטן זיך, פּ אַ ר ז י ך אַליין אויסבאַהאַלטן; ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער קאַלטער וואַנט און מאָדנע זאַכן געזען: ער האָט געזען די חברים-מוזיקער, ווי זיי טאַנצן אַרום אים אין אַ קאַראַהאָד און ווייזן אים מאָדנע לאַנגע צונגען. פון סופיט האָט די פרוי זיינע אַראָפּגעקוקט, געאָרעמט מיט דעם פאַרשוין מיט די שוואַרצע וואָנסעס, און געשריגן:

— אידיאָט שלימזלדיקער . . . אידיאָט שלימזלדיקער . . .

צווישן די בלומען איז געשטאַנען זיין קינד, מיטן קעפּל אָן אַ זייט. די בלומען זענען געוואַקסן זייער גיך, גרויס און פאַרשפּרייט זיך אַרום קינד. דאָס קינד, ווערט דערטרונקען צווישן די בלומען און שרייט מיט אַ פאַרשטיקט קולכל:

— פּאַפּאַ . . . פּאַפּאַ . . .

אַז בער ברוין איז אַ היים געקומען ביינאַכט, האָט עס געשמעקט אין שטוב מיט אויסגעטאָענע זאָקן, מיט בעטגעוואַנד און מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור.

ער איז צו צום בעט, אַ טאַפּ געטון גריצהענדלערן ביים קאָפּ און גע־זאָגט:

— הער פּראָפעסאָר, איך גיי רופן אַ דאָקטאָר.

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, אַריינגע־נומען זי אין זיינע ביינערדיקע, שטייפע פינגער און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג בעט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן בעטגע־וואַנד, געקוקט זיין שכן אין די אויגן און געמורמלט:

— גאָלובטשיק, איר קענט דאָך נאַטור-וויסנשאַפט, ווייסט איר נישט, ווי לאַנג אַזעלכע בלומען בליען?

בער ברוין האָט זיך פאַרטראַכט און אים געענטפערט:

— אויב אָפט באַגיסן — עטלעכע טעג נאר . . .

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און גע׳ ברומט: „אַ דאַנק״.

יעדן פרימאָרגן, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, האָט גריצהענדלער גלייך געוואָרפן אַ בליק צו די בלומען, נאָר ער האָט געזען, אַז זיי צעוואַקסן זיך אַלץ ברייטער און ברייטער און ער האָט אָנגע׳ הויבן זיך צו שרעקן פאַר זיי, ווי פאַר איבערנאַטירלעכע כחות.

אָן קאָנצערט האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן.

— סוף-כל-סוף — האָט ער געקלערט — איז ער דאָך נאָך אַ מענטש מיט גרויסע, טעאָרעטישע קענטעניש. ער האָט געקלערט זיך נעמען אָנשרייבן די מאָנאָגראַפיעס זיינע וועגן אַלע וועלט-קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער. אין דעם, איז ער געווען זיכער, איז ער איינער. ער ווייסט געניי אַלע לעבנס-געשיכטעס פון דער מוזיק-וועלט, אַלע דאַטעס פון יעדנס געבוירן און שטאַרבן. בנוגע דעם קאָן זיך קיינער פון די רעצענ׳ זענטן צו אים נישט גלייכן, און דערמאָנענדיק זיך אָן זייער קליינלעכ׳ קייט און עמי-הארצות, האָט ער אפילו אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף זיי, שטאַרק רחמנות צו האָבן, נאָר דער קאָפּ האָט אים אַלץ נישט אויפגע׳ הערט צו ברעכן און די פיס זענען אים געווען אַ יי פרעמד, פונקט ווי מ׳וואָלט אים צוגעשרויפט אַ פּאָר פרעמדע, בליינע פיס. אין האַלדז האָט אים כסדר געשטיקט.

שפּעט ביינאַכט איז אים גאָר געוואָרן ענג: דער ראָיאַל איז געשטאַנען אַ שווערער, אַ מאַסיווער און געדריקט מיט זיין טיפער שוואַצקייט. דאָס אַנטועכץ האָט זיך געוואַלגערט אומעטום, און אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט איז בער ברוין געלעגן אַ וואַרעמער, אַ פליישיקער און אַ צעפּאַ׳ רעטער און אָנגעפילט די שטוב מיט געזונטע פרישע אָטעמס.

פּראָפעסאָר גריצהענדלער האָט בשום-אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. די בלומען האָבן אים כסדר געשטערט.

ווען ברוין זאָל זיך אויפֿכאַפּן, האָט ער געקלערט, וואָלט ער אים געהייסן אַריינקוקן נאָך אַ מאָל אין בוך וועגן פֿלאַנצונגען. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ס'דאַרפֿן זיין בלומען אַזעלכע, וואָס האָבן אין זיך גיפֿט־ריחות. ברוין האָט אים געזאָגט, אַז נאָר עטלעכע טעג דאַרפֿן זיי בלײַען. עטלעכע טעג זענען שוין פֿאַריבער, די בלומען צעוואַקסן זיך און ער ווערט פּשוט דערשטיקט פֿון זיי.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך עטלעכע מאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און אָנגעטון די ברילן.

פֿאַר זיינע אויגן האָט געבלענדעט אַ ווייסקייט. ער האָט געמיינט, אַז עס איז שוין טאָג. נאָר ווען ער האָט זיך גוט אומגעקוקט, האָט ער ווייטער דערזען, אַז דאָס בלײַען אַזוי די בלומען מיט זייער ווייסקייט. ערשט פֿאַרטאָג, אַז אַ גרין פֿאַסעקל הימל האָט אַרייגעקוקט דורכן פֿענסטער, האָט זיך גריצהענדלער אַראָפּגעשלעפּט פֿון בעט און צוגעשלעפּט זיך צום טיש. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס האָבן אים די ברילן גענאַרט אין מיט־נאַכט און פֿאַרבלענדט די אויגן. איז ער נאָנט צוגעגאַנגען צום קויש, צוגעלייגט די אויגן און געבליבן שטיין פֿאַרשטאַרט. די בלומען האָבן זיך געריסן פֿונעם קויש פֿון אַלע זייטן פֿון גרויס ענגשאַפֿט. צווישן ווייס־קייט האָבן זיך רויטע קעפּלעך געהויבן, געעפֿנט פֿאַרחלשטע פּיסקעלעך און פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— זיי זענען גיפֿטיקע — איז ער געווען זיכער — גיפֿטיקע.

אים איז געווען הייס אין די פֿינגער, האָט ער אַריינגעשטעקט זיי אין דער קאַלטער ערד פֿון קויש, געגראַבלט מיט די נעגל, געוואָלט ביז די וואָרצלען דערגרייכן, די שטענגעלעך אָנטאַפּן, נאָר די פֿינגער האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן הארטס און קרעצעדיקס. ער האָט איינגעגראָבן די אויגן אין דער צעגראַבלטער ערד, דערזען טעפּ, בלומען־טעפּ, באַהאַלטן צווישן גראָזן און ער איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

אין שטוב איז געווען שטיל, שאָטנדיק. גריצהענדלער האָט זיך געוואָלט צוּ־יקשלעפן צום בעט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין שכנס בעטל און אָנגעשפּאַרט אַ האַנט.

בער ברוין איז געלעגן אויף די פּלייצעס, מיטן יעזוס-בערדל אַרויף, זיין רונדער האַלדז איז געווען אין אַ שטיקל גרינלעכן פּאַרטאָג-ליכט געהילט. פּראָפעסאָר גריצהענדלער איז געשטאַנען לעבן אים אַ באָרוועסער, מיט קורצע, אויסגעוואַקסענע אַרבל פון העמד, מיט לויזע נאַכט-הויזן און געוועקט אים מיט אַ דערשראָקן, צעצויגן קול:

— דאָראָגאָי, דאָס זענען דאָך בלומען-טעפּ . . . טעפּפּפּ! . . .

אין חדר

(1924)

אין חדר

א

אַ הייסער קאָכעדיקער זומער־טאָג. דורך די קרומע פאַרשטויבטע פענסטער פון אונזער חדר איבערן פערטן שטאָק שיקט די זון אַריין ברודיקע זיילן געדיכטן שטויב. דער בלענענער דאַך פון בית־המדרש־שטיבל ברענט אינגאַנצן פון היץ און גליט דורך אונזערע סאַמעטענע און טיכענע היטעלעך ביז אין די שאַרבנס. אַרום לאַנגן טיש, פון וועלכן מיר גרייבלען אַרויס „פּראָכנע" צו ברייטן, זיצן מיר גאַנצע זיבעצן יינגלעך, צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן, רייסנדיק זיך איבער די פירי צעפליקטע חומשים, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויפן טיש, אָפּי כאַפּן אַ וואָרט.

אויבנאָן, אויף אַ געבעטענער פּאָטער־שטול מיט אַן אויסגעריסן געזעסל, דורך וועלכן ס'טאַרטשען אַרויס פערדישע האָר, היי און געקרייזלטע היבלאַכטס, זיצט ער, ר' מאיר מלמד אַליין. אין איין האַנט האַלט ער אַ קאַנטשיק פון אַ פּיקסן־פּיסל מיט זעקס לאָקשן, די אַנדערע האַנט האַלט ער דווקא נישט אויף קיין שיין אָרט, אַרום סאַמע ראָדנע „געבייכל", ווי ער אַליין רופט עס פאַרצויגן. אין דער אמתן איז עס אַ גאַנצער געברייך. — דורך זיין געדיכטעניש פון דער גרוי־געלער באָרד

און וואָנסן, — וואָס זענען נאָך דערצו באַפאַרבט פון שמעק־טאַבאַק, ליולקע־רויך און אינגאַנצן פאַרקאַלטענעוועט, אַזוי, אַז מיר פאַרשטייען קיינמאָל ניט, וואו ער האָט דאָס מויל — לאָזן זיך פאַרדומפּענע, פאַרדרייטע ווערטער, מיטן געדרייטן חדר־ניגון:

— ושלמים — און אַ גאַנצער אָפּער, ועולה — און אַ בראַנד־אָפּער, וחלב — און פעטס, יקטיר — זאָל ער דעמפּפן, לאדני — צו גאָט...—

ביי אַ צווייטן טיש, דאָרט, וואו עס לערנען זיך די דרדקי־יינגלעך, זיצט זי, די רביצין, און העלפט דעם מאַן אין דער פרנסה. עברי קאָן זי אויך — אַזוי האַלט דער רבי אונזערער. אַ מחנה יינגלעך, — מיט די העמדלעך פון הינטן דורך די געשפּאַלטענע מייטקעלעך, מיט פאַרשמירטע נעזלעך, פאַרדאַרטע בעקלעך, מיט צעפלאָטענע פּאהלעך, מיט פאַרשמירטע אַרבע־כנפותלעך פון יאַגאָדע־קיכלעך, און מיט לאַנגע קאַפּאָטקעלעך און שטיוועלעך, — ווי די גרויסע, — ליגן זיי צוזאַמען אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, צוגעטוליעט, פאַרשוויצט, רייבנדיק זיך איינער אין אַנדערן און שרייען מיט משוגענע קולות. די רביצין, מיט אַ פּאָר ברילן אויף דער נאָז, מיט אַ זאָק אויף אַ גלאָז אַרויפגעצויגן, זיצט אויף אַ קליין בענקעלע, שטריקט גיך מיט די שפּיציקע פינגער, קראַצט זיך אַלע ווײַלע מיט אַ שפּיזל אין שלייערל, צוציענדיק דאָס גאַנצע פּנים דערביי פון הנאה, און לערנט עברי פון ראש־השנהדיקן מחזור אַרויס — עפּעס הערט מען, ווי מ'זאָל קראַצן מיט אַ טשוואָק איבער אַ שויב:

— יפוקפק מלגגים... בצנוטי בצטצים...

קליינוואַרג שרייט נאָך אַלע אינאיינעם:

— גלגלים... ציפצופים... ממללים...

דאָס געוואַלד פון די דרדקי־יינגלעך צעטומלט, די שווערע ווערטער, וואָס מיר הערן כסדר צופלאָנטערן זיך און מישן זיך צונויף. מיר זאָגן,

וואָס עס קומט אונטער דער האַנט, עס הערט זיך נישט מער, ווי אַ מבול פון רייד:

— אַ בראַנד, אַן אָפּער, צו גאָט אַ פּעטס... אַ בראַנד — אַן...

דער רבי גיט אַ קנאַק מיטן פּיקסן־פּיסל אין טיש און צעשרייט זיך:

— גאָכאַמאָל, פּליסעס, פון אָנהויב... אָט הויב איך זיך אויף, וועל עך ס׳הייטל פון אייך שרפהן... ועולה און אַ גאַנצער אָפּער...

מיר טומלען ווייטער, אַז קיינער הערט שוין אַפילו נישט דאָס, וואָס מ׳רעדט אַליין אַרויס. פאַר דעם רבינס „אויפהייבן און שרפהן דאָס הייטל" האָט מען נישט שטאַרק מורא. נישט אַזוי גיך קומט אים אָן, אונזער רבין ר׳ מאירן, זיך אויפצוהויבן פון דער אויסגעריסענער פאָטער־שטול. דאָס „געפּרייכל" לאָזט אים נישט זיך רירן פון אָרט. זיצן מיר טאַקע און מען מאַכט פאַרשידענע קונצן. ערשטנס כאַפּט מען פליגן. מ׳רייסט, זיי אָפּ די פליגלען און מ׳קוקט מיט גרויס צופרידנקייט, ווי די זעלבע פליג, וואָס איז נאָר וואָס געווען אַזאַ בריהטע און געזשומעט מיט די פליגלען, גייט זי זיך איצט אַ נאַקעטע איבערן חומש, און איילט זיך, גלייך גאָט ווייסט, וואָס זי האָט אַזוינס אָפּצוטאָן. אַנדערע פליגן, גרעסערע, „שפּאַנט" מען איין. מען נעמט אַ שטרויעלע, מען פאַרזעצט איין שפּיץ אין איין פליג, דעם צווייטן שפּיץ אין אַן אַנדער פליג און מ׳הייסט זיי פאָרן. איינע ציט קיין מזרח און די צווייטע קיין מערב און קאָנען זיך פון אָרט נישט רירן...

אין חדר ברענט די זון אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די פּאַסן שטויב, וואָס רייסן זיך אַריין דורכן פענסטער, זענען אַזוי געדיכט, אַז אויב מ׳פירט דורך די פינגער, זעען זיי אויס ווי גאָלדענע, ווי פייערדיקע. אין די פאַרטריקנטע, געלאַטעטע שייבעלעך שלאָגן זיך אָן פייגל, פישטשען, און דערציילן פון פרייע וועלטן, פון פעלדער, טייכן און העלדער — נאָר דער רבי לאָזט נישט עפענען קיין פענסטער. ער האָט

מורא פאַר אַ פאַרקילונג. דער טאָג ציט זיך לאַנג, ווי פון פעך – און אונז ווילט זיך שטאַרק אַראָפּלאָזן אַ ביסל אויפן הויף – עס הויבט זיך אָן:

– רבי, איך „דאַרף" אַראָפּגיין... אוי, אוי, רבי...

– רבי, איך אויך... גיכער...

קליינוואַרג דערהערט און הויבט זיך אָן שרייען:

– רביצין – יעך אויך...

– און יעך אויך, אויף מיין וואָרט...

אין חדר איז אַן איבערקערעניש. ער ווייסט, דער רבי, אַז מיר נאַרן אָפּ. אָבער, וואָס זאָל ער טאָן. נישט לאָזן קאָן ער דאָך אויך נישט – הויבט זיך אָן אַן אויספאָרשונג:

– וויפל מאָל ביסטו שוין היינט געווען? –

– איין מאָל.

– אַ ליגן, צוויי מאָל.

– און איך בין נאָך קיין איינמאָל נישט געווען...

– רבי, נישט אמת, ער איז יאָ געווען. איך בין נישט געווען...

– אוי, רבי – טאַטע-מאַמע זאָלן מיר אַזוי לעבן...

– ליגנער.

– כזבן...

– גראָבע ליפּ...

– הויקער...

– רבי, ער האָט געזאָגט אויף אייך, אַז איר זענט אַ לאָמער הונט...

– רבי, ס'איז אַ ליגן. ער האָט געזאָגט אויף אייך „מאיר-קאָזע"...

נאָך גרויסע טומלעניש, אויספאָרשעניש, מסירות און געשלעגערייען לאָזט מען זיך אַלע אַראָפּ איבער די באַריערן פון די געדרייטע טרעפּ, – נאָר אַזוי ווי די רביצין שטייט ביים פענסטער און קוקט אַראָפּ, צ...

מ'נאַרט נישט, זיצט דער גאַנצער עולם אויסגעזעצט אַרום דעם מיסט־קאַסטן, אין ווינקל־הויף, און מען שעפּט לופט.

אויפן הויף איז אַ לעבן. ייִנגלעך אין היטעלעך מיט ליאַקירטע דאַשקעס, „סטודענטלעך", ווי דער רבי רופט זיי – שפּילן אין קליפּע. אַנדערע האָבן צונויפגעוויקלט אַ פּעקל שמאַטעס, אַרומגעבונדן מיט דראָטן, געמאַכט אַ באַל און שפּילן אין באַל. איבערן הויף אַרבעט אַ שמוקלער, דרייט בײַ אַ רעדל, מאַכט וואָלענע און זײַדענע שנורן און לויפט אַ באָרוועסער איבערן הויף. עס ווילט זיך שטאַרק אַ דריי טאָן בײַם רעדל, נאָר די רביצין קוקט אַראָפּ פון פענסטער, זעט, צי מיר „באַרן" נישט, און מיר זיצן אַרום מיסט־קאַסטן.

– רוק זיך אָפּ – זאָגט איינער צום צווייטן – מעסטנדיק מיט די הענט – ס'איז נישטאָ קיין אָרעם צווישן... מ'קאָן זיך צונויפוואַקסן...

איבערן הויף באַווייזט זיך באַלד אַ קאַצאַפּ מיט אַ פעסל „סאַכימאַראָזש" אויפן קאָפּ. ער זעט אויס אײַנגאַנצן, ווי אין טײַטש־חומש איז אויסגעמאָלט דער מלכּי צדק, בעת ער גייט אַנטקעגן אברהם־אבינו מיט די יונגען – מיר פאַרגעסן אָן אונזער „הוב" און מ'לאָזט זיך פייל־אויס בויגן:

– פאַר אַ זעקסער, פאַר אַ צווייער...

נאָר אין דעם מאָמענט איז שוין דאָ די רביצין – און טרײַבט מיטן קאַנטשיק –

– אַרויף, ממזרים, כ'וועל שוין צושטעלן אַ פּוסבענקעלע אַ היים...

זי ליידט נישט, די רביצין, מיר זאָלן קויפן „סאַכימאַראָזש".

– ס'איז – זאָגט זי – געמאַכט פון אייזער מיט בלוטס־טראָפּנס.

נאָר אין דער אמתן איז עס צוליב עפּעס אַנדערש. זי מאַכט אַליין „לימאָנאַד". זי וואַרפט אַרײַן אַ שטיק אייז אין אַ שעפער וואַסער, וואַרפט אַרײַן אַ צעפּוילטע ציטרין, סאָדע, מישט אויס מיט אַ קאָכלעפל און שרייט:

— גיכער באַצאָלט אַ צווייער, ס'עט נאָך אויסלויפן...
די „לימאָנאַד" איז וואַרעם, שמעקט ווי טשאָלנט־טיי, נאַר פאַרפאַלן, מיר מוזן קויפן, — באַצאָלן פריִעראויס, וואָרום אַ נישט לויפט עס אויס.. דערפאַר לאָזט אונז דער רבי אַ ביסל שטיפן. ער מאַכט זיך פלומרשט דרימלען, לערנט פון שלאָף:
— ושאת — און אַ פלעק, וספחת און אַ הויט־פלאָג, וזב און אַ רינעדיקער...
מיר זאָגן נאָך און שפּילן אין קוויטלעך אונטערן טיש:
— ושאת און אַ פלעק, אַ גראָשן וויזע...
— וזב און אַ רינעדיקער — מיט נאָך אַ גראָשן געזעענס...

II

שבת נאָכן עסן —
אַרום די פאַרטריפטע מעשענע לייכטער ליגן אָנגעוואָרפן ברעקלעך חלה,ביינדלעך פון פיש, שאָלן פון עפל און קערנדלעך פון ראָזשינקע־ווײַן, „מוקצה"־זאַכן, וואָס מ'טאָר נישט אַראָפּנעמען. דער אויסגעברענטער נאַפט־לאָמפ, די לייכטער, וואַרפן טריפה'נע, פרעמדע שאָטנס אַרום זיך. זיי זעען אויס, ווי געפגרט.
דער רבי, אין אַ סערזשענער „פלעכערנער" קאַפּאָטע און אָן דעם וואָכנדיקן פוקסן־פיסל אין האַנט, זיצט אין זיין פאָטער־שטול און לערנט פרק. דער ניגון זיינער דערמאָנט אינם ניגון, וואָס רבנים מאַכן הספדים נאָך צדיקים, אַן לייענען מעבר־יבוק:
— מאין באתה, פון וואַנען קומסטו? — מטפה סרוחה — פון אַ פאַרשטונקענעם טראָפּן, לאן אתה הולך, וואוהין גייסטו — למקום צו אַן אָרט רמה ווערים — ותולעה און ווערים...

דעם וואָרט „ווערים". וואָס ער חזרט איבער צוויי מאָל, זאָגט ער אַרויס מיט אַ מין באַזונדער שאַרפקייט, מיט אַן הנאה — און אונז ייִנגלעך, נאָגט עס, פרעסט, ווי אַ וואָרעם זאָל אונז שוין גריזשען. מיר קוועטשן זיך צונויף אַזוי, אַז דער שווייס רינט אין שנירלעך פון די סאַמעטענע היטלעך דורך די פּאהלעך ביז אין די אָפענע ווייכע קעלנער פון די פרישע שבתדיקע העמדער — מיר חזרן איבער אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. די ווערטער זענען אונדז פרעמד, ווייט, איבערהויפּט דער „פאַרשטונ־קענער טראָפן", פון וואַנען מיר קומען אַרויס.

— ס'טייטש? —

דורך די פענסטער רייסט זיך די זון מיט גוואַלט אַריין. וויפל דער רבי זאָל זי נישט פאַרשטעלן, דער זון, וויפל אונטער־קליידלעך די רביצין זאָל נישט אָנהענגען, צו פאַרשטעלן זיך פון דער „חמימה", רייסט זי זיך דורך, די זון, און שטיפט מיט אַלץ, וואָס קומט איר אויפן וועג. מיט די לייכטער, מיטן רבינס שפּאָקולן, מיט אונזערע קנעפ פון די קאַפּאָטקעלעך, אַפילו מיטן רבינס פאַרבלאָזע באָרד און וואָנצן. פליגן זשומען, נישט אָפּצוטרייבן זיי, און אַ פאַרבלאָנזשעטער שמעטערלינג דרייט זיך פאַרעקשנט אין גלעזל פון לאָמפּ, שיט שטויב פון די פליגלעך און רוישט:

— זשששש...

פון אַ סך זאַכן דערציילט ער אונז: דערציילט אונדז פון „פראַגער־ווערדל", אין וועלכן ייִנגלעך לויפן איצט אַרום, יאָגן זיך נאָך פייגל און צאַפּן „זשיוויצע" פון די ביימער; דערציילט פון דער ווייסל, וואָס ליגט אויסגעלייגט מיט אויסגעטריקנטע אינזלען אין מיט, און קליין און גרויס וואַלגערן זיך אין הייסן זאַמד און טונקען זיך אין טייך; דערציילט פון „פעסטונג", ווי אַרום באַוואַקסענע גרינע בערג ליגן איצט טויזנטער שבתדיקע, אויסגערוטע מענטשן, מיט קינד און קייט,

קנאַקן קערן, עסן „ליאָדעס", און פון דערווייטנס יאָגן זיך טשערקעסן אויף פערד, שפרינגען אַראָפּ און אַרויף אין מיטן רייטן, און טראָמיי־טערן פריילעך — טראַ־טאַ, טאַטאַטאַ! —

די בלעטלעך מישן זיך לאַנגזאַם. איינס, צוויי, דריי. אָט דוכט זיך, ענדיקט ער זיך שוין, דער פּרק. געלויבט צו גאָט! — אָבער ניין! פאַרהאַן נאָך אַ ברטנורא! — אַ ברטנורא מיט פשטים, מיט קליינע דראָבנע אותיעלעך. אויף יעדן וואָרט פון פּרק האָט ער זיינע הונדערט. גאָט, ווי פיינט האָבן מיר אים געהאַט, דעם ברטנורא, טויזנט מאָל מער ווי דעם רבין! מיר האָבן אים געזען — אַ בייזן, אַ דאַרן, מיט אַ גרוימער נאָז און אַ שיטער שוואַרץ־געקרייזלט בערדל — און די הענטלעך האָבן געקלעמערט — אָך, ווי גוט וואָלט עס זיין, ווען מ'זאָל אים אַזוי קאָנען אָנכאַפּן ביי דעם שיטערן בערדל און אויספליקן עס אים, אויסרייסן!..

דעם רבינס קול גאָרגלט זיך אַליין אין דער אָנגעשטיקטער שטוב:

— מה נאה אילן זה — אויב דער מענטש 'גייט אין וועג און ער זאָגט: ווי שיין איז דער בוים, מתחייב בנפשו — איז ער זיך שולדיק אין זיין לייב — מאַכט דער ברטנורא איז ער חייב מיתה.

מיר זאָגן נאָך:

— חייב מיתה — איז ער חייב מיתה..

און מיר קוקן מיט אויסגעשטאַרטע אויגן אַרום זיך און שלינגען פון היץ און דורשט דאָס שפייעכץ אין מויל.

דער עולם צוהיסט זיך — הויבט זיך אויף די רבצין פון בעט און נעמט זיך אונז גרייטן באַרלעך־יויך און שבת־אויבס..

באַרלעך־יויך מאַכט זי פון קליינע האָזן־עפּעלעך מיט וואַסער · עס איז זיסלעך, געדיכט, וואַרעם, און אַ ריח האָט עס אַביסל פון שימל און אַביסל פון שמעק־טאַבאַק. דאָס שבת־אויבס דערפאַר איז גאָר אַ זעל־

שענער כיבוד. פון די שבתדיקע פלוימען, וואָס דער רבי מיט דער רביצין עסן אויף, בלייבן קערלעך, און דער רבי גיט אונז כיבוד יעדן צו צוויי קערלעך.

— קנאַק אויף — זאָגט ער — פאַראַן דאָרט יאָדרעס...

עס קריכט אונז פון האַלז. נאָר דער רבי בייזערט זיך:

— קנאַק, קנאַק, בהמה... אַ ייִנגעלע דאַרף האָבן געזונטע ציין...

מיר קנאַקן און פאַרציִען וואָס לענגער. אַלץ בעסער פאַרן ברטנורא איז עס דאָך...

די רביצין באַוואונדערט אונדז:

— טפו, פו, פו — שפּייט זי אונדז אָפּ — אייזערנע ציינדלעך... צום געזונט אייך...

מאַמעס

(1923)

I

ביי פֿריילן האַלבערשטאַט אין צימער האָט מען אַראָפּגענומען פֿון קליינעם ט שעלע טאָלסטאָיען, גודאַן און עפּעס אַ מאַרמאָרנעם העלפֿאַנד מיט אַן אָפּגעבראָכענער נאָז, און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט אַ טאַץ ט״י מיט צוקערוואַרג. אַלע פֿינף געסט, לויטער מיידלעך, האָבן זיך געכאַ ט צום קליינעם טישעלע, כדי צו פֿאַרכאַפּן פֿריער אַן אָרט, און געשריגן צום איינציקן מאַנסביל מיט קוויטשיקע געלעכטערס:

— מילער, זעצט זיך לעבן מיר...

נאָר מילער האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו דער טיר און זיך אויסגעצויגן מיד די הענט, אַ סימן, אַז ווי ס'וואָלט זיך אים נישט געוואָלט בלייבן, מוז ער פֿונדעסטוועגן גיין. ער האָט געדענקט, אַז ביי אים אין שטוב וואַרט אויף אים אַ געגרייטער אָוונט-ברויט. און אַלע מאָל, ווען דאָס מיידעלע זיינט הויבט אָן אויפֿמערקזאַם, פֿאַרהאַלט עס די מוטער מיט אַ האַנט פֿאַרן מייל, ס'זאָל נישט שטערן די רויקייט: זי הערט זיך איין צו יעדן שאָרך און זי מורמלט:

— שאַ, שאַ לעבן, דער פּאַ, דאַכט זיך, גייט אויף די טרעפּ...

ער האָט געמאַכט אַ גלענצנדיקן קניקס, אויף גאָר אַ גרויסאַרטיקן שטייגער, און אָנגעבלאָזן ביידע באַקן מעשה באַלעבאָס:

— מיינע „גנעדיקע"... פֿאַמיליען-פֿליכט...

אַלע האָבן געלאַכט פֿון מילערס שטיק און באַדויערט:

— אַ שאָד מילער, וואָס איר זענט נישט קיין בחור...

נאָר איינע, אַ מיידל מיט אַ געשוירענעם קאָפּ און מיט אַ סך ווייבערישקייט אין די ווייכע קליידער, האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און אים געקוקט מיט וואַרימע לאַכנדיקע אויגן גלייך אין פּנים:

— מילער, כדאי פאַרהאַטן אַ ווייב צוליב מיר, מילער?

האָט ער זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט זײַנע גריגלעכע אויגן, ווי ער וואָלט זי וועלן אָפּשאַצן, און געזאָגט:

— גוט, איך האַלט ביים וואָרט...

דאָס מיידל מיט די געשווירענע האָר האָט געהאַלטן וואָרט, זי איז אים געזעסן אויף די קני, געטוליעט זיך צו אים און גלעטנדיק איבערן קאָפּ, שטיל געשעפּטשעט:

— ליבינקער... איינציקער...

די מיידלעך האָבן זיך איצט געגומען איינס ס'אַנדערע אין די אָרעמס פאַר גרויס שמחה. זיי האָבן געלאַכט הויך, געלאַכט מיט דעם האַלב-היסטערישן און האַלב-אויפגערעגטן געלעכטער, ווי תמיד, בעת עס קומט-אויס שפּילן עפּעס אַ ראָלע און ס'גייט-איבער אין ערנסט. דאָס מיידל מיט די געשווירענע האָר האָט מיטגעלאַכט. זי האָט געקוקט מילערן אין די גרינלעכע מענערישע אויגן און געפרעגט אין שפּאַס:

— אַזוי דאַרף מען, אמת, מילער?..

נאָר מילער האָט גאַנץ גוט געפילט, אַז דאָס מיידל טוליעט זיך אַזוי שטאַרק צו אים, ווי זי וואָלט אים אײַנגאַנצן, מיט די קליידער און שיך, שיך אין די ביינער וועלן אַרײַנדרינגען — האָט ער זי געקושט אין דעם ווייכן ווייסן האַלדז, געהאַלטן זי אין די קני, און אין די פינגער פון די הענט האָט אים געקיצלט און געפּיבערט, געפּיבערט צום העלפאַנד-ביינערנעם היניטעלע, וואָס איז געלעגן אויף דער וואַך צווישן דער דינער דעקאָלטירטער בלוזע און דעם לייכט-הוידנדיקן און רונדן מיידלשן בוזעם...

אַז ער איז אַרויס אויף דער גאַס, איז שוין געווען פּוסט. בלויז אַ קוטשער האָט געדרעמלט אויף דעם געזעס פון אַ דראָזשקע, און אַ

נאַכט־וועכטער איז געזעסן פאַרקנוילט אויף אַ שוועל פון אַ מאַגאַזין. ער האָט זיך געפילט יינג, שטיפעריש, און ער האָט חשק געהאַט צוצו־ גיין אַזוי צום דרעמלענדיקן קוטשער און אים געבן אַ שנעל אין נאָז. די פיס האָבן אים געטראָגן לייכט, די מוסקולן האָבן זיך אים געשטייפט, און ער האָט לייכט אונטער־געטאַנצט. נאָר אַריינקומענדיק אין פינסטערן הויף צו זיך, האָט אים די שטימונג אָנגעהויבן פאַרלאָזן מיט יעדן טריט. אויף די פינסטערע טרעפּ האָט ער זיך אָנגעשטויסן מיט אַ פוס אָן באַריער און זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שפּיץ קני, דאָרט, וווּ ס׳שמאַרצט אַממייסטן. צוקומענדיק צו דער טיר, איז ער שוין געווען אינגאַנצן פאַרלאָרן, און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז די דינסט וועט אים עפענען באַלד ביים ערשטן קלונג, איז ער פונדעסטוועגן געשטאַ־ נען אַ צייט אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט שטיין פאַר אַ פרעמדער טיר און בעטן נאַכטלעגער.

ער איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער, ער האָט געטאַפּט ביי די ווענט און געוואָלט זיך אַריינשאַרן צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט שוין אָנ־ גענומען די קליאַמקע, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פון זייטיקן שלאָף־צימער, און אַ שטימע, אַ קאַלטע, אַ פאַרשנדיקע און אַ איראָנישע האָט זיך געלאָזט הערן:

— געקומען ?..

ער האָט זיך פאַרשעמט. אים איז געווען שלעכט פון דעם צוצויגע־ נעם קול, האָט זיך אים פאַרדרייט עפּעס אין האַלדז, און די צונג אַליין האָט געפּלאַפּלט:

— שלאָף, שלאָף, טייערע, ס׳איז ערשט פאַר איינס אַזייגער...

נאָר איידער ער האָט באַוויזן אויסריידן דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך אַ זייגערישער איינגעווייט אָנגעהייבן קרעקן, און קלאַנגען, הילכיקע, לאַנגזאַמע און שאַרפע האָבן זיך צעטראָגן אין דער אָנגעשטרענגטער

שטילקייט און אויסגעקלונגען מיט דער גאַנצער מעכאַנישער פּינקט־לעכקייט.

בום... בום... בום... בום...

מילער האָט געקוקט מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן אויף דעם פּיר־קאַנטיקן קלינגענדיקן באַשעפעניש און אויפגעכאַפּט דעם ווייבס שטים, וואָס טראָגט זיך פון שלאָף־צימער אין באַגלייט יעדן קלינג:

— איינס... צוויי... דריי... פיר...

ג.

צומאָרגנס האָט געהערשט אין שטוב אַ שטילשווייגעניש.

דער טיש איז געשטאַנען געגרייט, דער סאַמאָוואַר האָט געזאָטן, ווי תמיד, מיט פאַמיליען־גליק, מיט היים, נאָר אַ שטילשווייגעניש, אַ פאַרעקשנטע שטילשווייגעניש האָט זיך געלייגט אויף אַלעם, געלייגט זיך אויף די בלעטער פון די טאַפּעטן, אין די פאַלדן פון די פאָרהאַנגען און נאָר בלויז די קאַווע־לעפעלעך האָבן זיך געהערט העכער ווי שטענדיק ביים מישן דעם צוקער אין די טאַסן. נאָכן עסן איז מילער געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש: קושן דער פרוי אין קאָפּ פאַרן אַוועקגיין, צי אפשר נישט צוגיין דערווייל?... נאָר זי אַליין, די פרוי זיינע, איז אריין עפּעס צו אַ שכנה, איז ער בלויז צוגעגאַנגען צום מיידעלע זיינעם, זי געקושט עטלעכע מאָל און אָנגעזאָגט:

— זיי אַ גוטע, מיין קינד... זיי העפלעך מיט דער מאַמעשי...

ביינאַכט איז ער געקומען פרי, פריער ווי אַלע מאָל, נאָר ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, ווי אַ פרעמדער, אַן איבעריקער, און צום צענטן מאָל איבערגעלייענט די אייגענע נאָכמיטאָג־צייטונגען.

די דינסט האָט זיך כסדר געדרייט אַריין און אַרויס. זי האָט זיך גע־פּאָרעט מיט עפּעס אַ ווייס נאַס טיכל, אַזעלכעס וואָס מ׳לייגט צו צו קאָפּ־ווייטאָג; זי האָט עס כסדר אויסגעדרייט און אויסגעווייקט אין עסיג און כאָטש ער, מילער, האָט קוים אַ טריט געשטעלט, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן, וואָס ווייבער ווייזן תּמיד בעת מ׳רירט אָן זייער מין, און זי האָט זיך שטיל געבייזערט:

— דער הער מעג אַביסל שטילער גיין... די מאַדאַם ליידט שוין אויך גענוג...

נאָר שפּעטער, ווי דער שטייגער איז, זענען אָנגעקומען ספּאַזמעס. מילער איז אַריין אין שלאָף־צימער, נאָר די דינסט האָט אים נישט צוגעלאָזן. ווי צום בעט פון אַ געווינערן, ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, געקוקט אויף דעם איינגעגראָבענעם, צעשויבערטן קאָפּ אין די קישנס, געזען די האַלב־אָפּגעדעקטע ווייבערשע אַקסלען, וואָס הויבן זיך און ציטערן. און ער איז זיך אַליין געווען איצט גרויס אין די אויגן. ערגער פון אַלעם איז אים תּמיד געווען דאָס וויינען; און כאָטש ער האָט דאָס שוין אַזויפיל מאָל געהערט, פלעגט אים תּמיד, ביי יעדן מאָל, אויסקומען, אַז די ציטערנדיקע אַקסלען וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט איינשטילן, אַז זיי קענען זיך גאָרנישט איינשטילן מער. אים איז געווען שווער, דריקנדיק, פון די טריט ביז די סאַמע האָר־וואָרצלען. נאָר באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן רייד, גאַנצע קוואַלן רייד, גאַנצע קנוילן טענות, ווייבערישע טענות, און מילער האָט דערפילט. אַז דאָס געפאַלנקייט און מיטלייד פאַלט אָפּ, וועפּט אויס מיט אַן אומגעהויערער גיכקייט און זייער אָרט פאַרנעמט האַס, אַ טיפער, שווע־רער האַס. די ווענט דריקן און אַלץ ליגט אַזוי שווער, אַזוי דריקנדיק, ווי אַ געשמידטער טורמע־פענסטער, וואָס שטייט אין וועג צו פרייהייט און גליק.

זי האָט געערעדט גיך, איילנדיק און אָן א סדר. זי האָט דערמאָנט קליינינקייטן, אָן א שיעור קליינינקייטן. פאַרגעסענע פון יאָרן, פון א סך יאָרן צוריק. מילער איז געזעסן קעגנאיבער, געקוקט אויף די פייכטע אויגן אירע, אויף די צעקודלטע האָר, וואָס שמעקן מיט בעט־געוואַנד, עלטער און פאַרביסנקייט. ער האָט געזען אירע רויטע פלעקן, וואָס זענען, ווי תמיד, אַרויסגעטראָטן איר אויף די אויבערשטע בעקע־לעך אונטער די אויגן, און ער האָט זיך געשעמט:

שוין־זשע האָט ער זי... זי אַמאָל ליב געהאַט?...

זי האָט נישט אויפגעהערט ריידן. זי האָט געזען איצט די גאַנצע ווייט־קייט, די שרעקלעכע פרעמדקייט צווישן זיך און אים, דעם מאַסיוון, שווייגנדיקן מענטש, וואָס זיצט קעגנאיבער איר בעט. זי האָט געפילט אין ריידן די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט און צוועקלאָזיקייט פון אירע טענות און דערפאַר נאָך מער געערעדט, נאָך פאַרעקשנטער, נאָך פאַר־ביטערטער. זי האָט שוין געוואָלט איצט, ער זאָל צוגיין צו איר, זי האָט אים אַפילו אָנגעהויבן קוקן אין די אויגן, געחלשט נאָך א וואָרט זיינס, נאָך איין איינציק וואָרט, נאָר ער האָט איצט געשוויגן, געשוויגן פאַרעקשנט און קאַלט. האָט זי זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, ער זאָל נישט זען איר ווייטאָק און שאַנד, און ער איז אַרויס מיט פעסטע טריט פון שטוב, פאַרקלאַפּט די טיר און אָנגעזאָגט דער דינסט מיטן האַרבן וואָרט:

— די מיר זאָל זיין אָפן... איך האָב נישט ליב שטיין און קלאַפּן שפּעט ביינאַכט... געהערט!

III

אויף דער גאַס האָט געהאַלטן א שטעכעדיקער פראָסט, א ווינט האָט געבלאָזן, געקלאַפּט מיט עפּעס א שטיק נאָכהענגענדיקן בלעך פון דאַך

און א שנייעלע, אַ קאַלט, שיטער שנייעלע האָט געשמיסן אין די אויגן.

מילער איז געגאַנגען אינדערמיט פּוסטער גאַס, כּדי צו שטעלן ברייטע, פרייע שפּרייזן. דער שניידנדיקער ווינטער איז אים געווען גוט צו זיין שטימונג. תּחילת האָט ער געבּרויזט. אים איז אויסגעקומען מאָדנע נישט פאַרשטענדלעך, וויאַזוי ער האָט זיך געקאָנט אַזוי פאַרלירן, אַזוי פאַלן פאַר צוויי נאַרישע ווייבער, פאַר אַ „היסטערישקע״ מיט אַ דינסט. ער האָט זיך געבּונטעוועט קעגן זיך אַליין און נקמה גענומען אין זיך:

— גוט אַזוי, האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין — גוט אַזוי דיר, אידיאָט איינער...

באַלד האָט ער אָנגעהויבן האָבן מיטלייד אויף זיך. ער האָט געפילט, ווי מ׳וואָלט אים צוגעבונדן אַ לאַסט צו זיין רוקן, אַ לאַסט אויפן גאַנצן לעבן, און מ׳טרייבט אים ווי אַ קעמל אין מדבּר. פאַר זיינע אויגן האָט זיך בּולט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַנטער, אַ פלאָנטער פון הונדערטער ליגנס, אָפּנאַרעריי, יינגלשע תּרוצים, סבאַזומען, קינדער-קראַנקהייטן, לויפן אין מיטן נאַכט אין אַפּטייק נאָך טראָפּנס; קושן יעדן פרימאָרגן אין עפּעס אַ נאָך נישט צוגעקעמטן ווייבערשן קאָפּ, מוסר פון אַ שוויגער און שוועגערינס, און לאַנגווייליקע פאַמיליען-שמחות.

נאָר באַלד איז אים אָנגעקומען אַ געפיל פון קאַמף, פון באַפרייונג. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרומגעקוקט זיך אַרום זיך, ווי ער איז איינער אַליין אין אַזאַ פּוסטער גאַס און אים איז לייכטער געוואָרן. ער איז געגאַנגען האַסטיקער און גרינגער, ווי מ׳וואָלט אים די גאַנצע משא אַראָפּגענומען פון די פּלייצעס, און געשוועבט איבער פּוסטע גאַסן. ער האָט חשק געהאַט פון דער אייגענער הויט אַרויס-

שפּרונגען, אַוועק ערגיץ צווישן טויזנטער פּרעמדע, אומבאַקאַנטע און פּאַרמישן זיך צווישן זיי, פּאַרפּלאָנטערן זיך, נישט געהערן צו קיינעם און צו זיך אַליין נישט.

ער איז פּלוצלינג געבליבן שטיין לעבן אַ הויז און פּאַרריסן דעם קאָפּ צו אַן ערשטן שטאָק. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס מיידל מיט די געשוירענע האָר, און ער האָט אַזאַ וואַרימקייט דערפילט, פּונקט ווי נעכטן אין אָוונט, בעת זי האָט זיך אַזוי געטוליעט צו אים, געוואָלט אים אין די ביינער אַריינדרינגען און געשפּעטשעט:

— ליבינקער... איינציקער...

ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום פענסטער. ער האָט דאָס גוט דערקענט. נאָר וואָס ברענט עפּעס אַזאַ שוואַכע ליכט, און דאָס פאָרהאַנגל איז איינגאַנצן אַראָפּגעלאָזן! ער האָט געפּייפט עטלעכע מאָל, געפייפט און אָפּגערופן זיך. ער האָט געציטערט לייכט פון אויפרעגונג און באַגער און געקוקט מיט שנאה צום ראָלעט אין פאַסן, וואָס שטייט אים אין וועג. ער האָט זיך אַפילו אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, גענומען אַ קנויל שניי אין די הענט און געקנאָטן גיך און נערוועז. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן: וואַרפן די קנויל שניי אין פענסטער, צי נישט?

נאָר אָט האָט אים אַ האַנט אָנגענומען הינטערוויילעכץ און אַ שטימע האָט שטיל געמורמלט:

— גייען מיר ליבינקער?...

ער האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט, אויף אים האָבן געקוקט אַ פּאָר אויגן שוואַרצער און איינזאַמער פון דער אַרומיקער פוסטער נאַכט. האָט ער אַריבערגעוואָרפן די קנויל שניי צו אַן עלעקטרישן סלופּ און געטוליעט זיך צום פרעמדן מיידלשן אָרעם, וואָס האָט געפיבערט אין זיין האַנט.

IV

אויף די קרומע, קוים באַלויכטעטע טרעפּ פון אַ שמאָל פּאָדערהייזל האָט זיך געהערט אַן איינגעהאַלטענער געוויין פון אַ קינד, אַ קלאָפּעריי פון אַ שווערער וויג און נאָך עפּעס אַ ברומעריי, אַ פאַרזשאַווערט ברומעריי פון אַן אַלט, אָן־ציינדיק מויל, וואָס וויל פאַרוויגן און איינשלעפערן. מילערס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ האַסטיקן טרייסל זיך געטאָן. מילער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט, ער האָט געמיינט, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס, און ער האָט געפרעגט:

— אַ קלאַפּ־געטאָן, האַ?..

נאָר דאָס מיידל האָט אַ שווערן זיפץ אַרויסגעלאָזן:

— אַך, גאָט איינציקער...

און ווייטער אַרויף צו אַ טיר.

אין צימערל איז געווען קאַלט און אומהיימלעך. אויף די נאַקעטע ווענט, אונטערגעהויבן פון פייכקייט, איז איין־איינציק בילד געהאָנגען; עפּעס אַ האַלב־נאַקעטע פרויען־פיגור, וואָס האָט ביי דעם טונקעלן נאָפּט־לאָמפּ געהאַט אַ קאָליר פון אַ פיש. קיין טיר האָט זיך אין די ווענט נישט געזען, נאָר דאָך האָט זיך דאָס פריערדיקע גערויש געהערט דייטלעך און נאָענט, ווי ס'וואָלט זיין הינטער אַ ווענטל. דאָס געוויינעריי פון קינד האָט זיך געהערט בולט, שאַרף און הייזעריקלעך; דאָס פאַרזשאַווערטע קול האָט נישט אויפגעהערט אַ ווײַלע:

— אַ, אַ, או, הו — — —

מילער האָט קיין זאַך נישט באַמערקט. ערשט דאָ, אין שטוב, האָט ער געקאָנט זען, דאָס מיידל, זיינס אין איר גאַנצער גרויס. זי האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, און ער איז געווען ענטציקט. זעענדיק זי אין איר מאַנטל און אין הוט, האָט ער גאָרנישט באַמערקט, וואָסערע פּרעכטיקע

האָר און בויגיקן קערפּער זי פֿאַרמאָגט. אויף איר געפּרעסטן קליידֿ, דורך וועלכן אַ גאַנצע וועלט ווייבערישקייט האָט זיך אויסגעדריקט, זענען געגאַנגען קנעפּלעך איבער דער גאַנצער פּלייצע — און ער האָט דערפּילט אַ ציטער אין די פֿינגער, אַ ציטער צו די קנעפּלעך, אויפֿצושפּילן זיי אַזוי מיטאַמאָל, פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, טראַכטנדיק, אַז „זיי" זענען די בעסטע פּרויען, און ער האָט נערוועז געצויגן די פֿינגער. נאָר מיטאַמאָל האָט זי אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין די האָר, אַ גרילציקן קוויטש געטאָן און זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע. און מילער איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב געעפֿנט מויל, מיט פֿאַרגליווערטע אויסגעצויגענע פֿינגער און געזען, ווי אַ פּאָר אָקסלען, אַ פּאָר פֿאַרהויבענע ווייבערשע אַקסלען, ציטערן גיך אין קראַמפּן, — און אַ געוויין, געמישט מיט געלעכטער, שניידט זיך שפּיציק אין דער שטילקייט:

— הוהאַ, הע, הע, הו...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי, געכאַפּט איר צעשויבערטן קאָפּ אין די הענט און גענומען רייבן מיט אַלע כּוחות. נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלונג אַ נישט-געזען טירל פֿון די טאַפּעטן געעפֿנט און אַן אַלט צעקנאָדערט באַשעפֿעניש, מיט אַ האַלב נאַקעט קינד, איז ראַשיק אַריין און אָנגעהויבן שרייען אָן צײַן:

— טאָכטער!... טאָכטער...

מילער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, געפּאָרעט זיך, געאַרבעט מיט די הענט אַרום דער אַוועקגעפֿאַלענער און אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. דאָס אַלטע באַשעפֿעניש האָט זיך געריסן ביי די שמאַטעוואַטע באַקן און געזשאַמושעט:

— ווינד איז מיר!... וויי איז מיר!...

און ביי מילערס קני האָט זיך געדראַפּעט אַ קינד מיט אַן אויסגעוואַקסן

העמדל, געריסן אים מיט די הענטלעך, געביסן מיט די ציינדלעך און געוויינט מיט אַ קראַנק הייזעריקן קולכל צו דער געפאַלענער פרוי:

— מאמע... מאַאַאַמע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער האָט מילער געריסן ביים גלאָק פון טויער און געשריגן צום פאַרשלאָפענעם סטרוזש:

— גיכער... גיכער... איך דאַרף אין אַפּטייק...

דער סטרוזש האָט געברומט, געזידלט. פון אַ פענסטער האָט אַ צעשויבערטער קאָפּ אַרויסגעקוקט, אַ זייגער האָט זיך ערגעץ צעקלונגען, און פון דער הויך האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס הייזעריקע קינדערשע קולכל און זיך פאַרגאַנגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט:

— מאַאַמע... מאַמעעע!...

אין הייסע טעג

(1924)

I

אַ שווערע הייסע לופֿט, אָנגעפּילט מיט זון, שטויב און פֿליגעלעך, האָט געדריקט איבער דעם שטעטלשן רונדן מאַרק. אויף דעם אָפּגעשיילטן ראטהויז, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן מארק, האָט געסמאַליעט דער סמאָלענער דאַך, פֿאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ האַרבן ריח. אין די טירן פֿון די ליידיקע יידישע קראָמען האָבן סוחרטעס געדרעמלט פֿון היץ, דורשט און נישט-לייזן. מ'האָט נישט געזען קיין קונה פֿאַר די אויגן. פֿונוויטנס האָט אַ באָרוועסער ייד, אַ הייזער-גייער, אָפּגעיאָגט זיך מיט זיין שטעקן פֿון אַ הונט, וואָס האָט געבילט אויף אים מיט אַ פֿאַרעקשנט הייזעריקן בילן. די שוים האָט זיך נאָכגעשלעפּט דעם הונט נאָך דער לאַנגער אַרויסגעלייגטער צונג. ס'האָט אויסגעזען ווי ער זאָל זיין משוגע.

מיטאַמאָל האָט זיך אַ שטויב אויפֿגעהויבן. פֿון שטויב האָט זיך אויסגעשיילט אַ קליין צוויי-רעדערדיק קאַרעטקעלע, אין אַ ריזיק שוואַרץ פֿערד געשפּאַנט. אַ סאָלדאַט אין אַ ווייס העמדל האָט געצויגן דאָס פֿערד ביי די גרינע לייצן אויף צוריק, וועלנדיק עס איינהאַלטן, נאָר דאָס פֿערד, אינגאַנצן באַדעקט מיט שוים, האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס. פֿון אויבנאָן איז אַראָפּגעשפּרונגען אַן אָפֿיציר אין הויכע לאַקירענע שטיוול און מיט אַ שוואַרץ בערדל. ער האָט אַרויסגענומען פֿון הויזן-קעשענע אַ שטיקל האַרטן צוקער, צוגעטראָגן דעם צעווילדעטן פֿערד צום מויל און געגלעט אים איבערן בויגעוודיקן נאַסן האַלדז:

— לאַ, לאַ, לאַ, „קראַסאַוויצאַ"...

דער מאַרק האָט אויפֿגעוואַכט פֿון דרעמל.

— מאַמע, זע נאַר! — האָט אַ ייִנגל געשריגן, אַרויסרייסנדיק דאָס

קעפּל פון דער מאַמעס הענט, וואָס האָבן געזוכט ביי אים אומפּלייט, און געלאָזט זיך מיט אונטערגעהויבענע פּאָלעס צו דער קאַרעטקע.

— יינגאַטש, ווו לויפסטו? — האָט די מאַמע געבייזערט זיך, איבער־בלייבנדיק מיט אַ פּאָר איבעריקע הענט.
פון אַלע קראָמען האָבן זיך באַוויזן אויגן. יידן האָבן אַרויסגעשטעקט באַיאַרמלקטע קעפּ דורך די געעפנטע פענסטער.
— זע נאָר! זע נאָר! — האָבן זיי געמורמלט צו זיך אַליין, חידושנדיק זיך, פונוואַנען קומט עפּעס אַן אָפיציר אינמיטן דערינען — מ'נע?

דער אָפיציר מיטן שוואַרצן בערדל האָט זיך מאָדנע אויפגעפירט. קודם־כל האָט ער אַרויסגעצויגן פון טאַש זיין רעוואָלווער און גענומען זיך צילן צום הונט, צום זעלבן הונט, וואָס האָט אָפּגעלאָזט דעם אָרי־מאַן און געלאָזט זיך צו דער קאַרעטקע. האָבן מאַמעס גלייך זיך דער־שראָקן פאַרן רעוואָלווער און גענומען זיך קנייפּן די באַקן און רופן די קינדער:
— יאָסעלע, חיימל, דינהלע אַריין! געשווינדער!...
נאָר באַלד האָט דער אָפיציר אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין טאַש און אָנגעהויבן איינטענהן מיט די יינגלעך.
— כשמאירל — האָט ער געזאָגט מיט אַן איבערגעטריבענער פּוילישער אויסשפּראַך, ווי ליטוואַקעס זענען געוועהנט באַכצעקרימען אַ פּוילישן — טשמאירל. איר האָט עפּעס שיינע שוועסטער, האַ? — ...
יינגעלעך האָבן אויפגעשטעלט די נעזלעך און געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער פאַר וואונדער.
— אוי — האָט אַ יינגל זיך געכאַפּט — ער רעדט דאָך אויף יידיש!...
— טאַקע, יאָ! — האָבן אַלע צוגעגעבן און געקוקט מיט אויפגעריסענע אייגלעך אויף דעם אָפיציר מיטן שוואַרצן בערדל.

דער אָפּיציר האָט זיך איבערגעשמיסן מיט אַ גומי־בייטשל איבער די אויסגעפּרעסטע גרינע הויזן און נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן, מיט אַ שאַרף ליטווישן אַקצענט:

— טשמאירלעך, אַשר־יצר קענט איר, האַ? —

מער האָבן די ייִנגלעך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויס־געשאָסן אין אַ געלעכטער:

— ככע, כךךך...

דער אָפּיציר האָט אַרומגעקוקט דעם מאַרק, דערזען פון ווייט אַ גאָרקיך מיט אַ ייִדישער אויפשריפט „גאָרקיך של ר׳ שלמה דוד קנאַסטער, עסין כשר וגם נאַכטלעגער״, איז ער אַרויפגעשפרונגען אויף דער קאַרעטקע און אליין פאַרפאָרן מיט אַ געפילדער אַהין, אויפהויבנדיק גאַנצע זײַלן שטויב.

אין דער גאָרקיך של ר׳ שלמה דוד קנאַסטער האָט דער אָפּיציר מיטן שוואַרצן בערדל אָפּגעטאָן מעשים. ער האָט געקויפט אַ פערטל גענזנס, געהייסן צעשניידן אויף אַ טעלער און אָנגעפיטערט דערמיט זיין פערד. ער האָט גענומען אַ גלעזל בראָנפן, צעשאָקלט זיך אין דער ברייט און צעזונגען אַ קידוש מיט דעם אמתן ראש־השנהדיקן נגון:

— וקדשנו, וצונו, והגיענו!..

אַרום גאָרקיך איז געווען פול מיט ייִדן, ווייבער און קינדער. ר׳ שלמה דוד גאָרקיכער, אַ ייִד אין אַ פאַרפעדערטער יאַרמולקע און מיט ברייטע תחתונים איבער קורצע שטיוועלעך, איז אַרויס פאַר דער טיר און גע־פּרוווט אַוועקיאָגן:

— וואָס האָט איר זיך אַרומגעשטעלט? — האָט ער געשריגן — וואָסער שוואַרצע לויה מאַכט איר מיר דאָ, וואָס? — — —

נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט. באַלעבאַטישע ייִדן האָבן זיך געהאַלטן עטוואָס אָן אַ זייט און געקנייטשט די שטערנס.

— מוז זיין אַ משומד — האָט אַ ייד געזאָגט — נישט כדאי צו שטיין...

— עס, — האָט אַ צווייטער ייד אָוועקגעמאַכט — פאַרוואָס נישט קיין יהודי?...

— אַ ייד אַן אָפיציר? —

— אַלמאַי באַראָן גינזבורג! מ'דערציילט, אַז ער עסט אַפילו נישט קיין טרפות...

— און איך זאָג, אַז ס'איז אַ גוי, פשוט אַ גוי — האָט אַ דריטער ייד געגעבן צו פאַרשטיין — נאָר אַ געלערנטער, קאָן ער לשון-קודש...

— און קידוש? פונוואַנען קומט צו אים קידוש?

— וואָס איז? — דער גלח קאָן נישט נאָר קידוש, נאָר אַפילו חומש...

— ר'ווייסט גאָר וואָס? — האָט זיך ר' נתן, דער ווייבערישער לערער, אַריינגעמישט — לאָזט מיך, וועל איך זיך שוין מיט אים אויסטענען. איך בין דאָך געווען אַ זעלנער...

— נו, — האָבן יידן צוגעבראָכן און אים דורכגעלאָזט צו דער טיר. ר' נתן דער לערער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און, אויסשטעלנדיק די דאַרע ברוסט פאָראויס, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מעשה סאָלדאַט.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע — האָט ער אַ זאָג געטאָן פונקט אַזוי, ווי מ'האָט אים געלערנט אַמאָל אין קאַזאַרמע, און גלייך זיך פאַרהיקעט, נישט קענענדיק אַרויסברענגען איין וואָרט אַפילו.

דער אָפיציר האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דורכגענומען אים מיט די שוואַרצע פּריילעכע אויגן און געוואַרט אויף עפּעס. נאָר אַז יענער האָט אַלץ געהיקעט, האָט ער אים אַריינגעוואָרפן אַ לשון-קודש וואָרט.

— טומטום! — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן — קלות-ראש.

ר׳ נתן איז אוועק אַ פאַרשעמטער, און ייִנגלעך האָבן אים גלייך נאָכ־געשריגן:

— טומטום! ר׳ נתן טומטום...

דער אָפיציר האָט געגאָסן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און נישט אויפגע־הערט זינגען מיטן ראָש־השנהדיקן ניגון פון קידוש.

ביים אוועקפאָרן האָט ער אַליין אָנגעטריבן און דווקא געוואָלט אַריינ־פאָרן מיטן פערד אין אַ קראָם פון ערדענע טעפּ. ער האָט פאַרלייגט צוויי פינגער צו די ליפּן און געוואָרפן קושן פאַרביי יעדן מיידל, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג.

— מיידעלע! — האָט ער געשריגן — ווילסטו מיך פאַר אַ חתן? קראַ־סאַוויצאַ!

מיידלעך זענען אַנטלאָפן, רויט אינגאַנצן פון בושה, און יידן זענען געשטאַנען, נאָכגעקוקט דעם שטויב, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך זיין גיכן פאָרן, און געקניטשט מיט די שטערנס:

— משוגע, מטורף?...

ערשט פאַרנאַכט זענען אָנגעקומען אַ סך סאָלדאַטן אין שטעטל און אָנגעפילט די קראָמען. זיי האָבן דערציילט, אַז נישט ווייט איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ לאַגער; אַז זיי וועלן דאָ זיין ביז ענדע זומער, און אַז זיי האָבן צו פאַרקויפן ביליק לייוונט און לעדער.

אַז מ׳האָט זיי געפרעגט אויף דעם אָפיציר מיטן שוואַרצן בערדל, האָבן זיי געענטפערט:

— אַך, כייקין! — ער איז נישט קיין עלטערער אָפיציר, נאָר אַ פאַרוטשניק, אַ דאָקטאָר!

— אַ משוגענער? — האָבן יידן געפרעגט די סאָלדאַטן — פראַוודאַ?

— טשאָרט יעוואָ זנאַיעט! — האָבן סאָלדאַטן געענטפערט — שווער צו וויסן...

II

דאָקטאָר כײקין איז געװאָרן אַן אָפּטער גאַסט אין שטעטל. יעדן טאָג איז ער געקומען מיט זײַן קאַרעטקע אויף צװײ רעדער און אין שטעטל איז געװאָרן פרײלעך.

— א, ער פאָרט שוין, דער משוגענער! — האָט מען געטײַטלט מיט די פינגער פון אַלע זײַטן — מזל-טוב!

יעדעס מאָל האָט ער אָפּגעטאָן אַ נײַ שטיקל אַרבעט. אײן מאָל האָט ער געקױפט צוקערלעך און געװאָרפן איבערן מאַרק. חדר-ײנגלעך זענען זיך אָנגעלאָפן פון אַלע זײַטן כאַפּן, האָט ער זיך אַװעקגעשטעלט אין דערמיט, װי אַ בעלפער, װאָס לײנט מיט זײַנע תלמידים קריאת-שמע בײַ אַ קימפּעטאָרין, און געשריגן:

— בכל לבבך — ובכל נפשך — ובכל מאודיך!

אַן אַנדערש מאָל האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע זילבערנע מטבעות פון טײַסטער און געװאָרפן אין דער לופטן. אָרעמעלײַט, מאַרק-זיצערינס, קינדער, האָבן זיך געװאָרפן אויף דער ערד, געריסן זיך װי די הינט אַרום אַ בײן, און ער איז געשטאַנען און געקװאָלן:

— אַ פּאַרציקאָר — האָט ער געשריגן, נאָכמאַכנדיק די פּױלישע ײדן און אַרײַנגעװאָרפן נאָך אַ מטבע אין דער קופּע אַרײַן.

ער איז פאַרפאָרן צו ר׳ שלמה דודס גאָרקיך, געקױפט פלעשלעך בראָנפן און מכבד געװען, װעמען ער האָט געזען פאַרבײַגײן. נאָר גאַנצע שעהן איז ער אָפּגעזעסן בײַ פרימעטלען אין בשמים-האַנדל און געלאַכט מיט די מײדלעך.

בײַ פרימעטלען אין בשמים-האַנדל האָט שטענדיק געשמעקט מיט מאַנדלען, ניס, שיפּטאַלן און יונגע מײדלעך. זי האָט געהאַט אַכט טעכטער, די פרימעטעל, אײנע שענער פון דער אַנדערער, אײנע לאַכע-

דיקער פון דער אַנדערער. יעדע טאָכטער האָט געהאַט צו עטלעכע חברטעס, וועלכע זענען שטענדיק געזעסן אין בשמים־געשעפט און גע־קנאַקט ניסלעך, און כייקין איז גאָרנישט אַרויס פונדאַנען.

ער האָט געקויפט שקאַרמיצן ניס, קאַנפעטלעך, ער האָט אַלע מאָל אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין אַן אַנדער זאַק אַריין, אַרויסגעשלעפט ראָזשינקעס אָדער מאַנדלען און געטיילט די מיידלעך:

— כפּרתכם! — האָט ער געזאָגט גלאַט אין דער וועלט אַריין — הלעיטנו...

— משוגענער! — האָבן מיידלעך געזאָגט, געלאַכט, געררויטלט זיך און געקנאַקט דערביי די ניסלעך און מאַנדלען, וואָס דער דאָקטאָר האָט זיי מכבד געווען.

דאָקטאָר כייקין האָט געאַרבעט מעשים. ער האָט געטאַנצט איבערן קראָם, שאַרנדיק מיט די שלאַנקע פיס אין די גרינע געפּאַסטע הויזן. ער האָט געזונגען ליטווישע לידלעך, דערציילט חכמות, געזאָגט וויצן, און אַ סך מאָל אַרומגעכאַפּט דאָס ערשטע בעסטע מיידל, וואָס איז איבגעקומען אונטער דער האַנט און אַ פלינקן קוש געגעבן אין די סאַמע ליפּן אַריין.

דאָס מיידל האָט געגעבן אַ קוויטש:

— מאַמע!

נאָר די מיידלעך האָבן זיך שיער נישט דערוואָרגן פון געלעכטער.

— אַ משוגענער! — האָבן זיי געזאָגט, דורכנעמענדיק אים מיט די אויגן.

דאָקטאָר כייקין האָט געבליצט פרייך מיט די אויגן. אַרומגערינגלט מיט די מיידלעך, גלאַנצנדיק מיט די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און באַוועגנדיק מיט די ליפּן; מיט די ליפּן, וואָס קוקן אַרויס דורך דעם קויל־שוואַרצן בערדל און וואָנסן, איז ער ענלעך געווען צו די קאַוו־

קאַזער „קראַטאַווצעס“, וואָס שטייען אויסגעמאָלט אויף די עטיקעטן אויף ביליקע פלעשלעך ווייַן. די מיידלעך האָבן געגעסן מיט די אויגן זייַן בויגיק פיגורל, וואָס פּרעסט זיך אַזוי אין די געפּאַסטע מיליטערישע קליידער. זיי האָבן באַטראַכט די שניי־ווייסע ציין זייַנע, וואָס קוקן אַרויס בייַ אים תּמיד לאַכעדיקע, און געקנאַקט צו גיך די ניסלעך.

— ר׳האָט אַ טעם! — האָט אַ מיידל אייַנגערוימט איר חבֿרטע אויפֿן אויער.

— אַ בילד! — האָט די אַנדערע געענטפֿערט, רויטלענדיק זיך אייַנגאַנצן.

נאָר אַזוי האָט מען אים גערופֿן „דער משוגענער“ און מ׳האָט אים אַלץ מוחל געווען. אַפֿילו אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט אַ מיידל אין פּרימעטלס אויגן, האָט מען זיך אויך נישט געמאַכט דערפֿון. דאָס ערשטע מאָל האָט אַפֿילו פּרימיטלען די בשמים־הענדלערן פֿאַרדראָסן.

— פּאַניע אָפּיציר! — האָט זי אים געזאָגט — בייַ אונדז איז נישט דאָס הויז, בייַ אונדז זענען איידעלע קינדער.

נאָר דאָקטאָר כייקין האָט אויסגעקרימט דאָס מויל, ווי אַ פּאַיאַץ, און געזאָגט אַ לשון־קודש וואָרט:

— לתותפות! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

און אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— משוגע — האָט פּרימיטל אים באַדויערט.

— משוגע — האָבן אַלע מיידלעך נאָכגעזאָגט, פֿאַרריכטנדיק זיך די האָר — אַ שיינע כּפּרה זאָל ער מיר זייַן...

דאָקטאָר כייקין האָט געשלעפּט פֿון די זעק פֿולע הענט מאַנדלען און ניסלעך און געטיילט פֿון אַלע זייטן. קיין חשבון האָט ער נישט געפֿאָדערט, קיין געלט האָט ער אויך נישט געצאָלט.

— פֿאַרשרייבן! — האָט ער געזאָגט און איז פֿאַרפֿאָרן נאָכאַמאָל צו ר׳ שלמה דוד גאָרקיכער. דאָרטן האָט ער אָנגענומען פֿולע פֿלעשער מיט בראָנפֿן, ליקער, ער האָט געהייסן איינפּאַקן גענזלעך און וורשטן און אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש איבערן מאַרק. ר׳ שלמה דוד האָט קיין געלט נישט געפֿאָדערט. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער דאַרף פֿאַרשרייבן, צי נישט — און ער האָט נאָכגעשריגן:

— פּאַניע אָפּיציר — פֿאַרשרייבן אין בוך, צי איר וועט צאָלן מאָרגן?

— ווער דערוואָרגן! — האָט דער אָפּיציר געענטפֿערט מיט אַ גראַם און אַוועק גיך, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שטויב.

אויסער ביי פּרימיטלען אין בשמים־געוועלב האָט ער זיך באַגעגנט מיט די שטאָטישע מיידלעך אין וואַלד, הינטערן שטעטל, און ער האָט איינגעקויפֿט ביי שלמה דוד גאָרקיכער אַ סך זאַכן אויף כּבֿוד.

דער וואַלד איז געלעגן נישט ווייט פֿון לאַגער און געצויגן זיך וויאָרסטן־ווייט. געווען דאָרטן געדיכטענישן אַזעלכע, וווּ די זון איז קיינמאָל נישט צוגעקומען און זשאַבעס האָבן געקוואַקעט אַפֿילו בייטאָג.

און מער ווי אַלע מאָל האָבן איצט די מיידלעך זיך געפּרעסט די סאַטינענע קליידלעך און געשפּאַצירט אין וואַלד. זיי זענען געגאַנגען פּאָרווייז, אַרומגענומען, מיט דער באַזונדערער ליבע צווישן מיידלעך אין קליינע שטעטלעך, וואָס זענען נישט געוווינט צו פֿאַרברענגען מיט יינגעלייט — און מער ווי אַלע מאָל האָט מען איצט געזונגען דאָס ליבע־לידעלע פֿון אומגליקלעכן שניידער־מיידעלע:

„געווען אַמאָל אַ שניידער־מיידעלע,
„אַ שניידער־מיידעלע,
„איז זי געזעסן אין שטוב,
„פֿאַרבייגעגאַנגען אַ ראָטנע־אָפּיציר
„און האָט זיך אין איר פֿאַרליבט...“

פון הינטן, אַביסל אָן אַ זייט, האָבן געשפּאַצירט בחורימלעך, בחורימלעך מיט קליינע היטעלעך אויף די שפּיץ קעפּ און מיט דינע שטעקעלעך אין די הענט. זיי זענען געגאַנגען כּלומרשט אָן אַ זייט, גלייך זיי האָבן די מיידלעך גאָרנישט אין זינען. נאָר גייענדיק זיך אַזוי פאַר זיך, האָבן זיי דערווייל אונטערגעכאַפּט דאָס לידל פון די מיידלעך:

„מיידעלע, מיידעלע, ביסטאָך זייער שיין,
„ביסטאָך זייער שיין,
„ביסטאָך מיר שטאַרק געפעלן,
„מיידעלע, מיידעלע, לאָמיר אַוועק,
„וועלן מיר אַ חופּה שטעלן...“

די מיידלעך האָבן זיך ווייטער שפּאַצירט פון אַ זייט, אַפילו זיך נישט אומגעקוקט, נאָר גייענדיק זיך אַזוי פאַר זיך, האָבן זיי שטאָלץ פאַרענדיקט אַ ווייטערדיקן סטראָף:

„קיין חופּה, קיין חופּה
„וועלן מיר נישט שטעלן,
„ווייל דיינע רייד זענען אומזיסט,
„קיין חופּה, קיין חופּה
„וועלן מיר נישט שטעלן,
„ווייל דו ביסט אַ קריסט...“

אַזוי האָט מען זיך שפּאַצירט פון אַ זייט באַשיידן, אָפּגעטיילט, נאָר אָט האָבן זיך דערהערט פערדישע פּאָדקאָוועס פון ווייטן. דאָקטאָר כּייקין איז געקומען אָנצוריייטן, און גלייך איז פאַרשוווּנדן דער פאַרנאַכטיקער אומעט.

— גוט יום־טוב! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און געמאַכט אַזאַ עלעגאַנטע מינע, אַראָפּשפּרינגענדיק פון פערד, ווי אַ פּרינץ, און אַלע האָבן זיך געשאָטן פון געלעכטער.

— כאַ, כאַ, כאַ, אַ משוגענער! כי, כי, כי!

דאָקטאָר כייקין האַלט זיך נאָך פרייער, ווי אין שטעטל. ער דרייט זיך אַרום צווישן די מיידלעך, ווי אַ האָן צווישן הינער, און בליצט מיט די שוואַרצע אויגן. ער טאַנצט אויפן גראָז, שפּילט זיך אין יאָגע־לעך, אין באַהעלטעניש; ער קריכט אַוועק אין די געדיכטע ערטער, ווו זשאַבעס קוואַקען, זינגט לידער און באַפאַלט אַלע מאָל אַן אַנדער מיידל. מיידלעך קוויטשען, אַנטלויפן פון אים און קומען אים אויס פונקט אין די אָרעמס אַריין. ער טיילט כיבוד, קנאַקט ניסלעך און פאַרבייסט מיט אַ קוש, ווו עס קומט אים אויס — און די מיידלעך זענען אים אַלץ מוחל און מאַכן זיך נישט דערפון.

— משוגע, — זאָגט מען, סאַפּענדיק פון אויפרעגונג און צעפלאַמטקייט.

די בהורימלעך שטייען פון אַ זייט. פאָכען מיט די דינע שטעקעלעך אין די הענט און שמייכלען מיט, נאַרישלעך, פאַרשעמט.

— מטורף, — זאָגן זיי, זיך מאַכנדיק לאַכן — טויט משוגע...

III

אין שטעטל האָט מען אָן דאָקטאָר כייקין נישט געקענט איינפאַך אויס־קומען.

— אַ מלאך, נישט קיין דאָקטאָר, — האָבן ווייבער געזאָגט אויף אים, — ער נעמט אַראָפּ אַ קרענק ווי מיט די הענט.

— ס'איז פשוט אַ מזל־זאַך, — האָבן יידן צוגעגעבן, — אַ געוואַלדיקער מומחה...

דאָס ערשטע מאָל האָט דאָקטאָר כייקין אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אויף

אַ וויק. ער איז פונקט געגאַנגען איבערן מאַרק, ווען אַ יידענע מיט אַ פאַרהילט טיכל אויפן קאָפּ איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און זיך געבראָכן די הענט:

— בעט יידן פאַר מיין קינד, — האָט זי איינגעריסן, — זאָגט תהילים פאַר מיין אויג אין קאָפּ!...

כייקין האָט איר תחלת נאָכגעשפּעט. די יידענע האָט געשריגן מיט אַ ניגון, און ער האָט איר נאָכגעזונגען, ער האָט איר נאָכגעשריגן אַ לשון־קודש־וואָרט: לפורקנך...

נאָר באַלד האָט ער אַ בליק געטאָן איבערן מאַרק, און געהייסן דעם זעלנער זיינעם מיטפאָרן נאָך דער יידענע.

— ווייז צינגעלע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום קראַנקן יינגעלע, שנעלנדיק אים אין נאָז — ווייז פּופּיקל, שייגעץ!...

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס יינגעלע געזונט געוואָרן, און ווייבער האָבן אָנגעהויבן נאָכלויפן דעם אָפּיצער מיטן שוואַרצן בערדל, ווו מען האָט אים געפּאַקט:

— אוי, גוטער שליח, ראַטעוועט מיר מיין קרוין!...

אין לאַגער האָט ער ווינציק וואָס געהאַט צו טאָן. אַלע טאָג האָט מען אַרויסגעגעבן באַפעלן די סאָלדאַטן — נישט עסן קיין אוגערקעס, קיין אויבסט, די כאָליערע גייט אום.

די סאָלדאַטן האָבן אויסגעהערט, געזאָגט:

— סלושאַיוס!

און אַלע סעדער און גערטנער באַגנבעט. נאָר קראַנק איז קיינער נישט געווען. דערפאַר האָט מען אין שטעטל געהאַלטן אין איין קרענקען — און דאָקטאָר כייקין איז אַרומגעפאָרן מיט דער קאַרעטע פון הויז צו הויז.

קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט נעמען. אַז אַ יידענע האָט אים

געשטעקט אַ מטבעה אין האַנט, האָט ער אָנגעשפּיגן אויף דער מטבע.

— זאָג לסברית — האָט ער געזאָגט דער יידענע — לסברית!

די יידענע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן און זי האָט געמוזט זאָגן:

— לסברית...

— קריג די כּפּרות! — האָט דער אָפּיצער געענטפערט און אַרויס פון שטוב.

דערפאַר אָבער האָט ער זיך געהאַלטן ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט יעדן געזאָגט „דו", געכאַפּט אַ מיידל אין שטוב, אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קניען און געהייסן זיך געבן אַ קוש.

מיידלעך האָבן געקוויטשעט, געוואָרפן זיך און טאַטע-מאַמע זענען געשטאַנען אין אַ זייט, דער טאַטע אָן היטל, די מאַמע מיט אַ שפּיץ פאַרטוך אין האַנט און מיט דער ספּעציעלער הכנעה און גוטמוטיקייט. וואָס קליינשטעטלדיקע יידן האָבן צו אַ דאָקטאָר אַ משוגעת, געשמייכלט נאַרישלעך און פאַרשעמט.

— משוגע, מ'זאָל נישט דאַרפן צו אים אָנקומען, — האָבן זיי געמורמלט. — מטורף...

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן איבערגיין אין די באַלעבאַטישע הייזער אויך, אין מאַרק.

— אַ מומחה, — האָבן ווייבער געזאָגט, — אַ פּראָפעסאָר!

און אַלע טאָג איז אַן אַנדערע קראַנק געוואָרן.

דאָקטאָר כּייקין איז געגאַנגען אומעטום.

— אַרויס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די מענער, אַריינקומענדיק צו אַ חולנית אין שטוב — פּאַשאָל...

און נאָך איידער מ'האָט פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך, האָט ער שוין באַפוילן:

— ווייז בייכעלע. נו...

ער איז אַזוי אַריין אין דער פּראַקטיק, אַז קומענדיק אין אַ שטוב, האָט ער גלייך גענומען די מיידלעך און ווייבלעך ביים דופק און געהייסן זיך אויסטאָן.

מיידלעך זענען אַנטלאָפן. זיי האָבן געשריגן:

— נישט צו מיר האָט מען גערופן — צום קינד דאָרט, אָ — איך בין געזונט.

נאָר כייקין איז נישט נתפּעל געוואָרן.

— נו, נו,—האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט—ווייז בייכעלע...

אַפילו ביים רב אין שטוב האָט ער באַוויזן זיינע קונצן. מ'האָט אים גערופן אויף אַ וויזיט צו דער רביצין, האָט ער גאָר גענומען דעם רבס מיידל ביי דער האַנט און געוואָלט אָוועקזעצן צו זיך אויף דער שויס.

דער רב האָט געקניישט מיטן שטערן. ער איז געשטאַנען אָן ספּאָדיק, בלויז אין דער יאַרמאָלקע, און געקרימט מיט דער נאָז:

— עט — האָט ער געזאָגט, נישט פאַרטראָגנדיק דעם אָפּיצערס גענג, — נו, אָ!

נאָר דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ קונץ.

— ויצמח! האָט ער געזאָגט.

און די יידן, די באַלעבאַטים, האָבן אַריינגעפירט דעם רב צו זיך אין בית־דין שטוב.

— אַ משוגענער! — האָבן זיי אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווייזנדיק זיך ביי די קעפּ — נאָר אַ מומחה.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די וויזיטן, איז ער צוגעפאָרן צו די

קראָמען און געהייסן זיך איינפּאַקן סחורות און אַריינלייגן אין קאַרעטע. ער האָט געקויפט אַלץ, עסנוואַרג און זיידנס און פּרוכטן. יידן האָבן אים געגעבן, וויפל נאָר ער האָט געבעטן. זיי האָבן אים אָנגערעכנט וויפל נאָר דאָס האַרץ האָט אויסגעטראָגן, און אַ ביסל נישט דערוואויגן און דערמאָסטן דערצו. — דער רוח וועט אים שוין נישט נעמען — האָבן זיי זיך געלערנט אַ היתּר — מסתּמא רייך ווי קרח...

דאָקטאָר כייקין האָט געהייסן איינפּאַקן וואָס מער אין דער צוויי־רע־דערדיקער קאַרעטע זיינער.

— פאַרשרייבן? — האָבן סוחרים נאָכגעשריגן — צום חשבון?

— ויקהל — האָט דאָקטאָר כייקין געענטפערט מיט אַ וואָרט פון חומש און אַוועק גיך, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צוויי זיילן שטויב...

⁂

דער זומער האָט אָנגעהויבן זיך אָפּרוקן פון שטעטל.

פון אַלע וועגן האָבן זיך געטראָגן ווייסע פעדים, סמנים פון הערבסט און געקלעפּט זיך צו מיידלשע קעפּ האָר און צו יידישע בערד. דורך קרומע, געפלאָכטענע פּלויטן האָבן פולעביימער באַוויזן זייערע איבער־געוואַקסענע פּירות און געוואָרפן זיי פון זייערע דינע צווייגעלעך אויף די קלעפּיקע בלאָטקעלעך, וואָס האָבן זיך פון די אָפּטע רעגנס גע־האַלטן. איבערן שטעטלשן מאַרק האָבן זיך הייזעריקע קולות פון שופרס געטראָגן. ייִנגלעך האָבן גאַנצע טעג נישט אויפגעהערט זיך לערנען בלאָזן, און אַ קעלט איז דורך די ביינער.

— אַ קעלט, — האָבן ווייבער געזאָגט, טוליענדיק זיך אין די שאַלן.

— אַ קרירה — האָבן יידן צוגעגעבן, באַהאַלטנדיק די בערדלעך אין די לאַצן, אויסהיטנדיק זיי פון רעגן.

מער ווי אַלע מאָל האָבן זיך איצט ווייבערשע געוויינען געלאָזט הערן

איבער די געסלעך, וואָס פירן צו דער שול און צום גוטן אָרט. פון גרויסן געדרעטעניש אויף פלוימען און עפל איז אַלעמאָל אַז אַנדערער אוועקגעפאַלן אויפן בויך, און מאַמעס זענען געלאָפן מעסטן דאָס בית־עולם און איינרייסן אין שול ביים ארון־קודש. נאָר דעם אָפּיצערל מיטן שוואַרצן בערדל האָט מען עפּעס נישט געזען.

— פאַרפאַלן געוואָרן — האָבן יידן געמורמלט — עפּעס זעט מען אים נישט.

— ווי אַ שטיין אין וואַסער — האָבן ווייבער צוגעשאָקלט — ביסט אַ מבין?

מען האָט אים אויסגעקוקט אין שטעטל. פון אַלע זייטן אויסגעקוקט. ביי פרימעטלעך אין בשמים געוועלב זענען די מיידלעך געזעסן טרויע־ריק, מיט גרויסע אָפענע אויגן, געקוקט אין דער ווייט און געשוויגן — נישט איין מיידל האָט געטראַכט, אַז זי דאַרף אויסזוכן צווישן די חברטעס איינע די סאַמע געטרייסטע, און אָנפאַרטרויען איר אַ סוד, אַ שרעקלעכן סוד...

נאָר ווען זי זאָל נישט אָננעמען אויפן געדאַנק, איז אַלץ נישט זיכער... ניין.

יידן סוחרים האָבן געקוקט אין די ביכער, אין די צעקנייטשטע ביכער, וואו מיט יידישע ווערטער זענען געווען אָנגעשריבן לאַנגע, קרומלעכע חשבונות אויף האַלב־יידיש, האַלב לשון־קודש, און גערעכנט דעם אָפּיצירס חובות:

— „שלשים ווין — פערציק — עשר קאַטשקעס — צוועלף...

ביי יעדער פּאָר פּאָדקאָוועס, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון ווייטנס, האָט מען אַרויסגעצויגן די קעפּ.

— דאַכט זיך, ער פאָרט! — האָט מען געזאָגט און געקוקט ווייט, —

נאָר עס איז גאָר אָנגעקומען דער איינציקער גוי דער פייערלעשער מיט זיין ליידיקן פעסל צום פלומפ.

— אַ שיינע כפרה זאָל ער מיר זיין — האָבן ווייבער אַרייַנגעוואָרפן אַ קללה דעם פייערלעשער און באַהאַלטן זיך צוריק אין די טיכלעך.

פון לאַגער האָט מען קיינעם נישט געזען, אַפילו קיין זעלנער אויף קיין רפואה נישט, אין שטעטל איז געווען פוסט. קראָען האָבן כסדר געקראַקעט.

נאָר איינמאָל אין אַ פרייטאג אין דער פרי האָט זיך פלוצלונג אַ טראַמיים דערהערט און דאָס שטעטל האָט אויפגעוואַכט פון דרימל.

— מאַמע, זע נאָר! — האָט אַ ייִנגל געשריגן, אַרויסרייסנדיק דאָס קעפל פון דער מאַמעס הענט, וואָס האָבן געזוכט ביי אים אומפלייט, און געלאָזט זיך מיט אונטערגעהויבענע פאָלעס לויפן.

פון שאָסיי האָבן זיך באַוויזן מחנות זעלנער מיט די ביקסן אויף די פלייצעס, מיט די לאַפּאַטקעס ביי די זייטן און מיט פאַרלייגטע שינעלן אויף דער ברוסט. פאָרויס זענען געגאַנגען אָפיצערן, טייל צו פוס, טייל אויף פערד, און געשריגן הויך:

— לעווא! לעווא!

אינמיטן זענען געפאָרן קיכן, בריטשקעס, אָנגעלייגט מיט פעקלעך און טשעמאָדאַנעס, דערנאָך זענען געגאַנגען אָקסן, אַ מחנה אָקסן מיט גרויסע הערנער, און דערנאָך ערשט זענען געפאָרן עטלעכע סאַניטאַרע ביידלעך מיט רויטע קרייצן אויף די זייטן און פאָראויס אַ קאַרעט־קעלע אויף צוויי רעדער, אין אַ שוואַרץ פערד געשפּאַנט, און אינע־ווייניק דער אָפיציר מיטן שוואַרצן בערדל, אין אַ ווייסן מונדיר און מיט אַ שווערד אָן זייט.

יידן האָבן אויסגעשטעלט די אויגן.

— אָט־אַ־אַ זיצט ער! — האָבן ווייבער געשריגן צו די מענער —

גיכער לויף, זיי פאָרן אַוועק! ווײ, ווײ! אונזער בלוט! אונזער פּראַצע...

יידן סוחרים האָבן פאַרהויבן די פּאָלעס, געלאָזט זיך צום מיליטער, נאָר סאָלדאַטן האָבן זיי אַוועקגעטריבן.

— קודי? — האָבן סאָלדאַטן געשריגן, נישט צולאָזנדיק צו די רייען און געקלאַפּט מיט די פּיס.

יידן זענען געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע הענט, — מיט אַרויס־שטאַרנדיקע אויגן און דאָס לשון האָט זיי אָפּגענומען.

— קינדערלעך — האָבן זיי געשריגן צו די מאַרשירנדע סאָלדאַטן, וואָס זענען געגאַנגען אין אַ זייט — ער האָט אונז געשאָכטן, באַראַבעוועט...

נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַן אָפיצירישער באַס:

— ראַוו-נייס! מאַרש!...

און אַלע סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פריילעך ברוסטיקע ליד, אַז אַלץ אַרום איז פאַרטויבט געוואָרן:

טשובאַריקי, טשופּ, טשיפּ...

טשו־באַ־רי...

פון די ערשטע רייען האָט זיך דערטראָגן די מוזיק. די טראָמייטן האָבן געהילכט, די פּויקן האָבן געקלאַפּט.

די הינטערשטע רייען, נאָך אַלע וועגן, קיכן און בהמות, האָבן גע־נומען אַן אַנדער לידל:

דיעווקי איור ליעס, יאַ זאַ נימי.

דיעווקי איור סאַד, יאַ זאַ נימי.

קרוי דיעווקי, טוט אי יאַ.

אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרכאַפּט אַ שטיק אַרמיי, אַ העלפט וועגן. פון ווייט האָט זיך געטראָגן אַ שפּיץ ווייס היטל פון פאַר־שוואונדענעם דאָקטאָר און געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

אויפן מאַרק האָט זיך באַוויזן דער סטראַזשניק. ער איז צוגעגאַנגען צום רעדל נאָכקוקנדיקע יידן, ווייבער און קינדער; ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דעם פרישן מיסט, וואָס די אַרמיי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס שטייט איר, בהמות, און גלאָצט? נעמט זיי בעזימער און קערט אָפּ דעם מאַרק! פּשאָל!...

בלוט

(1924)

I

אַז ר׳ יהושע ווײַנשענקערס טאָכטער הענדל איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, און די ברוסטן אירע האָבן אַזוי געצאַפּלט הינטער דער בלוזקע יעדער מאָל, ווען זי האָט דערלאַנגט אַ גלאָז ווײַן צו אַ טיש, אַז די גוים, די געסט, האָבן זי מיט די אויגן אויפגעפרעסן, — האָט ר׳ יהושע אַרײַנגערופן צו זיך אין שטוב אַרײַן זײַן ווײַב תּרצה; ער האָט איר אָנגעוויזן אויפן פעל־געדעקטן געקאָוועטן קופערט, זי זאָל זיך אַוועק־זעצן, און געזאָגט:

— ווייסט, תּרצה, צו וואָס איך האָב דיך גערופן? —

תּרצה האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס רופט זי איר יהושע, כּדי צו ריידן וועגן אַ וויכטיקע זאַך, וועגן אַ תּכלית פאַר הענדלען. זי האָט געוווּסט, אַז יעדער מאָל, ווען ס׳האָט בײַ טאָן אַ שידוך מיט אַ קינד, רופט זי שטענדיק אַרײַן איר מאַן צו זיך אין שטוב און בעט זי זיצן אויפן קופערט.

דער קופערט איז די טײַערסטע זאַך אין שטוב. אַ חוץ דעם, וואָס ר׳ יהושע האַלט דאָרטן זײַן כּתיבה נאָך פון דער חתונה, אַ מגילה אין אַ זילבערנער שייד און אַ קמיע נאָך פון קאָזשעניצער מגיד, ליגט דאָרט אויך אין אַ ערדערן טעפּל אַ היפּש ביסל צירונג, אַ שנירל פּערל, עטלעכע ציטער־שפּילקעס, אַ חוץ זילבערוואַרג, מזומן געלט און אײַנגע־לייגטע משכּנות און „שלושן“ —

זיצן אויף אים בעט נאָר ר׳ יהושע בײַ אַ געהויבענעם מאָמענט, בײַ ריידן אַ שידוך מיט אַ קינד. נאָר תּרצה, אַ יידענע, אַ פּשוטע, אַ גרויסע, מיט שווערע גלידער, האָט שטאַרק בכּבוד געהאַלטן איר מאַן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף נישט טרעפן דעם מאַנס רייד. האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, אויסצומיידן איר רויטקייט אין

פנים, וואָס איז געקומען פון נאַרן דעם מאַן אין געדאַנק, — און זי האָט געזאָגט שטיל:

— ניין, יהושע, כ'ווייס נישט.

ר' יהושע האָט איבערגעגלעט זיין שוואַרץ-גרויזלעכע באָרד, די גע־דיכטע שוואַרץ-גרוילעכע באָרד, וואָס אַזעלכע וואַקסן נאָר ביי געזונטע יידישע נגידים — און געזאָגט:

— מ'דאַרף חתונה מאַכן העגדלען. שוין צייט.

— צייט, — צייט! — האָט תרצה געענטפערט, נאָך טיפער אַראָפּלאָזנ־דיק דעם קאָפּ.

זי האָט געוווסט, תרצה, אַז מ'דאַרף חתונה מאַכן העגדלען.

זי איז געוואַקסן, די העגדל, ווי אויף הייוון. ביי זעכצן יאָר שוין איבערגעיאָגט די מאַמע. דערצו האָט זי זיך אָנגעהויבן האַלטן צו פריי מיט די גוישע געסט אין שענק, אַז ס'איז פשוט אַ חרפה פאַר שכנים. רק מען שפילט אין פעטשלעך, מ'נעמט זיך ביי די הענט, מ'גייט אַ טאַנץ איבערן זאַל, און אַ סך מאָל פרווט מען זיך גאָר די כוחות, די קראַפט אין די הענט, איבערהויפּט מיטן העלן סטעפּאַן, דעם חזרים־קוילערס זונדל, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער שקאָלע מיט אַ צאַצקע אויפן היטל.

ר' יהושע, אַ ייד אַ זעכציקער, נאָר מיט אַ יונג פאַרברענט פנים און מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן, וואָס דערציילן פון אַ סך איינגעהאַלטענע כוחות און פאַרהאַרטעוועטער ליידנשאַפט, האָט אַ שטרענגן בליק געטאָן אויף זיין ווייב, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסלייענען עפּעס פון איר פנים און געצויגן ביי אַ שפּיץ באָרד.

— נו, וואָס, תרצה? — האָט ער איבערגעפרעגט — האַ? —

— וואָס קען איך, אַ יידענע זאָגן? — האָט תרצה געענטפערט, אַלץ

זיפער אָראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, גלייך זי וואָלט אין עפּעס שולדיק
עוועזן — ביסט דאָך אַ טאַטע, זע אַ בחור און זאָל זיין מיט מזל.

— אַ בחור האָב איך שוין געזען — האָט ר׳ יהושע געענטפערט און
זיך פאַרטראַכט. —

אים איז געשטאַנען פאַר די אויגן דער בחור — אַ קליינער, אַ דאַרער,
זיצט איינגעבויגן איבער דער גרויסער גמרא, ציפּט דאָס שפּראָצנדיקע
שוואַרצע בערדעלע און ברומט אונטער דער נאָז אין די בלעטער
אַריין. — צוזאַמען מיט אים האָט ער געזען זיין העגדלען, איר הויכע
פעסטע פיגור, אירע רויטע באַקן, גלאַנצנדיקע אויגן, דאָס ברייטלעכע
פליישיקע מויל מיט די ווייסע ציין, וואָס שטענדיק לאַכן זיי, און
איבערהויפּט דער בוזים.

ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַזעלכע זאַכן, ר׳ יהושע, אַפילו נאָך
איצטער אויך. נישט איינמאָל איז עס אים אויסגעקומען צו באַגעגענען
אויף די דערפער, איבער וועלכע ער פאָרט אַרום — און אַפילו העגדל
אַליין, נישט איינמאָל, אַז זי נעמט אים אַרום, לייגט זיך אַרויף אויף
אים מיט איר גאַנצער שווערקייט, פילט ער אַליין עפּעס אַזאַ ציטער
אין לייב—אַלמאַי זאָל ער לייקענען?

זענדיק פאַר זיך ביידע מיט אַ מאָל, האָט זיך זיין נידעריקער אָפּ=
געבראָכענער שטערן שטאַרק פאַרצויגן, אַזוי, אַז פון אים איז כמעט
גאָרנישט נישט געבליבן; — די געדיכטע ברעמען מיט די האָר פון
קאָפּ האָבן זיך שיער נישט באַגעגנט. — אין די קנייטשן פון שטערן
איז געלייגן אַ צווייפל, ווי ער וואָלט נישט גלויבן שטאַרק אין דער
מעגלעכקייט פון דעמדאָזיקן זיווג. נאָר באַלד איז געקומען אין זיין
געזונטן קאָפּ אַ פרומער געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין רבינס
ווערטער:

— יהושע — האָט דער רבי געזאָגט — נעם אַריין דעם בחור צו דיר. וועסט האָבן אַ צירונג אין שטוב.

און ר׳ יהושע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַ שאָקל געטאָן ענערגיש מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשאָקלען יעדן ספק, און געזאָגט פּעמט:

— תּרצה, זאָלסט זען, מ׳זאָל אויפרוימען די שטובן. איבעראַכטאָג דינסטיק „מיערטשעם" וועט זיין תּנאָים. דינסטיק איז אַ מזלדיקער טאָג.

— זאָל טאַקע זיין מיט מזל, — האָט תּרצה צוגעגעבן, און אויפגעהויבן זיך פון קופערט און אַריין אין שענק.

— הענדעלע — הענדעלע! — האָט זי גערופן איר טאָכטער מיט דער ספּ׳ ציעלער דאָפּלטער ליבע, וואָס מאַמעס דערפילן צו זייערע טעכטער, ווען זיי גרייטן זיך חתונה מאַכן זיי — קום אַהער כלה׳מויד, וועל איך דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה.

— וואָס איז מאַמעשי? —

— דער טאַטע איז דאָך געפאָרן דיר ברענגען אַ חתן, פרייסט זיך גאָרנישט? —

— אַוודאי פריי איך זיך? — האָט הענדל געענטפערט און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, צו פאַרריכטן די האָר —

— הענדלאַ! — נאָך איין מעד — האָט זיך אַ שטום דערהערט — הענדלאַ, אַ גוטע!

האָט הענדל אַ גיכן דריי זיך געגעבן און מיט פעסטע און לייכטע טריט אַוועק צום בופעט. —

— שוין, — שוין — האָט זי געשמייכלט און אַרויף אויפן לייטערל, כדי אויסצוגעפינען אַן עכטע פלאַש מעד.

די גוים זענען געזעסן ביי די טישלעך, געקוקט מיט אויפגעריסענע

אויגן אויף אירע געטאָקטע פּיס, וואָס באַווייזן זיך ביים קריכן אויף די שטאַפּלען, און זיך באַלעקט.

— עך א מויד! — האָט אַ שכן געברומט צום צווייטן — ס׳טרינקט זיך גאָר אַנדערש, אַז זי דערלאַנגט.

— איז, הענדלאַ, נאָך אַ פלאַש! — האָט דער צווייטער צוגעגעבן — פריילך, פאַר דיינעטוועגן!

די חתונה איז צוגעגאנגען, ווי יעדער חתונה ביי אַ רייכן ייד. ס׳איז גע־קומען קינד און קייט. מ׳האָט אויפגעשטעלט פון לייוונט אַ בויד און אויס־געשטעלט מיט טישן. קלעזמער זענען געקומען פון עטלעכע שטעט מיט אַמאָל. אויסגעקומען איז די חתונה נאָך שבועות, ווען די היצן זענען געווען גרויס. פונדעסטוועגן האָט מען די כלה אָנגעטאָן צו דער חופה אין אַ שווערן זיידענעם פוטער און אין קאַלאָשן, אין נייע קאַלאָשן, וואָס האָבן נאָך געהאַט די צוגעקלעפּטע קוויטלעך אויף זיך, און אַזוי־ן געפירט זי ביזן שול־הויף — מ׳האָט איר אָנגעהאָנגען פון שענסטן און בעסטן, וואָס מען האָט איר געמאַכט.

אויך דער חתן, וואָס איז געגאַנגען אין ווייסע זאָקן ביז די קניען, מיט אַ גלאַנציק־אַטלעסענער קאַפּאָטע, האָט מען אָנגעטאָן אין אַ טכוי־ערנעם פוטער, וואָס דער מחותן זיינער האָט אים געלאָזט אויפנייען, און אַ גרויס שטריימל אויפן קליינעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ. קיין קאַלאָשן האָט מען אים נישט אָנגעטאָן, ווייל די מאַמע זיינע, — אַ יידענע מיט אַ שלייער פון אַ סך קארשן, פּאַטשערקעס, בלימעלעך און הערעלעך — וואָלט עס געהאַלטן פאַר צופיל אויסגעלאַסן. מ׳האָט אים בלויז אָנגע־

טאָן אַ פּאָר לײַכטע פּאַנטאָפּעלעך אויף די פּיס. נאָר פאַר דער חופּה איז פאָרגעקומען אַ שטיקל עסק.

פאַר דער חופּה האָט זיך דער חתן דערמאָנט, אַז ער וויל גיין אין מקווה אַרײַן. מ׳האָט אַרײַנגערופן דעם מחותן ר׳ יהושע.

— דודל, מ׳קאָן נישט! — האָט דער מחותן געזאָגט, — די מקווה איז אָפּגעברענט.

ער האָט זיך צוגעבויגן צום אויער און געזאָגט שטיל:

— אַפילו מיט דער כּלה געמוזט פאָרן אין שכנותדיקן שטעטל...

— אָבער אָן טבילה קאָן איך נישט גיין צו דער חופּה — האָט דודל דער חתן געזאָגט פעסט: — כ׳האָב אַן ענין דערבײַ.

— אַן ענין? — האָט ר׳ יהושע געזאָגט פרום, מיט דער ספּעציעלער פרומקייט פון אַ פּראָסטן ייִד, וואָס קריכט אַרײַן אין יחוס, — וואָס־זשע טוט מען? —

— אפשר אַ טײַך פאַראַן נאָענט? — האָט זיך דעם חתנס מאַמע אַרײַנגעמישט.

— ניין. ערשט פינף ווייאָרסט פונדאַנען גייט די ווייסל.

— אפשר אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם און אַרומוואַשן זיך? — האָט זיך אַרײַנגעמישט ר׳ יהושעס אַ זון, אַ יונגערמאַן מיט אַ קעלבערל און אַ פּראָסטער מענטש.

— אַי, וואָס רעדט ער פאַר אַ שטותים? — האָט זיך דעם חתנס מוטער געבייזערט, שאָקלענדיק מיט אַלע פאַטשערקעס, בלימלעך און קרעלן פון איר אַטלעסן שלייערל. זינט דער מאַן אירער דער רב איז געשטאָרבן, האָט זי גערעדט אינגאַנצן ווי אַ מאַנסביל אַ תלמיד־חכם. זי האָט זיך געבייזערט ווי אַ מחותן אַ מיוחס, וואָס טוט אַ געלט־שידוך.— ס׳הייסט, — האָט זי געזאָגט, מ׳רעדט פון טבילה, דערציילט ער פון „מים־שאובים“? —

— גיי שוין, גיי! — האָט זיך ר' יהושע אָנגעבייזערט אויף זיין זון דעם עם־הארץ, פאַרשעמענדיק זיך פאַר דער מחותּנתטע אין שלייערל.

— ווייסט גאָר וואָס? — האָט דודל אַ זאָג־געטאָן צו זיין מאַמען, בלינצנדיק מיט די אויגן אַרום זיך — כ'וועל זיך אַראָפּכאַפּן אין ברונעם אַריין.

— דודל, וואָס רעדסטו? — האָט דער מחותּן געזאָגט — אין אַ ברונעם? ווי מען שעפּט וואַסער?

— ע, שטותים — האָט דודל אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— אָבער זאָלסט זיך, חלילה, נישט פאַרקילן, מיין זון! — האָט די מוטער זיינע זיך געזאָרגט.

— פון טבילה פאַרקילט מען זיך נישט — האָט דודל קורץ געענטפערט, כ'האָב אַן ענין דערביי.

דער מחותּן האָט זיך געפרווט שפּאַרן, נאָר דער חתן האָט נישט נאָכגעגעבן. ער איז געווען אַ מקובל און אַן עקשן דערצו. דערביי האָט נאָך די מוטער געשאָקלט פסדר מיטן טשיפּיק און זיך געבייזערט ווי אַ מאַנסביל — און אַזויווי דודל אַליין האָט אַלע ווילע צוגעגעבן זייער סודותדיק — כ'האָב אַן ענין דערביי!

האָט זיך דער מחותּן איינגאַנצן דערשראָקן פאַר די סודותדיקע רייד און אַ געשריי געטאָן צום אָנטרייבער זיינעם, דעם שייגעץ:

— וואַלענטי, שטעל אַראָפּ אַ לייטער אין ברונעם אַריין, גיכער! —

אַז דער חתן האָט געהאַלטן נאָכן דריטן מאָל אונטערטונקען זיך אין שניידיקן קוואַליקן וואַסער און איינגאַנצן אַ געפרוירענער און אויסגעמאַטערטער, נאָך די תּענתים—(ער האָט נישט געפאַסט בלויז ערב דער חתונה, נאָר עטלעכע טעג פריער),—אַ פיבערנדיקער, געוואָלט אַרויף אויף דער לייטער, כדי אַרויפצוואַרפן אויף זיך דאָס העמד, — איז אָנגעקומען

צום ברונעם אַ גאַנצע האָפּטע גוֹים מיטן סטראַזשניק בראש און מיט געוואַלטן אַרומגערינגלט דעם ברונעם.

קולות האָן געשפּאָלטן די שטילע פאַרנאַכטיקע לופט:

— האָליאַ! — אָט איז ער, אאָ, אַ נאַקעטער!

— נעמט אים אַרויס דעם לייטער! לאָזט אים איבער דאָרט!

— טפוי זאָל ער ווערן! פאַראומרייניקט דעם ברונעם.

— מ׳דאַרף אים די ביינער ברעכן!

— אַרעסטירן! —

— טרייבן אים אַ נאַקעטן!

— מאַלטשאַט! — האָט דער סטראַזשניק איבערגעשריגן אַלע — לאָזט שרייבן אַ פּראָטאָקאָל, סקאָטינעס!

און ער האָט אַוועקגעשטעלט ביידע פיס פעסט אין דער ערד, אַרויסגעשלעפּט פון כאָליעווע אַ ביכעלע מיט אַ בלייפעדער, אָנגעשפּאַרט דאָס ביכעלע ביי אַ גוי אויף דער פּלייצע און גענומען שוויצן, נישט ווינסנדיק ווי אַזוי אָנצוהויבן דאָס ערשטע וואָרט.

— וואָס דרייט איר אַ קאָפּ, מענטשן! — האָט זיך ר׳ יהושע אַריינגעמישט — וואָס קוועטשט איר זיך צוזאַמען, ווי די שעפּסן, אין אַזאַ הייסן טאָג! — שטייט אַ פאַס ביר, זעצט זיך בעסער טרינקען, נישט אמת! —

— אמת! פאַניע שיע! — אמת! — האָבן אַלע געענטפערט. פאַרגעסנדיק שוין אין כעס, און באַציימנס געלעקט די וואָנסעס, דערמאָנענדיק זיך אין קאַלטן געטראַנק.

דודל איז אַרויס פון ברונעם אַ גרוין און בלויער, אַ געפרוירענער. פון די פאות האָבן גערונען שנירלעך וואַסער, און אינגאַנצן איז ער געווען אַזוי דערשראָקן, אַזוי בלאַס, ציטערנדיק, אַז ר׳האָט אינגאַנצן זיך געוואָרפן.

ביי דער חופּה האָט ער געמוזט צוויי מאָל אַ קלאַפּ טאָן מיטן פוס אין גלאָז, וואָס מ'האָט געוואָרפן צו זיינע פיס; ביים ערשטן מאָל איז עס נישט געגאַנגען, האָבן די ייִנגען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער חופּה, חוזק געמאַכט:

— אַ וואָזשנע בעל־מלאכה! — האָבן זיי געמורמלט, קוקנדיק מיט פּרעסערישע אויגן אויף דער כּלה, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער. ביים צווייטן מאָל האָט ער דאָס גלאָז צעהאַקט אויף פּיצלעך, האָבן די גוים אַרום אים געלויבט:

— כוואַט! — אָט אַ יונג מיט ביינער — האָבן זיי אים באַוואונדערט — שפּעטער, אַז מ'האָט דודלען אַריינגעפירט צו דער כּלה אין חדר, האָט אים באַגלייט די מאַמע זיינע פון איין זייט און דער פעטער זיינער, אַ ייִד אַ זקן מיט אַ גאַליציש אַכט־שפּיציק שטריימעלע, פון דער צווייטער זייט — דער פעטער האָט אים אָנגעזאָגט אַ סך זאַכן. ער האָט אים דערציילט, אַז די מצוה פון „פּריה ורביה" איז גאָר אַ גרויס ענין, געבראַכט ראיות פון מדרשים, פון קבלה און פאַרענדיקט מיטן ציינלאָזן מויל:

— חבוק ונשוק מעג מען, אדרבה, ס'איז נאָך אַ מצוה...

דודל איז אַריין, געהערט נאָך זיך אַ קלאַפּ פון דער טיר, ער האָט אויפגעכאַפּט צעריסענע געזאַנגען פון יענער זייט וואַנט, און אים האָט מאָדנע געשווינדלט פאַר די אויגן.

אין בעט איז געלעגן זיין כּלה, וועלכע ער האָט דאָס ערשטע מאָל כּמעט געזען. זי איז געלעגן מיט אַ וואַלד צעוואָרפענע שוואַרצע האָר אויף אַ שניי־ווייס קישן. דאָס פּנים אירס איז געווען פאַרפלאַמט, נאָר רויק, מיט דער ספּעציעלער רויקייט פון גאָר געזונטע מענטשן, וואָס בעמען אַלץ אויף שמייכלענדיק. זי איז געלעגן מיטביידע נאַקעטע הענט פאַרלייגט און געקוקט אויף דעם יונגנמאַנטשיקל, גרייט פונדעסט־

וועגן אים צוצונעמען, ווען ר׳וועט זיך דערנענטערן. נאָר דודל האָט אינגאַנצן געפּלאָטערט.

אָפּגעשוואַכט פון תענית, פאַרקילט פון דער קאַלטער טבילה, איבער־געשראָקן פון די גוים ביים ברונעם, פרעמד אין דער סביבה, אויפ־גערעגט פון דעם אומגעריכטן, וועגן וועלכן זיין היציקער קאָפּ האָט יאָרן לאַנג געטרוימט ביי די גמרות, האָט ער זיך אַזוי אינגאַנצן גע־טרייסלט, אַז אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. די פּאות האָבן זיך געשאָקלט און דאָס בערדעלע, דאָס יונגע קאָמישע בערדעלע, וואָס וואַקסט נישט ווו מ׳דאַרף, האָט אינגאַנצן געציטערט. אַרויסרופנדיק קאָמישע שאַנסן אויף די ווענט – האָט זיך הענדל מער נישט גע־קאָנט איינהאַלטן און אויסדרייענדיק זיך צו דער וואַנט, אויסגעשאָסן אין אַ געזונט האַרציק געלעכטער:

– מאַמעלעך, קרויניקעס, כאַ־כאַ־כאַ!

*

צום יאָר האָט הענדל פונדעסטוועגן געבוירן אַ קינד, אַ בכור.

דודל האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמחה בונם, נאָך דעם אַלטן פּשי־סיכער רבין, – נאָר ענלעך איז שוין שמחה בונם גאָרנישט געווען אויף קיין רביש קינד. ער איז געווען אַ גרויסער, אַ ווייסער, מיט גלאַטיקע פלאַקסענע האָר, מיט אַ פאַרריסן נעזל, מיט נאָזלעכער, וואָס קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און מיט אַ פּאָר העלע אויגן, תמע־וואַטע און אַ ביסל טעמפּע. אַז ר׳האָט געוויינט, האָט מען געהערט אויף דעם גאַנצן מאַרק.

אַז הענדל האָט אים אַריינגענומען מיט זיך אין שענק און אים נישט געוואָלט געבן אַזוי גיך די ברוסט, וואָס איז זיך איצט נאָך צעוואַק־סענער און טייבערישער געוואָרן, האָט דער קליינטשיקער אַזוי גע־

גראָבן מיטן פיסקל אין בוזעם, אַזוי געקוויטשעט, אַז די געסט האָבן זיך געכאַפּט ביי די אויערן.

— טע — האָבן זיי געשריגן און אַ ווינק געטאָן דערביי צו סטעפּאַנען, דעם חזיר קוילערס זונדל, — ער קוויטשעט פּונקט ווי דיינע קליינע חזירים־לעך — זע:

סטעפּאַן האָט אַ בליק געטאָן צום קליינטשיקן מיט זיינע האַלב תמע־וואַטע און האַלב טעמפּע אויגן, און צוציענדיק זיין קורצע פּאַדריסענע נאָז, וואָס קוקט אים אין די אויגן אַריין, האָט ער אַ סמיטשער געטאָן מיט די ליפּן:

— פיו, טיו! — זונעלע — קוקו!...

II

אין חדר איז שמחה בונם געווען אַ שלעכט יינגל.

— אַ פויער — האָט ר' יוקעוו דרדקי געזאָגט — אַ גוישער קאָפּ.

דערפאַר אָבער איז ער צווישן די חדר־יינגלעך געווען דער ״שטאַרקס־טער פון אַלע. ערשטנס פלעגט ער קאָנען מאַכן פון זיך אַ בעטל.

— שמחה בונם! שמחה בונם! — האָבן אַלע יינגלעך געשריגן, ווי נאָר דער מלמד איז אַרויס פון חדר זיך מכינען — שמחה בונם וועסט מאַכן אַ בעטל? —

— כ'על מאַכן, גוטטש! — האָט שמחה בונם אַרויסגערעדט לאַנגזאַם דורך זיינע דיקע ליפּן, דורך וועלכע די צונג האָט צופיל אַרויסגעקוקט און געפּלאָנטערט זיך ביים רעדן, איבערהויפּט ווען מ'דאַרף אַרויס־ברענגען אַ „טית“.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט און פיס אין דער ערד, דעם

קאָפּ פאַרלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, דעם ברוסט־קאַסטן אַרויסגעשטעלט, געמאַכט פון זיך אַ בעטל — און געהייסן די יינגלעך, זיך לייגן אויף אים.

ער האָט געשריגן:

— לייגטס ד'זיך! נאָך איינער! נאָך! נאָך!...

דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי זיך אין ווינשענק. איינמאָל איז געקומען צו זיי אין שענק אַ קונצנמאַכער און באַוויזן אַ קונץ, ווי ער איינער וועט אויסהאַלטן אַ סך מענטשן אויף זיין ברוסט, די גוים, די געסט, האָבן זיך געוועט, אַז אויך זיי וועלן נאָכמאַכן. נאָר זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגעזעצט זיך גלייך אויף דער ערד. דער איינציקער, וואָס האָט געוווּנען ביים קונצנמאַכער, איז געווען סטעפּאַן דעם הזיר־קוילערס זון, וואָס האָט שוין אויסגעטאָן די צאַצקע פון היכל, וועלכעס ער האָט געבראַכט פון שולע, און געוואָרן אַליין אַ קוילער.

שמחה בונם האָט זיך צוגעקוקט מיט אַזאַ הנאה צו דער קונץ, אַז פון זיינע פּאַרריסענע נאָזלעכער האָבן זיך אַזש צווי „ליכטלעך" באַוויזן — האָט אים סטעפּאַן צוגערופן און געלערנט אים מאַכן די קונץ. ער האָט אים אַרויפגעלייגט אויף זיין הערצל צום ערשט אַ צען־פונט שטיק, נאָך אַ געוויכט, נאָר שמחה בונם האָט זיך נישט געבראָכן. הענדל האָט אַוועק־געשטופּט סטעפּאַנען. זי האָט געשריגן:

— אידזש פּאַן! איר ט'אים מאַכן פּאַר אַ קאַליקע!

נאָר סטעפּאַן האָט אים געהאַלטן אין איין צולייגן געוויכטער און גע־זאָגט פול מיט גליק:

— אַ גבור וועט ער זיין, דער יונג, שטאַרקער פון מיר! —

פון דעמאָלט אָן האָט שמחה בונם געמאַכט פון זיך אַ בעטל, יעדער מאָל, וואָס דער רבי איז אַוועק פון חדר. וויפל יינגלעך ס'האָבן זיך

נישט אָװעקגעלײגט אױף אים, האָט ער זיך נישט געבראָכן. ער האָט געהאַלטן פּעסט דעם קאָפּ אָן דעם דיל, די הענט און פיס אײנגעגראָבן װי די קלעצער, און געשריגן מיט זײן צונגישן לשון:

— פּעסטער קװעטשטעט! — בעסער! —

אַז מ'האָט זיך געשפּילט אין אַ „שענק", איז שמחה בונם שטענדיק געװען דער שיכור, „ריבאַ שיכור", װאָס צובּרעכט אין שענק די פלע־שער, װײל נישט צאָלן און די יידן די שענקערס גיבן אים דערפאַר פּעטש.

— „ריבאַ", באַצאָל! — שרײען די ייִנגלעך צו אים — זאָפּלאַטש! — נאָר „ריבאַ" װיל נישט.

די ייִנגלעך לאַכן פון אים:

— „ריבאַ", אַ קרענק װילסטו, זאָג!

— כע'װיל — מאַכט, שמחה בונם נאָך „ריבא שיכור".

— אַ חולאת אין האַלז, װילסט? —

— טאַק. װיל...

— טאָ באַצאָל!

— כע װיל נישט...

— יידן, כּזיקט אים — שרײען די ייִנגלעך — אָט אַזױ, לאָזט אים אָדער! —

חבֿרה קײלט, קלאַפּט מיט די פויסטן, דראַפּעט, שטױסט מיט די פיס, נאָר שמחה בונם שװײגט. ער איז דאָך עפּעס „ריבאַ שיכור". אַמאָל נאָר, אַז מ'שלאָגט אים שױן צופיל, גיט ער זיך אַ דרײ אױס, פאַר־הױבט אַ האַנט, נאָר ייִנגלעך װערן ברוגז דערפאַר:

— גײ — שרײט משהל דעם דײנס, אַ ייִנגל אַ שװאַרצס, מיט אַ לאַנג נעזל, אונטער װעלכן דאָס שפּעלטל איז תּמיד רױט, גלאַנציקדיק — דו דאַרפסט נישט צוריקשלאָגן, אַ שיכור דאַרף זיך לאָזן!

לאָזט זיך שמחה בונם, ביז אים הויבט נישט אָן רינען בלוט פון דער נאָז אָדער פון אַ צעשפּאָלטענער ליפּ.

— שוין — שרייען די יינגלעך — „ריבאַ שיכור" האָט שוין באַצאָלט, מ׳לויפט אים שוין די „רויטע יוין"...

אַז מ׳שפּילט אין פערדלעך, איז שמחה בונם דער אָגער. קיינער קאָן נישט אַזוי לאַנג לויפן, שפּרונגען איבער קלעצער, גריבער, ווי שמחה בונם. אַז ער צובריקעוועט זיך צופיל, טוט מען אים אָן אַ צוים, געמאַכט פון דראָט, מ׳פאַרקייטלט אים דאָס מויל, און מ׳ציט אים עס איין. עס טוט אים וויי, דער דראָט שניידט זיך איין פלייש, נאָר ער לאָזט נישט אָפּ:

— הי, הי, הי! — הירזשעט ער און שטויסט מיט די פיס אין דער ערד — פּפררר!

נאָר אַמבעסטן אַרבעט שמחה בונם אויף דער מלחמה צווישן יהודה מיט עמלק.

יעדן אָוונט, ווען די יינגלעך גייען פון חדר, טרעפן זיי זיך מיט די שקצים, וואָס גייען צוריק פון גלח, ביי וועמען זיי לערנען זיך יעדן נאָכמיטאָג זינגען — און מ׳הויבט אָן מלחמה האַלטן, מלחמה צווישן יהודה און דעם עמלק.

די פעסטונג איז דאָס אָרט, וווּ ס׳ליגן ברעטער צו בויען. די פעסטונג איז נישט שטאַרק ריין און לאָזט זיך פילן ווי ווייט. די גוים פון אַרום און אַרום כאַפּן זיך בגנבה יעדן באַלד אינדערפרי אַהין רייניקן — נאָר ביי די יינגלעך איז דאָס די פעסטונג יריחו — און מ׳קעמפט פאַרביטערט. מ׳זאַמלט אָן שטיינער, שטיקלעך גלאָז, פאַרדאַרטע בלאָטע, אַפילו שטיקלעך פאַרטריקנט מיסט, און מ׳וואַרפט, מ׳שיסט, ביז ביי איינעם פון די צדדים פעלט אויס געווער, לאָזן זיך די זיגער אַריבער

צו די באַזיגטע, יאָגן זיי נאָך ביז אין מאַרק אַריין און מ׳פּאַרכאַפּט „יריחו“.

שמחה בונם קעמפט ווי אַ לייב. ער לאָזט זיך אַריין צו די עמלקים, אונטער אַ האָגל פון שטיינער און שטיקלעך גלאָז, און שלאָגט ווו ער טרעפט. דעמאָלט באַקומען ייִנגלעך מוט, לאָזן זיי זיך גיך נאָך די פּיינט און שרייען מיט קולות צו שמחה בונמען.

— שמשון, גיב זיי אין די ציין! — שמשון לאָזט זיך נישט! שמשון! נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ר׳ יוקעוו מלמד צעבערנט דאָס ים־שטעקעלע זיינס אויף די תּלמידימס פּלייצעס ביים לערנען, געדענקען זיי קיינמאָל נישט געענוי דעם „סוואַרבע“ און מישן צונויף שמשונען מיט עמליקן, מיט יריחון צוזאַמען.

— שמשון פאַרטיליק זיי! — שמשון.

„שמשון“ האַקט מיט די הענט, שטויסט מיט די קלאַצעוואַטע פיס און דער עיקר אַרבעט ער מיטן קאָפּ, מיטן האַרטן קאָפּ, מיטן רונדן העלן קאָפּ, מיט וועלכן ער צעהאַקט וועלשענע ניס.

די שקצים אַנטלויפן און די ייִנגלעך שרייען זיי נאָך מיטן לשון פון עברי־טייטש:

— עמלק, ווער פאַרטיליקט! זאָל פאַרשניטן ווערן דיין נאָמען!

אַנדערע זינגען אַ לידל:

„דער גוראַישער געטש איז אַ ליים!
„פיס האָט ער און קען נישט גיין,
„הענט האָט ער און קען נישט רירן,
„פיר שיקסעס מוזן אים פירן...“

שמשון איז צובליטיקט. די הענט זענען אים צודראַפּעט, די אויגן פאַר־לאָפן, די קנעפלעך אָפּגעריסן, די לאַצן צעטרייבערט, נאָר ער קוקט זיך נישט אום דערויף.

— כ׳האָ זיי גע׳געץ! — זאָגט ער מיט זיין צונגישן לשון. דערביי זוכט ער אויס אַ צובראָכן פאַרדריכערטס גלעזל פון אַ נאַפט־לעמפל, שטעקט עס אַריין אין צופלוטיקטן מויל און שאַלט אויס אַ ליד צום נצחון:

— טאַ ראַ טאַ ראַם! — טאַראַםםם! —

שבט יהודה גייט פון הינטן מיט פולע נעזלעך, מיט צוויאַכמערטע בעקלעך, מיט די העמדלעך אַרויס דורך די געשפּאָלטענע תחתונימלעך און זינגען „שירה״:

— שירה — זינגט, לאדני — צו גאָט, כי — ווען, גאה — ס׳איז גרויס־גאה — זיין גרויס! — סוס — דאָס פערד, ורכבו — און זיין רייטוואָגן, רמה — האָט ער געוואָרפן, בים — אין ים!

שלעכט איז נאָר שמחה בונעמען, ווען דער טאַטע זיינער, ר׳ דודל, קומט צו פאָרן פון וואַלד.

ער קומט ווינציק אַהיים, דודל. ער איז תמיד אין דער פרעמד, אין וואַלד, צוזאַמען מיט ר׳ יהושען זיין שווער.

תחלת האָט אים זיין שווער נישט געוואָלט מיטנעמען אין וואַלד אַריין.

— אַ וואַלד איז נישט פאַר דיר, דודל — האָט אים ר׳ יהושע געגעבן צו פאַרשטיין — ווינטער איז צו קאַלט, זומער איז צו הייס. בישטאָ קיין מנין, קיין ייד, גיי בעסער אין ווינשענק. ווין איז אַן איידל מסחר.

דודל האָט געהערט, נאָר ר׳איז באַלד אַנטלאָפן פון ווינשענק. באַלד ווי נאָר ר׳האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון ווינשענק האָבן די גוים אָנגעהויבן לאַכן פון אים.

— האָ, — האָט אַ גוי געזאָגט, דערזעענדיק אים — שוואַרץ און האָריק ווי אַ קרעט! —

און באַלד איז ער געבליבן ביי דעם נאָמען.
— קרעט צי נאָר אַרויס אַ קאָרעק! —
דודל האָט געצויגן, נאָר נישט אַרויסגעצויגן אַזוי געשיקט, ווי מ׳מאַכט עס אין אַ ווייַנשענק. ער האָט גענומען די פלאַש צווישן די קניען, אַ שטאַרקערן צי געגעבן, אַזוי, אַז דער פראָפּן איז אַרויס מיטאַמאָל, נאָר דערביי האָט ער אַליין זיך געגעבן אַ האָסטיקן וואַקל אויף צוריק און שיער זיך נישט אויסגעגליטשט, — האָבן זיך די גוים גאָר געשאָטן פון געלעכטער.
— הענדלאַ! — האָט אַ גוי געשריגן — האַלט אים אונטער! —
— הענדלאַ! ! — האָט סטעפאַן דער חזירים-קוילער איבערגעשריגן, בליצנדיק מיט די נאָזלעכער פאַר גדולה — נעם אים אַרונטער אונטערן קליידל, וועט אים זיין וואַרים!...
הענדל איז געשטאַנען ביים בופעט פרייליך, גלייכגילטיק, מיטגעלאַכט מיט אַלע, גלייך ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ זייטיקן מענטש, און אַליין גענומען אַרויסציען די קאָרקעס פון די פלעשער.
— גיי, גיי, דודל — האָט זי געזאָגט זייער געמיטלעך, רויק, מיט איר ספּעציעלער רויקייט, וואָס האָט דודלען איבערגעצייגט—גיי, כ׳וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן.
דודל האָט זיך נאָך אַ ביסל אַרומגעדרייט, פאַרשטעקט ביידע הענט אין די אונטערשטע קעשענעס פון זיין געהאַקטער ריפּסינער קאַפּאָטע, נאָר סטעפאַן דער חזירים-קוילער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד, אַ כאַפּ געטאָן אים מיט די ציין ביי דער פאָלע און אַ ביל געטאָן ווי אַן אַלטער הונט:
— ררררר! —
דודל האָט זיך דערשראָקן און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש:
— אוי וויי מיר! —

האָבן זיך די גוים אַזש געוואָרפן קאָרקעס אין די פנימער און געקייכט פאַר געלעכטער:

— גיע באָי שע! — נישט פאַרמוירע מאָישע! — גוטע טאַטעלע...

און דודל איז אַרויס פון שענק, אַ שפּיי געטאָן אויף די ערלים און מיטגעפאָרן מיט זיין שווער אין וואַלד אריין.

דאָ זענען אויך געווען גוים, נאָר העקער, זעגער, מענטשן פאַרהאָרעוועטע, פאַרנומענע. דערצו איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטעמפּל אין האַנט און געמאַכט חתימות אויף די קלעצער, האָבן זיי געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. ער איז געשטאַנען אַרום די ריזיקע בוימער, צוגעקוקט זיך, ווי די האָלץ־העקער האַקן, ווי די זעגערס שניידן אונטער די גרעסטע בוימער און ער איז געווען צופרידן. ער האָט נאָכגעמאַכט זיין שווער:

— זשיוואָ, — לעבעדיק! —

עפּעס האָט אים הנאה געטאָן דאָס, וואָס ער איז דער באַלעבאָס איבער די גרויסע סאָסנעס, איבער די שווערע בוקעס, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין סטעפּאַנען דעם חזירים־קוילער. ער האָט געפילט אַ באַזונדערע הנאה, וואָס דורך איין וואָרט זיינס ווערט דער גרעסטער בוים אויסגעשניטן, דער העכסטער ריז אומגעוואָרפן. ער האָט דערפילט אין זיך אַ מין געטלעכע גבורה, וואָס אין זיין האַנט איז דער גורל פון די בוימער: ווילט ער — שניידט ער זיי אויס; ווילט ער — לאָזט ער זיי וואַקסן; ווילט ער, צעשניידט ער זיי אויף שטיקער, ווילט ער, גיט ער זיי איבער צו פאַרברענען.

אהיימקומען פלעגט ער נאָר אויף שבת און יום־טוב, אויף אַ יאָרצייט, און יעדער מאָל אַהיימקומענדיק האָט ער זיך געקריגט מיט שמחה־בונמען:

— שמחה בונם! — האָט ער גערופֿן, ווי נאָר ר׳האָט די שוועל איבערגעטרעטן — ווי האַלסטו אין לערנען?

שמחה בונם שווייגט.

— שמחה בונם, וואָסער סדרה גייט?

שמחה בונם שווייגט.

— ביסט שטום געוואָרן? —

שמחה בונם שווייגט.

— שייגעץ! כ׳על דיך עוקר מן השורש זיין!

שמחה בונם שווייגט.

דודל קאָן שוין מער זיך נישט איינהאַלטן און הייבט אָן שלאָגן, שלאָגט געדיכט, רעשיק, ווי ער וואָלט וועלן אויסלאָזן פֿון זיך אַלץ, וואָס אים דריקט דאָ אַזוי אין שטוב, נאָר שמחה־בונם שווייגט אַלץ. ער שווייגט טעמפּ, פֿאַרביסן, בלויז די אויגן קוקן אין אַ זייט, דער קאַרק איז אָנגעשטרענגט, און די אַקסלען, די ברייטע אַקסלען, זענען אַרויסגערוקט האַרט, קרימלעך, ווי אַ ברעט.

דאָס שווייגן, דאָס שקצישע שווייגן, וואַרפֿט אַריין דודלען אין נאָך מער כעס, אַז ער קאָן זיך מער נישט באַהערשן און ווערט היסטעריש. ער ווייסט שוין אַליין נישט, ווי אַזוי ער זאָל אויפֿהערן, נאָר אַז ביים יינגל הייבט אָן רינען בלוט, דערשרעקט ער זיך פֿאַרן בלוט און בעט זיך הייזעריק:

— נעמט מיר אים צו... נעמטס!

דעמאָלסט גייט שמחה בונם אַרויס און קריכט אַרויף אויפֿן בוידעם זיך צום זיידן אין הויז. דאָרטן האָט ער טויבן, אַן „ער״ מיט אַ „זי״, — שפּייזט ער זיי מיט ווערעמדיקע אַרבעס, וואָס די באָבע תרצה קלויבט אויס פֿון די כשרע. ער יאָגט זיי מיטן רימען פֿון די הויזן, זיי זאָלן זיך איבן אין פֿליען, און ער קוקט צו ווי זיי פֿאָרן זיך.

עס גייען דורך שעהן, מ'זוכט אים אַרום איבערן גאַנצן מאַרק, איבער אַלע געסלעך, נאָר ער גייט נישט אַראָפּ. ער ליגט אויסגעלייגט אויפֿן בויך אין הייַ, כאַפּט פֿליגן, שטעכט זיי שטרויעלעך אין די הינטער-לעך אַריין, און האָט פֿיינט דעם טאַטן.

אויפֿן הויף לויפֿן אַלע אַרום און שרייען:

— שמחה בונם, ווו ביסטו?

די באָבע תּרצה איז שוין הייזעריק:

שמחהניו, קרוין מיינע!

נאָר ער שווייגט. ערשט פֿאַרנאַכט, אַז מ'קומט אים זוכן אויפֿן בוידעם מיט אַ ליכט אין האַנט, קריכט ער געלאַסן אַראָפּ פֿון לייטער. ער עסט מיט אַ הינטישן אַפּעטיט דאָס דערוואַרעמטע וואַרעמעס, וואָס מ'האָט אים איבערגעלאָזט, און ער שווייגט.

די באָבע תּרצה זאָגט אים מוסר. זי פֿרעגט:

— ווּעסט שוין ליב האָבן דעם טאַטן? ענטפֿערן אים?—

עפֿנט שמחה בונם אויף אַ מויל, פֿון וועלכן דאָס אָנגעשטאָפּטע עסן פֿאַלט שיער נישט אַרויס, און רעדט מיט אַ פֿאַרלייגט מויל:

— ניין.

די באָבע תּרצה בייזערט זיך:

— אַ ייִנגעלע דאַרף ליב האָבן אַ טאַטן. אַ טאַטנס רוט איז זיס.

פֿאַרטראַכט זיך שמחה בונם מיט די פֿאַרריסענע נאָזלעכער, וואָס קוקן אים אין די אויגן אַריין, און זאָגט אַרויס:

— אַ'כעל זיין גרויס, על עך הרגענען נ'טאַטן...

III

שמחה בונם האָט אויפגעהערט זיך חברן מיט די יינגלעך פון חדר. ער איז געווען בייז אויף זיי. געווען איז עס צוליב דעם:

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך געשפּילט מיט די יינגלעך אויפן שול-הויף. געשפּילט האָט מען זיך אין פערדלעך. ווי אַלע מאָל איז ער געווען דער אָגער.

ער האָט געהירזשעט, געלאָפן, געמאַכט גריבער מיט די פיס אין דער ערד, געשפּרונגען, ווי אַן אמת פערד. נאָר משהל דעם דיינס, דאָס יינגל מיטן לאַנגן נעזל, אונטער וועלכן דאָס שפּעלטל איז תמיד רויט, גלאַנציק, אָט דער משהל, האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, פאַרטראַכט זיך אויף שמחה בונמס פיס און אַ זאָג געטאָן מיט זיין קוויטשיק קולכל, וואָס שטענדיק איז עס ברוגז:

— גייטס שוין גייטס! — האָט ער זיך געברוגזט — ער איז נישט צומאָל קיין עכט פערד, שמחה, ער איז נישט געקאָוועט...

— געקאָוועט?

אַלע יינגלעך האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און באַטראַכט שמחה בונמען ווי זיי וואָלטן אים זען דאָס ערשטע מאָל:

— אוי טאַקע נישט! — האָבן זיי געזאָגט און געשעמט זיך פּשוט, וואָס זיי האָבן אַזאַ איינפאַכע זאַך נישט באַמערקט ביז איצט.

— פירט אים צו וועלוולען — האָבן עטלעכע מיט אַ מאָל אַרויסגעזאָגט, צו וועלוול דעם בעדערס, וויאָ! —

מ'האָט אָנגענומען שמחהן ביי דער צוים און אַוועקגעפירט אים צום ווינקל שול-הויף, ווי ס'שטייט די באָד.

וועלוול בעדערס איז געווען אַ יינגל שוין אַ בר-מצוה, נאָר אַ גראָבער קאָפּ, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט דאַווענען און געלערנט מיט

קליינע ייִנגלעך צוזאַמען. וועלוול איז געווען צווישן די ייִנגלעך אַ חשוב. ערשטנס פלעגט ער פאַר אַ גראָשן אַרומטערפירן ייִנגלעך צו אַ הינטער־טירל פון מקוה און ווייזן, ווי די ווייבער טוקן זיך —

— נאַ, קוק! — האָט ער אונטערגעהויבן — זעסט? —

חוץ דעם איז ער געווען אַ מזיק אויף אַלע זאַכן אין דער וועלט. ער האָט אַראָפּגעצויגן אַ דראָט פון אַ פלאַש קוואַס און אויסגעאַרבעט אַ פּאָרברילן, פּונקט ווי עכטע; פון אַ בויגן פּאַפּיר האָט ער געקאָנט מאַכן אַ באַפּאָלעאָנקע; פון קאָרע פון בוימער האָט ער אויסגעשניטן די שענסטע שיפלעך און קעסטלעך; פון אַ צעבראָכענעם שליסל האָט ער געמאַכט אַ ביקס.

ער האָט תמיד געהאַט ביי זיך אין די טיפע קעשענעס פון זיינע צו גרויסע טאַטעשע הויזן אַ גאַנצן מאַגאַזין פון שליסלען, שרייפלעך, רעדלעך און טשוועקעס און פאַר אַ גראָשן אָדער פאַר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער האָט ער אַלץ געמאַכט. אָט צו דעם וועלוולען האָט מען אָוועקגעפירט שמחה בנומען און געזאָגט מיט אַ בעל־עגלהש פאַר־שמאַיעט קול:

— וועלוול, מ'האָט דיר געבראַכט דעם אָגער צו קאָווען... אַ סוף! — געמיינט האָבן די ייִנגלעך, צו מאַכן אים קינדערשע פּאָדקאָווקעלעך אויף אומישנע, פון דראָט, אָדער פון שטריקלעך אפילו, נאָר וועלוול האָט אַרויסגענומען פון זיינע טיפע הויזן־קעשענעס עטלעכע שוסטערישע שטיפטלעך, ער האָט גענומען אַ ציגל אין האַנט אָנשטאָט אַ האַמער, און פאַרלייגנדיק שמחה־בונימס באָרוויסן פוס אויף זיינע פאַרלאַטעטע קניען, האָט ער אים אָנגעהויבן קאָווען אויף אַ רעכטן אמת.

שמחה־בונם האָט זיך געוואָרפן, געשריגן. ער האָט שוין פאַרגעסן אָן דעם, אַז ער דאַרף בלויז הירזשען, און אָנגעהויבן שרייען געוואַלט. נאָר די ייִנגלעך זענען פון וועלוולס קאָווען אַריין אין אַזאַ ווילדער

אומגעריכטער פרייד, אַז זיי האָבן שמחה־בונימס געשרייען נישט גע־הערט. זיי האָבן אים געצויגן בײַ דער צוים, שיר נישט צעריסנדיק אים דאָס מויל און געפּאַטשט אין האַלז, ווי אַ פערד, וואָס מען וויל באַרויקן.

— טפּררר! — האָט משהל דעם דיינס געקוויטשעט מיט זיין ברוגזדיק קולכל, באַמיענדיק זיך אַרויסצוברענגען דעם גוישן „טפּררר" דורך זיינע שיטערע ציינדלעך.

— טשע! — אין די זייטן גיט אים! — האָט וועלוול דער שמיד גע־שריגן, האַקנדיק מיטן ציגל אין פוס מיט אַ ווילדער הנאה.

ערשט אַז דער „אָגער" האָט דערפילט דאָס שטיפטל אין פוס, פאַר ווייטאָג זיך אַרויסגעריסן פון די יינגלעכס הענט און קראַמפּהאַפּט גע־שלאָגן מיט די פויסטן אין לופט — האָבן די יינגלעך דערזען, אַז זיי האָבן עפּעס אָפּגעטאָן אַ שלעכטע זאַך און זיך דערשראָקן.

— קינדער! — האָט געשריגן משהל דעם דיינס מיט שרעק, אַזוי אַז דאָס נעזל זיינס האָט זיך נאָך לענגער אויסגעצויגן: — חברה, מאַכט „שמוק"!...

— גיך! גיך! — האָט חברה געענטפערט און געלאָזט זיך פייל אויס בויגן אין אַלע זייטן, פאָכנדיק מיט די פאָלעס פון די קאַפּאָטקעלעך און מיט די ציצית פון די לאַפּסערדאַקלעך.

שמחה בונם האָט געשטאַנצט אַהיים אויף דעם רעכטן פוס, פאַרגיסנדיק טראָפּנס בלוט פון לינקן פאַרהויבענעם, און ווי אַן אונטערגעשלאָגענער הונט, געיאָמערט איבערן גאַנצן מאַרק:

— מאַא־מעעע! — —

עטלעכע טעג צייט איז ער אָפּגעלעגן אין שטוב. און אַז ער האָט ענדלעך דערפילט צוריק כוח און ס'האָט אים נישט געלאָזט איינרוען

אין בעט, האָט ער ערשט געכאַפּט אַ פּסק פון טאַטן, וואָס איז געסו־
מען אויף שבת אַהיים.

ער האָט נאָר געוואָלט דערגיין איין זאַך ביי דעם זון זיינעם:

— פאַרוואָס האָט מען קיין אַנדער ייגגל נישט געקאָוועט, נאָר דיך, פאַרוואָס? —

ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דערויף, שמחה־בונם, און געשוויגן. איז ערשט דודל אַריין אין אמתן כעס. קיין זאַך האָט אים אַזוי נישט אויפגערעגט, ווי דאָס שווייגן זיינס.

— נאַ דיר אַ קאָוועןן! — האָט ער אים געטיילט פעטש מיטן אמתן חסידישן ברען, — — נאַ, גריעץ!...

די באָבע איז אַריין, זיך געריסן ביי די באַקן.

— דודל, לאָז אים אָפּ. ר׳איז דאָך נאָך קראַנק!

נאָר דודל האָט נישט געהערט און ווייטער געשלאָגן. ערשט, אַז העגדל איז אַריינגעלאָפן פון שענק מיט אַ קוויטש:

— ווערסט דאָך אים דערהרגענען! געוואָלט! —

האָט דודל אים געגעבן אַ שטויס־אָפּ פון זיך, און בלאַס, ציטערדיק, גלייך נישט ער זאָל שלאָגן, נאָר קריגן געשלאָגן, — האָט ער געשריגן:

— נעם אים דיר צו, דיין זון, נאַ! — נאַ דיר דיין גזע! —

די באָבע תרצה האָט זיך אַריינגעמישט:

— ר׳איז פונקט אַזוי דיין גזע, ווי אירע! —

נאָר העגדל האָט געשוויגן. זי האָט פאַרהויבן אַן עק פאַרטוך, געוואָלט אויסווישן דעם ייגגל די אויגן פון טרערן, נאָר שמחה־בונם האָט קיין טרער אין אויג נישט געהאַט. ער האָט געשוויגן. בלויז אין זיין פּנים, אין זיין פעסטן פּנים, אין די העלע אויגן, איז געלעגן אַ שנאה, אַ טעמפּע און תמעוואַטע, אַן איינגעהאַלטענער האַס, ווי ביי אַן אויפגע־רייצטן ביק.

פון דעמאָלט-אָן האָט ער, אַ חוץ דעם טאַטן זיינעם, אויך פיינט געקריגן די יינגלעך.

ער האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט די שקצים.

גאַנצע טעג איז ער אַרומגעקראָכן אין די גויאישע געסלעך מיט די שקצים צוזאַמען. ער האָט גענגבעט אין שטוב שוועבעלעך, אָנגעפילט שוועבל אין אַ שליסל, פאַרזעצט מיט אַ טשוואָק און געשאָסן אין די ווענט, אַז פייער מיט רויך זענען געגאַנגען. היינט האָבן זיך געשראָקן, חושד געווען, אַז ס'איז געקומען אַ צייט אויף משוגענע כלבים, און אַנטלאָפן מיט פלאָנטערדיקע עקן.

ער האָט אַרויסגעגנבעט פון שטוב חלה, געשאָנקען די שקצים. זיי האָבן געגעסן די יידישע חלה מיט הנאה, אויסגעלעקט די בּרעקלעך און זיך באַלעקט:

— דאָבּראַ כאַלאַ זשידאָווסקאַ — אַ גוט...

און דערפאַר אים געשאָנקען אַ רויט מעסערל, אַ גויאישן קניפער, מיט פינף קאַרבּן:

— ווייסט נאָך וואָס די קאַרבּן זענען, סימכאַ? —

— ניין —

— ביסט אַ נאַר. איינס איז אויף אָנבייסן; דאָס אַנדערע איז אויף צווייטן אָנבייסן; ס'דריטע אויף מיטאָג; פערטע אויף „פאָד-וועטשערע" — און ס'לעצטע — אויף וועטשערע... פאַרשטייסטו שוין? —

— אומהום...

מיטן מעסערל איז ער אַוועק צום טייך, אַרומגעשניטן צווייגן און געמאַכט זיך פלייטן. ער האָט אויך אַרויסגעשלעפּט ווייןפלעשער פון שענק, איבערגעגעבן זיי די שקצים, האָבן די שקצים זיי צוריקגעטראָגן צו זיי אין שענק צו פאַרקויפן, און דערפאַר אים אַוועקגעגעבן אַ פלאַש מיט פיאַווקעס און יאַשטשערקעס.

אַבֿער אַמבעסטן האָט מען זיך געשפּילט אַרום דער חורבה. אין עק שטעטל, נעבן גויאישן צווינטער איז געשטאַנען אַ חורבה מיט אַ פֿלאַכן דאַך, פֿאַר וועלכע יידן האָבן געציטערט פֿאַרבייצוגיין. מ'האָט געהאַלטן, אַז דאָרט זענען דאָ שדים, אַז אַלע נאַכט קומען זיך דאָרטן אָן פּגרים און זינגען לידער. קיין מעופּרתדיקע יידענע איז דאָרטן נישט דורכגעגאַנגען פֿאַר קיינע אוצרות אין דער וועלט. טאָמער איז אַמאָל אַ מיידל אויסגעקומען פֿאַרבייצוגיין, האָט זי זיך אָן אַ פֿאַרטוך נישט באַוויזן. דערביי האָט זי געזאָגט שטילערהייט אַ שפּרוך:

„פּעפּער דיר אין דער נאָז,
„זאַלץ אין די אויגן
„אַ שפּיז דיר אין האַרץ...

אַז יינגלעך פֿלעגן אַמאָל מוזן פֿאַרביילויפֿן, איבערהויפּט ערב הושענה־רבה, כדי אָנצורייסן הושענות, אָדער פֿאַר תשעה באב, כדי אָנצורייסן „בערעלעך", האָבן זיי זיך אָנגענומען אַלע פֿאַר די הענט, בודק געווען פֿריער די ציצית, צי ס'פֿעלט נישט אַמאָל אַ דרים, און, לויפֿנדיק פֿייל אויס בויגן, געשריגן הין און צוריק דריי מאָל:

„מכשפה לא תחיה
„לא תחיה מכשפה
„תחיה מכשפה לא...

דערביי האָבן זיי אויסגעשפּיגן יעדער דריי מאָל.

אָט אַרום דער חורבה איז געלעגן איצט שמחה בונם מיט די שקצים און געבאַקן זיך אויף דער זון.

— טע, סימכאַ — האָבן אים די ייקצים געזאָגט — מיך ווערסט לייגן? —

— גוטטט — לאָמיר פּרובירן.

— און מיך?

— אהער! —

— און ארויפקלעטערן אויפן דאַך וועסטו? —

— אַבאַ ניע? — באַליידיקט זיך שמחה בונם און איינס און צוויי איז ער שוין אויפן פלאַכן דאַך פון דער חורבה. דאָרטן ליגן שטיינער; אַן אַלטער גלהישער קאַפעלוש מיט אַן אויסגעריבענעם לאָך — טוט אים שמחה בונם אָן מיטן לאָך אויפן קאָפּ, מיטן ראַנד אין דער הויך.

— א וואָ! — שרייט ער אַראָפּ, זעמס! —

— כע, כע — לאַכן די שקצים, וואַרפנדיק זיך אין דער ערד פאַר פרייד.

— טאָ שעלמאַ, סימכאַ.

אויפן דאַך ליגן נאָך שיסלען אָן באָדעמס, אויערן פון ערדענע טעפלעך, ביינער, פעדערן פון אַ פויגל, וואָס אַ שפּאַרבער האָט אויסגעפּליקט, און אַ געפּגרטע ווערמדיקע קאַץ — נעמט זי שמחה בונם ביי אַ פּיסל, דרייט עטלעכע מאָל אין לופט און לאָזט זי אַראָפּ צו די חברים — ווערט די שמחה נאָך גרעסער און די קאַץ גייט אין קאָן.

נאָר אַז מ'האָט אָנגעהויבן געפינען אייער און פאַרקויפן זיי אין די אָרעמע געסלעך צו די מאַרק-ייִדענעס איז גאָר געוואָרן אַ לעבן.

די נעסט פון אייער האָט אויסגעפונען שמחה בונם אָט ווי אַזוי:

אַרום חורבה האָט זיך געדרייט אַ קאָטער, אַ שוואַרצער פעטער קאָטער מיט גרינע גלאַנציקע אויגן, האָט שמחה בונם זשק געהאַט אים כאַפּן.

— דו ווייסט, סימכאַ — האָבן אים די שקצים געזאָגט — אַז אַ קאָטער האָט אַ לאַנגן וויידל, איז ער ווילד... מ'דאַרף אים אָפּהאַקן.

— אָפּהאַקן? —

שמחה בונם האָט אָנגעהויבן האַלטן אויפן אויג דעם קאָטער און גע-

װײַלט אים כאַפּן. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו צופירן אים צו אַ שטײן, פאַרלײגן דעם קאָטערישן עק אויף דעם שטײן און באַץ! — אַ האַק אָפּ געבן! נאָר דער קאָטער האָט דערפילט, אַז זײן װײדל איז אין געפאַר, און ער האָט געהאַלטן װאַך, כדי זיך אויסצודרײען צו דער צײַט

שמחה בונם האָט צוגעגרײט אַ שטריקל מיט אַ שלײף, װי די הונטשלעגער טוען עס, און שיער דעם קאָטער נישט געכאַפּט, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז דער קאָטער אַרונטער אונטער דער חורבה, — אונטער אירע אויסגעפוילטע גרונט־צײלן, װאָס זענען געשטאַנען אויף צעברעקלטע ציגל. שמחה בונם האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַרונטער אויף אַלע פיר נאָכן קאָטער. דער קאָטער איז געלאָפן, געדרײט זיך פײַל אויס בויגן, געמאַכט זיגזאַגן — שמחה בונם נאָך; ביז ער איז אַרונטער טיף מיטן קאָפּ און געבליבן פאַרשטעקט, נישט קענענדיק אים אַרויסשלעפן, נישט פאָרויס, נישט הינטער זיך.

די לופט איז געװען אַ שװערע, אַ פאַרדומפּענע. אין האַלדז איז אים אַלע מאָל ענגער געװאָרן און די צונג האָט זיך קײן אָרט נישט געפונען אין מויל און שטאַרק חשק געהאַט אַרויסצוקריכן. ער האָט געשריגן, געשטיקט זיך, נאָר חברה אין דרויסן האָט געלאַכט.

— מימכאַ, — האָבן זײ געשריגן — האָסט אים געפאַקט? — האַלט אים בײַם װײדל.

שמחה בונם האָט געאַרבעט מיט די הענט, מיט די פיס, ער האָט אײַנגעגראָבן זיך מיט די נעגל אין דער ערד, װי אַ שילדקרעט, געגראַבלט, ביז ר'האָט געמאַכט אַ פרײער שטיקל אָרט און אַרויס מיטן קאָפּ.

ער איז אַרויס מיט צעבלוטיקטע הענט, אויסגעשמירט אין גאַנצן אין

מיסט און אין געלעכלעך פון אייער — נאָר דערפאַר האָט ער זיך דערוווּסט אַ נייעס.

— כלאָפּצי — האָט ער געזאָגט, אויסנאָגנדיק די פאַרבלוטיקטע פינגער־פאַראַן דאָרטן אייער — אַ סך, אַ סך! —

— אייער? ליגנער!

— נאַט, זעט! — האָט ער זיי געוויזן אויף די קניען, וואָס זענען געווען אויסגעשמירט מיט סמנים פון געלעכלעך.

— אַרונטער! — גיכער! —

איינס און צוויי זענען אַלע אַרונטער אונטער דער חורבה און אַרויס מיט פולע קעשענעס אייער.

נישט איינמאָל פלעגן אין שטעטל פאַרפאַלן ווערן הינער ביי די באַלע־באָסטעס, איבערהויפּט קוואָקעס פאַרן לייגן זיך, נאָר מ׳האָט נישט געקאָנט פּאַקן, ווו זיי קומען אַוועק. אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז אַ הון פלעקט אַוועק אויף וואָכן־לאַנג און דערנאָך צוריקקומען מיט אַ גאַנצער כאַפּטע יונגע הינדעלעך, — האָט מען געקוקט מיט חידוש און מ׳האָט אַביסל מורא געהאַט:

— ווער ווייסט, צי מ׳האָט זי נישט באַכישופט? — האָבן ווייבער גע־רעדט און אויסגעריסן ביי דער הון אַ פעדער פון סאַמע הינטערל, כדי צו פאַרברענען זי אויפן פייער פאַר אַ סגולה.

אָט אונטער דער חורבה זענען דאָס די הינער געלאָפן און געלעבט אַ פריי הינעריש לעבן. זיי האָבן געפּיקט קערנער, וואָס זענען דאָ פאַר־בליבן פון לאַנג, ווען די חורבה איז נאָך געווען אַ שייער, זיי האָבן געפּאָרט זיך מיט די הענער, וואָס זענען דאָ געקומען, געלייגט אייער, געוואַרעמט זיך אין ווייכן מיסט און ערד און אויסגעזעסן הינדלעך.

— אַנו? — האָט שמחה־בונם געפרעגט, אַרויסקריכנדיק — פאַראַן אייער, צי נישט?

— פאַראַן — האָבן די שקצים מודה געווען.
איצט איז ענטשטאַנען אַ פראַגע:
— וואָס טאָן מיט זיי? —
— וואַרפן איבערן דאַך! — האָט שמחה בונם געזאָגט.
— גיי, בעסער אָפּבראָטן און אויפעסן.
— אַזויפיל? דער בויך וועט דיר פּלאַצן.
— נו, וועט מען די איבעריקע באַהאַלטן צוריק.
— ע, גלייכער פאַרקויפן.
— און פאַרן געלט?
— קויפן קאָנפעטן.
— שוין בעסער לעקעכלעך.
— בעסער שוין פאַפּיראָסן.
— און שרויט צו שיסן.
— גוט, גוט...
חברה איז אַוועק פייל אויס בויגן אין ערשטן געסל, אַרומגעקוקט זיך, צי קיינער זעט נישט, און אָנגעהויבן האַנדלען.
— קליינע אייערלעך — האָט די יידענע געזאָגט חסרונות, קראַצנדיק זיך מיט אַ שפּיזל אין שלייערל. — ווי ניסלעך די גרויס.
זי האָט זיי באַטראַכט אויף דער זון מיט אַן אָפן אויג, צי זיי זענען פריש, זי האָט געציילט די קופּערנע גראָשנס מיט אַ זיפץ און נאָכגע-שריגן:
— ברענגטס נאָך, קינדער, כ'על קויפן...
פון דעמאָלט-אָן איז אַוועק אַ לעבן.
גאַנצע טעג איז מען געלעגן אויף די בייכער, געוויכערט פאַרשטונקע-נעם טוטין, אין צייטונגס-פּאַפּיר געוויקלט, געלאָזט רויך דורך דער נאָז און געשמועסט:

— הע, סימכא, ווייסט, אַז די וועסט שטאַרבן, עט מע'דיך פריער דער־שטיקן. אַלע יידן טוען אַזוי...

— כ'על זיך נישט לאָזן — זאָגט שמחה בונם, — כ'על שטויסן מיט די פיס.

— אָבער וועסט דאָך זיין שוואַך?

— כ'על נישט זיין.

— אויף יענער וועלט עט מע דיך אַריינזעצן אין אַ באַק־אויוון.

— כ'על אַנטלויפן.

— עס'ט דאָך זיין געשטאָרבן.

— אַלץ איינס. כ'על אַנטלויפן.

— און אַז די טייוולאָנים על'ען דיך נאָכיאָגן?

— על איך נאָך גיכער לויפן.

— זאָג, סימכאַ, הונגעריק ביסטו?

— יאָ.

— ברויט ווילסטו?

— זֶהער.

— און קאָלבאַס?

— ניין.

— צט, נאַר, ס'איז פעט.

— כ'וויל נישט. מ'עט מיך שטראָפן.

— זאָגסט דאָך, ע'סט זיך נישט לאָזן?

— אוודאי נישט.

— טאָ וואָס האָסטו מורא?

— כ'ווייס נישט.

— נאַ, פאַרזוך.

— כ'וויל נישט.

— נעם, עסט קריגן נאָך אַ פּאַפּיראָס.

— ניין.

— אַ זעלבערישן קנאָפּ.

— אויך נישט.

— אַ קעסטעלע פּולווער.

— אַ גאַנץ?

— אַ האַלבס.

— ניין, אַ גאַנצס.

— טאָ זאָג „פּאַציעזש" אויך.

שמחה־בונם פאַרטראַכט זיך, קלערט, צי ער זאָל דאָס טאָן, צי נישט? ער קוקט מיט טעמפּע אויגן אויף דער קישקע, נאָר לאַנג קלערן קאָן ער נישט. ער האָט עס פיינט. דערצו שטייט דאָס קעסטעלע פּולווער און רייצט אים. אַ גאַנץ קעסטעלע פּולווער! — און ער נעמט די קישקע אין האַנט, קוקט ווי אויף אַ מאוסע זאַך און גיט אַ ביס־אַריין.

— אַנו, גוט? — פרעגן די שקצים.

— גיב דעם פּולווער — זאָגט שמחה, קייענדיק פאַרעקשנט.

— ניין, מוזט נאָך זאָגן פּאַציעזש.

— כ'וויל נישט.

— גיב, זאָג איך אייך!

— טאָ ווייז די „ציצי".

— מ'דאַרף נישט.

— מיר'ן נישט טשעפּען. מיר'ן נאָר איבערציילן די פּעדעמלעך.

— ניין.

— כלאָפּצי, לייגט אים! פּליקט־אָפּ!

חבורה רינגלט אים אַרום. שמחה אַרבעט מיט די הענט, מיט די פּיס, מיטן קאָפּ. פאַלן די שקצים אַריין אין נאָך מער אַמביציע און פּליקן

אים אָפּ די ציצית. שמחה איז צעקאָכט, ער וויל זיך שלאָגן — גיט גאָר אַ קוק אַ שייגעץ אויף אים און גיט אַ פּאַטש מיט די הענט:

— כלאָפּצי, לאָמיר אים גאָכאַמאָל אָפּשניידן, ווי די זשידעס טוען קליינע קינדער!

— דאָבראַ! — זאָגן אַלע און בינדן־אָפּ די קנייפּערס פון די רימענס. אין אָנהויב גייט עס נאָך ווי אויף אַ שפּאַס, נאָר אַז שמחה פּאַלט־אַריין אין כעס, אַז ער דראַפּעט מיט די נעגל אין הענט, פּרעסט זיך איין מיט די שאַרפע ציין אין פלייש, רייסט ביי די האָר — דערוועקט זיך ביי די שקצים, צוזאַמען מיטן בייזן בלוט, אַ בייזער ווילן צו רציחה, בלוט. די אויגן בליצן, די ציין ווערן שאַרף, און די הענט קראַמפן:

— לייגט אים! — שרייען זיי, אונטערגעבנדיק זיך חשק — שניידס! שמחה דערפילט די געפאַר, באַקומט ער טאָפּלטע כוחות, רייסט ער זיך מיט ווילדן אימפּעט און קלאַפּט, פאָכעט מיט די פויסטן אין ווייטקייט אַריין:

— נאַט אייך, הינטישע לעבערס! — אַ! —

ער לויפט אַ היים אָן אַפּגעפליקטער, אַ צעמזיקטער, מיט נעגל אין פּנים, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן, מיט אָפּגעריסענע פּאָלעס, אָפּגע־פליקטע קנעפּ. נאָר טאַר קיין זאַך האָט ער נישט אַזוי מורא, ווי פאַר די ציצית, וואָס אים פעלן, און ער קריכט אַרויף אויפן בוידעם.

שעהן ליגט ער אין היי און פאַר הונגער גריזשעט ער דאָס שטרוי, די טאַרדאַרטע קערנדלעך וואָס געפינען זיך אין טייל און ער צוקייט די קערנדלעך. נאָר סוף כל סוף, אַז ער ווערט שוין גאָר הונגעריק, קריכט ער אַראָפּ, שטעלט זיך אַוועק שווייגנדיק ביי דער טיר, גרייט צו כאַפּן קלעפּ. אַלע, דער טאַטע, דער זיידע, די באָבע, די פעטערס, מומעס רינגלען אים אַרום:

— שמחה בונם ווו ביסטו געווען? —

— אוי, ר׳איז דאָך אינגאַנצן צוהרגעט!

— זע, די קנעפּ אָפּגעריסן.

— און די ציצית אָפּגעשניטן!...

— לאָזט מיך! כ׳על אים ממתן.

— עוקר מן השורש זיין דאַרף מען אים.

— גיב אים! גוט אַזוי...

— חרפּות און בושות טוט ער אונז אָן...

— נאַ, שייגעץ איינער, נאַ!

— האָב דיר, עשיו רויטער!

מ׳פּאַטשט ווער ס׳האָט נאָר גאָט אין האַרצן, נאָר שמחה בונם שווייגט. שווייגט טעמפּ. בלויז אין זיין פּנים ליגט אַ האַס, אַ האַס צו די אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום.

צומאָרגנס אין דער פרי איז ער צוריק ביי די שקצים אַרום חורבה. ביי די שקצים קריגט מען אויך קלעפּ, נאָר מ׳גיט צוריק. דאָ, אין דער היים, מוז מען בלויז שווייגן. אויסער דעם, רעדן זיי אַזוי פיל אַרום אים, זאָגן מוסר. איבערהויפּט דער טאַטע. דערביי טרייסלט זיך אים אַזוי דאָס בערדל און אין העלדזל, אין דאַרן העלדזל, לויפט אַרום אַ שפּיציקער קנאָפּ אַזוי גיך אַרויף און אַראָפּ. ער האָט דאָס שרעקלעך פיינט, ס׳רייצט אים און ער לויפט מיט שמחה צו דער חורבה.

— העי — זאָגט ער צו די שקצים — כ׳האָב געבראַכט נייעם דראָט, אַ גאַנץ פּינטל. —

זונטאג איז גאָר פריילעך אַרום דער חורבה.

יעדן זונטאג קומען זיך אָן עטלעכע פּאָרלעך אַהין. ריבאַ שיכור, אַ גוי, וואָס איז העכער פון אַלע מענטשן אין שטעטל און מאַכט שפּריינן ווי אַ קעמל. ער ברענגט מיט מיט זיך מאַרישקע די שבת גויע, וואָס

שטענדיק ווען מ'איז איר מכבד שבת מיט אַ גלעזעלע בראָנפן, שרייט זי נאָך איידער מ'הויבט אָן גיסן:

— יוזש יוזש. גענוג...

און פאַרבייסט באַלד מיט נאָך אַ גלעזעלע.

עס קומט אויך פראַנצישעק דער באָד־גוי, אַ גוי מיט צוויי באַקן־בערד, ווי ביי פראַנץ יאָזעפן, און אָנגעטאָן אין אַן אַלטן פאַרשמאָלצע־ווען געשטעפּטן מונדיר פון אַ רוסישן פּולקאָווניק מיט רויטע בענדלעך און גילדענע קנעפּ. מיט אים קומט מיט יוזשאַ די סאָלדאַטקע, אַ גויע, וואָס זינגט זי לעבט דינט אַלץ איר מאַן ביי די זעלנער.

ווי זעצן זיך אַלע אַוועק אין חורבה. זעצן זיך אויס אויף דער ערד צווישן די ביינער, מיסט און אומריינקייט און לעבן אַ טאָג. זיי מאַכן גראָבע פּאַפּיראָסן פון בלעטער, געוויקלט אין בלויען פּאַפּיר, אין וועלכן מ'פּאַקט קרעסטאָוויקאָווס סטעאַרין ליכט, און מ'גיט די געליבטע צו פאַררויכערן. מ'זויפט בראָנפן פון די פלעשלעך, מ'עסט שוואַרצע גע־דריייטע קאָלבאַסן, ענלעך צו ווערעם, מ'קושט זיך, מ'האַלזט זיך, מ'פּאַלט זיך אין די אָרעמס און מ'לייגט זיך שלאָפן אויף די ציגל, ביינער און מיסט.

שמחה שטייט מיט די חברים זיינע אַרום דער חורבה, זיי קוקן אין די שפּאַרעס אַריין, טאַנצן אונטער, ווי קליינע הינטעלעך אויף אַ גרויסער הינטישער חתונה אין סוף ווינטער, און שמאַרען מיט די נעז:

— אָ נאָ! — זעטס! זעטס!

אַז פראַנצישעק דער באָד־גוי גייט שוין אַריין אין צו גרויסן עקסטאַז, נעמט חברה שטיינדלעך אין די הענט און צילט צו אים און זיין געליבטער.

— סימכאַ, אין קאָפּ ציל!

— אין די פיס!

כאַפּט זיך אויף די געליבטע זיינע, רייסט זיך אַרויס פון זיינע ברודי־קע אָרעמס, און אַ האַלב נאַקעטע לויפט זי אַרויס אויפן פּלאַץ און יאָגט זיך נאָך די יינגלעך:

— אַ כאָליערע נאָך אייך, ממזרים! וואָס לאָזט עטך נישט שלאָפן רויק אַ מענטש?... אַ בראָך אייך אין די לעבערס!

שמחה בונם מיט די שקצים מאַכן פּיס. די אויגן גלאַנצן, פון די מיילער לויפט אַ גאַווערל, די באַקן פלאַמען און די ציין קוקן שאַרף פון די אָפענע ליפּן:

— הע, הע, הע! — שרייען זיי און מאַכן מיאוסע העויות מיט די נעזער און מיט די הענט — הע, הע, הע!...

IV

אין שטעטל האָט שמחה בונם מער נישט געהייסן שמחה נאָר פאַר־צוניגן — שמחהלע; אנשטאָט „אָגער", האָט ער איצט געהאַט אַ צונאָמען „קאָלבאַס" — שמחהלע קאָלבאַס.

די שקצים האָבן אַלעמען דערציילט, אַז שמחה עסט קאָלבאַסן. די יידענע, די מאַרק־זיצערן, וואָס האָט אָפּגעקויפט די אייער און גע־קראַצט זיך מיט אַ שפּיזל אין שייטל, האָט דערציילט אין מאַרק, אַז שמחה דודל וויינשענקערס פאַרקויפט גניבהשע אייער.

— ער גנבעט מיט ס׳„גאַיעס" צוזאַמען אייער, און נאָך פון יידישע הינער...

און די חדר־יינגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן, נישט געלאָזט דעם מאַרק דורכגיין:

— חזירשע קישקע! עפעס גוט צו פרעסן קאָלבאַס, שמחהלע?

שמחה האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, געזוכט אַ שטיין און געדראָט מיט אַ פֿינגער:

— וואַרט, וואַרט, כ׳על אייך פּאַקן, עלעך אייך הרגענען!

הרגענען — אָט דאָס איז געווען דער קלאָרסטער געדאַנק אין זיין טעמפּן קאָפּ. ער איז געווען בייז אויף אַלע. פֿיינט געהאַט אַלעמען. די שטוב, באַקאַנטע, די יידן אין שטעטל, די יינגלעך, און צומיינסטן פֿון אַלעם דעם טאַטן זיינעם. דער שפּיציקער קנאָפּ אין דאַרן העלזעלע האָט אים געריצט. ער האָט געפֿילט אין זיינע צוואַקסענע הענט אַ שטאַרקן חשק דערצו, אַ חשק אָנצוכאַפּן ביים סאַמע גערגעלע און צוקוועטשן.

אין שטוב איז ער מער נישט אַריינגעקומען. דער טאַטע האָט אים איבער דער שוועל נישט געלאָזט. אַ צייט האָט אים די מאַמע זיינע געגעבן צו עסן, אָן טאַטעס וויסן. זי האָט אים אַרויפֿגעטראָגן אונטערן פֿאַרטוך טעפּלעך עסן אויפֿן בוידעם־אַרויף, האָט ער געגעסן מיט אַ הינטישן אַפּעטיט, נאָר דערנאָך איז עס אים מיאוס געוואָרן און ער האָט אויפֿגעהערט קומען אין שטוב.

ער האָט איצט געהאַט אַ בעסערע היים.

קעגנאיבער זיי איז געווען אַ גוישע שענק — אַ קאָנקורענץ — וואָס האָט געהערט צו אַ גראָבער גויע, אַן אַלמנה, צו דער גראָבער ראָכצאַקאָווע. ביי איר אין שענק זענען תמיד געזעסן די גרענעץ־סטראַזשניקעס, קאַצאַפּעס מיט גרינע מונדירן און שפּיזלען אין די הענט; מאָדנע שפּיזלען אַזעלכע, וואָס ווו זיי זאָלן נישט אַריינקריכן: אין אַ בונט שטרוי, אין אַ פֿור היי, אָדער אין דער סאַמע ערד, שלעפּן זיי אַרויס עפּעס, אַ פּעקל קאָנטראַבאַנד, אַ וואָלעקל זיידנס, אָדער אַ פּעסעלע גליי־וויין. וואָס יידן פֿירן פֿון קהירע איבער דער גרענעץ. אין שטעטל האָט מען זיי גערופֿן „סאָביעשטשיקעס“, כאָטש זיי זענען

געווען ביין דערפֿאַר. „מיר זענען נישט קיין כאַביעשטשיקעס, היגטישע זין! — האָבן זיי געטענהט, — נאָר „אָביעשטשיקעס", אָביעשטשיקעס! — פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען — האָט אַ ייִד געזאָגט און גלייך אויפֿן אָרט געזאָגט: „גאָספּאָדין סאָביעשטשיק!"

אָט מיט די „אָביעשטשיקעס" איז שמחה איצט אָפּגעזעסן גאַנצע טעג און געטרונקען ביר.

ער איז נאָך געווען ייִנג, קיין אַכצן יאָר נאָך נישט אַלט, נאָר גרויס און ברייט איז ער געווען, אַז ר'האָט געמוזט איינבויגן דעם קאָפּ יעדעס מאָל, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען די גריגגעפּאַרבטע נידעריקע טירן ביי דער ראָסטאָקאָווע אין שענק. דעם קאָפּ האָט ער געשוירן דיך, ביז דער בלוטיקער הויט פֿון שאַרבן. בלויז פֿון פֿאָרנט האָט ער איבערגעלאָזן אַ ביסל גלייך-געשניצטע, האַרטע פֿלאַקסענע האָר, ווי ביי אַ רוקן פֿון אַ חזיר. זיין גאַנג איז געווען שווער, אַ ביסל אין דער ברייט, ווי ביי אַלע שקצים-גבורים; אין די קורצע כאַלעווע‌ס, פֿון וועלכע די אויערן האָבן תּמיד אַרויסגעקוקט, האָט געשטעקט שטענדיק אַ בלייפֿעדער, אַ גרויסע סטאָליאַרישע בלייפֿעדער, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט באַנוצט. ער האָט זי בלויז געטראָגן צוליב שיינקייט.

— טע, סימכאַל, — האָט כאָדענקאָ, דער עלטסטער גרענעץ-סטראַזשניק געזאָגט, אָפּלעקנדיק פֿון ביר-שוים זיינע שטרוי-קאָלירענע וואָנסן, — די נאַכט האָבן ייִדן געפֿירט?

— געפֿירט! — האָט שמחה געענטפֿערט פֿויל, פֿאַרבייסנדיק דאָס לעצטע שטיקל שינקע, וואָס איז געלעגן אויסגעלייגט פֿאַר אים אויף אַ רויט-געפֿאַרבטן טעלער.

די ראָסטאָקאָווע, דערזעענדיק, אַז אויפֿן טיש איז גאָרנישט געבליבן,

האָט זי אָפּגעשניטן אין דער קרום אַ שטיק פֿון אַ חזירישן שענקל, און אויף גיך, וויפֿל נאָר אירע דיקע פֿיס האָבן דערלאָזן, איז זי צוגע־לאָפֿן צום טישל און אַוועקגעשטעלט פֿאַר שמחהן.

— נאַ, יונגעניו, עס! — האָט זי געזאָגט זיס, טוליענדיק זיך צו אים מיט אירע צעגאָסענע ברוסטן, וואָס ליגן אַריבערגעוואָרפֿן איבערן בויך.

— עך, ראָסצאַקאָוואַ — האָט כאָדענקאָ דער גרענעץ־סטראַזשניק זי געמוסרט — זינט דו האָסט אים באַקומען, דעם אידלאַק, ווילסטו גאָר־נישט קוקן אויף מיר, קראַסאַוויצאַ, האַ?

— נו, ער איז דאָך נאָך אַזאַ קינד — האָט די גראָבע „קראַסאַוויצע" זיך געחנדלט, אַרומגעמענדיק שמחהס אָקסישן קאַרק מיט די פֿליישיקע הענט, — ס'איז דאָך אַ יינגעלע אַזאַ'ס, און גאָרנישט קיין אידלאַק.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין בויך, און, שאָקלענדיק איינגאַנצן פֿאַר נחת מיט דעם דריי־גאָרנדיקן געפּאָלדעוועטן גוידער, האָט זי געפֿרעגט ביי כאָדענקאָן:

— איז ער דען ענלעך אויף אַ ייד? זאָג! —

— ווייסט אים דער „טשאָרט" — האָט כאָדענקאָ געענטפֿערט, אונטער־טוקנדיק זיינע שטרויענע וואָנסן אין אַ פֿריש גלאָז ביר און איבער־גייענדיק וועגן פֿריערדיקן געשפּרעך וועגן קאָנטראַבאַנד:

— נו, וואָס — געפֿירט, האַ? — און ווו געפֿירט, ווייסטו? —

— אָט אָ! — האָט שמחה געוויזן מיט אַ פֿינגער, אָנווייזנדיק אין מאַרק אַריין אויף אַ הויז. — באַהאַלטן אין דער ערד.

— מאָלאָדיעץ! — האָט כאָדענקאָ געלויבט. — וועסט קריגן געלט. — אַ פֿלעשל! —

ביי טאָג איז ער געזעסן, שמחה, אין ווייַנשענק, און ביינאַכט איז ער אַרומגעקראָכן איבער די געסלעך, אַרומגעשלעפּט זיך איבער די אונ־

טערוועגן, וואָס פירן צו דער גרענעץ, אויסבאהאַלטן זיך אין אַלטע לעכער און נאָכגעקוקט, ווער עס פירט קאָנטראַבאַנד.

אַ סך מאָל האָט ער געכאַפּט קלעפּ אויך. נישט איינמאָל האָבן אים בעלי־עגלות געפּאַקט אויפן וועג, האָבן זיי אים אונטערגעבראָכן די ביינער.

— קיילט אים, דעם מסור! — האָבן זיי זיך אַליין אונטערגעגעבן חשק צו שלאָגן — די פּיס האַקט אים אונטער, וועט ער זיך פאַרזאָגן אַרומצוקריכן, דער קאַלבאַס. די קישקעס לאָזט אים אַרויס!

זיי האָבן אים געקיילט אַזוי, אַז ער איז געבליבן ליגן אין אוממאַכט, נאָר דער רוח האָט אים פונדעסטוועגן נישט גענומען. ער איז אַהיימגעקראָכן קוים אַ לעבעדיקער, האָט אים די ראָסצאַקאָוואַ גלייך אויסגעשמירט מיט בראָנפן, מיט חזיר־שמאַלץ. זי האָט אים אַרומגעלעקט די וווּנדן מיט דער צונג, געטוליעט זיך צו אים מיט איר גראָבן קערפּער, פון וועלכן אַ פּאַרע האָט געשלאָגן. זי האָט געצערטלט זיין אָקסישן קאַרק, געמורמלט:

— יינגעניו, זיי האָבן דיך געפּייניקט, די פאַרשאָלטענע, האַ? קינד מיינס!

ווי גרויס זי איז געווען, ווי מגושמדיק, האָט זי ליב געהאַט די צערטלעכסטע רייד, די קלענסטע ווערטער. אַלץ איז ביי איר געווען פאַרקלעבערט.

— האָסט ליב דיין מיידעלע? — האָט זי געפרעגט ביי שמחהן ווען זיך — האָסט גוט ליב דיין מיידעניו, האַ?

שמחה האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער האָט זי ליב, צי נישט. ער האָט נאָר געפילט, אַז דאָ איז אים גוט, וואַרעם, זעטיק, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ קאַלב נאָך אַ קו.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי איז ער שוין געווען אויף די פיס, גע־

גומען כאַדענקאָן און געגאַנגען איבער די יידישע הייזלעך, פאַקן קאָנטראַבאַנד. ער איז געגאַנגען צו יעדן, זיך פאַר קיינעם נישט גע־שעמט און אָנגעוויזן:

— אָט דאַ דאַרף זיין באַהאַלטן, די ערד איז ווייך.

יידן האָבן זיך געשפּאַרט:

— פּריצל, — האָבן זיי געטענהט צום סטראַזשניק, — דאָס איז גאָר־נישט. געווען דאָ אַ גרוב, האָט מען אים פאַרשאָטן.

נאָר כאַדענקאָ האָט אַריינגעשטעקט דעם שפּיז אין דער ערד, און באַלד האָט זיך די ערד אויפגעהויבן — און אַ פעסל איז אַרויס פון איר אינגעווייד.

— און דאָס וואָס איז? — האָט כאַדענקאָ געפרעגט מיט נצחון און צוגעלייגט די נאָז צום פעסעלע גלי־ווייַן, — וואָס איז דאָס, העַ?

יידן האָבן געציטערט פאַר שמחהלע קאַלבאַס. כמעט יעדערער האָט געהאַט עפעס אַ חטא אויף זיך, און שמחה האָט פון אַלץ געוווּסט. האָט מען געמעגט באַהאַלטן אין ברונעם, אין טייכל לעבן שטעטל, אויפן גוטן אָרט — אומעטום האָט שמחהלע דערשמעקט, אומעטום האָבן זיינע קלאָצעוואַטע פיס דערגרייכט, אומעטום האָבן זיינע טעמפע אויגן אַריינגעדרונגען.

אַז מ'האָט אים דערזען אין גאַס, האָט מען פאַרמאַכט טיר און פענסטער.

— גי־כער! — האָט אַ יידענע געשריגן צום מאַן — „ער" גייט שוין!

יידן האָבן אים אויסגעמיטן, מיידלעך זענען אַנטלאָפן ווי־ווייט פאַר אים, כאָטש ער האָט קיין מיידלעך נישט געטשעפּעט. נאָר די חדר־יינגלעך האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אים. זיי זענען אים נאָכגעלאָפן, נישט געלאָזט דעם מאַרק דורכגיין און געצייצט אים:

— חזירשע קישקע! עפּעס גוט צו פרעסן קאָלבאַס, שמחהלע!
שמחה האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד נאָך אַ שטיין און געסטראַ-
שעט מיט אַ פינגער:
— וואַרטס, כ׳על אייך פּאַקן, על עך אייך הרגענען!
ער איז אַוועק צו סטעפאַן דעם קוילער, צו וועלכן ער איז איצט
אינגאַנצן ענלעך געווען — און אים געהאָלפן אַ ביסל אין דער אַרבעט-
קוילן חזירים.
ער האָט זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט, קיין שווערע אַרבעט נישט
געטאָן. פון דער שינקע מיטן ביר האָט אים ס׳בלוט געשפּראָצט דורך
דער הויט. אין די הענט האָט אים געקיצלט, איז ער אַוועק צו
סטעפאַנען זיך אַ ביסל צערודערן די כוחות.
סטעפאַן האָט אים באַגעגנט גוט-ברודעריש:
— אהער, סימכאַל, — האָט ער אים אַוועקגערופן, — שוין לאַנג זיך
נישט געפּרוּווט די ביינער.
זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט איינער קעגן אַנדערן, פאַרקאַשעט די
אַרבל, אָנגעשטרענגט די קאַרקעס פאַרויס, און גענומען זיך פאַר די
אָרעמס.
— האָליאַ, נישט ביי די זייטן!
— נישט אונטערשטעלן קיין פוס!
מיט די קעפּ אַרויסגערוקט, מיט די אויגן אָנגעלאָפן און מיט די
האַרטע אַקנס אויסגעבויגן, האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי ביקעס, וואָס
שלאָגן זיך אויף אַ לאַנקע איבער אַ יונגער קו. און דערנאָך גייען זיי
גאָר אַוועק צום שטאַל און נעמען זיך קוילן.
— פעסטער! — שרייט סטעפאַן, צובינדענדיק דעם חזיר צום סלופּ —
האָפּ!
שמחה הויבט-אויף דעם שווערן האָלצערנעם האַמער, וואָס איז געמאַכט

פון אַ דעמבענעם קלעצל מיט אַ הענטל. ער קוקט זיך איין מיט זיינע הזירשע אויגעלעך דעם חזיר אין די אויגן אַריין, ער וואַרט־אָפּ אַ מאָמענט, ווען דער דבר־אחר וועט זיין פאַרטראַכט, און ער גיט אים אַ לאָז־אַריין דעם האַמער מיט דער גאַנצער קראַפט צווישן די סאַמע אויגן, אונטערקרעכצנדיק אַזש פאַר הנאה —

— האַ, אַאַ! —

— „כוואַט" — לויבט סטעפאַן, צעציענדיק אינגאַנצן דאָס בלוטיקע פרצוף פון הנאה, וואָס שמחה האָט עס געמאַכט אַזוי געשיקט. ער גיט אַ פאַר־אַריין דעם צעתּמטן חזיר מיט אַ בלאַנק מעסער לענג־אויס דעם בויך, מאַכט איין געשיקטן שניט און שרייט איבער דעם געקוילעטן דבר־אחר, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן דערשפּירן דעם ווייטאָג:

— קוילן גיט אהער, בלוט היינטישע, גיכער!

ביי דעם צעפוילטן פאַרקאַן פון קרומע ברעטלעך שטייען יינגלעך, קוקן זיך צו מיט מורא און נייגיריקייט צו דער גויאישער אַרבעט און שושקען זיך שטיל:

— אַ דונער זאָל אים טרעפן, דעם קאַלבאַס!

— אַ פייער זאָל אַראָפּ פון גאָט און אים אָנועקלייגן!

— בעסער זאָל ער איינגעזונקען ווערן ווי קרח!

— רעדט שטילער. מ'זאָגט, אַז ער וועט זיך שמדן, וועט ער ווערן אַ סטראַזשניק.

— אַזוי? — נישט אמת. אַ סטראַזשניק דאַרף פריער זיין אַ זעלנער. ער מוז דאָך קאָנען שיסן.

— עסטו דאָך זען, אַז ער וועט טאַקיש יאָ זיין!

— עט מע טאַקע זען!

געשען איז עס פּלוצלונג.

איינמאָל אין אַ זונטאָג אין דער פרי האָבן זיך די גלעקער פון קלויס־טער שטאַרק צעקלונגען, האַפּערדיק, געדיכט, ווי בעת גאָר אַ רייכן פגר. די יידן אין שטעטל איז דאָס האַרץ אַנטשטאַנען.

— האַ? — האָבן יידן אויפגעשטעלט די אויערן.

זיי האָבן זיך געשעמט, כאָטש מ׳האָט זיך שוין לאַנג געריכט דערויף׳ מ׳האָט עפּעס מורא געהאַט עס אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן, געשעמט זיך ווייזן פאַר אַ גוי, און קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. אומעטום איז דאָס קלינגעריי נאָכגעגאַנגען, און געריסן, געריסן מיטן ספּעציעלן לאַנגזאַמען מעשענעם ווידערקול, — וואָס עסט זיך אַזוי איין אין די יידישע אויערן און פאַרגנבעט זיך ביזן האַרץ:

— בים, באָם, בום, בים־באָם־בום!...

אַ יידענע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, האָט זי אַ זיפץ געטאָן, געכאַפּט אַ בליק דורכן פענסטער און אַרויסגעקרעכצט:

— אַ בייז קלינגעניש צו זייערע קעפּ... דערלעבט זיך!

האָט זיך דער מאַן אירער אַ בייזער געטאָן און אָפּגעהאַקט:

— נו שוין, נו? — ששאַ!...

פרומע יידן האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן, כדי נישט מטמא־זיין זיי. נאָר חדר־יינגלעך האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געלאָפן אַלע ווייַלע צו דודלס ווינקל־שענק, כאַפּן אַ בליק. גאַסן־יינגלעך האָבן גע־פּרוּווט אפילו ציילן אַ שטיינדל אין פענסטער, נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. שטיל איז געווען דאָרט, טויט־שטיל. קיין אָטעם האָט מען נישט געהערט. פון קוימען איז קיין רויך נישט געגאַנגען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַלע זענען דאָרט אויסגעשטאָרבן.

צו מיטאָג האָט זיך אַ שטויב אויפגעהויבן איבערן מאַרק, אַ געשפּי־

לעריי פון האַרמאָשקעס האָט זיך דערטראָגן, האָבן יידענעס געעפנט די טירן און גערופן די טעכטער:

— מירל, חיה, טויבע, אַריין!

פון שטיב האָבן זיך אויסגעציילט עטלעכע צענדליק פורן, אָנגעפּאַקט מיט זונטאָגדיקע אויסגעפּוצטע גויים. אויף איין ברישקע, אין אַ פּאָר פערד געשפּאַנט און מיט ווייסע פּאַפּירענע בלומען באַפּוצט, איז געזעסן חתן־כלה: די ראָסטאַקאָוואַ, איינגעטאַנצן אין ווייסן און מיט אַ וועלון אויף איר רויט צעגאָסן פּנים; דערנעבן איז געזעסן שמחהלע, אין אַ קאָרטן רעקל, מיט אַ ווייטן טיפן גאָרט, מיט נייע לאַקירענע שטיוול און מיט אַ בלוי גרייש היטעלע אין פעלדעלעך, מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

אַרום זיי זענען געזעסן די אונטערפירערס — סטעפּאַן דער קוילער, פראַנציישעק דער טרומנע־מאַכער און צוויי גויעס, איינגעטאַנצן מיט פּאַטשערקעס באַהאָנגען.

די ראָסטאַקאָוואַ האָט זיך געטוליעט צום חתן, זי האָט אים גערופן מיטן נייעם נאָמען זייגעם:

— סטאַך! — האָט זי געזאָגט, — ביסט גליקלעך? מאַנעלע מיינס, ס'איז דיר גוט?

שמחה־סטאַך האָט נישט געענטפערט. אין נאָז האָט אים נאָך געקלעפּט דער פרעמדער ריח פון ליכט, ווייררויך, שיקסישע געזאַנגען, קירכע און גויים, — דער ספּעציעלער ריח פון גויים אין זונטאָג, וואָס יידישע נעזער דערפילן אַזוי שטאַרק. האָט ער געקוקט מיט זיינע טעמפּע אויגן אויף די לאָדן פון די יידישע הייזלעך, וואָס פאַרמאַכן זיך אַזוי גיך, און צעצויגן זיינע באָזלעכער אין אַ גרימאַסע, וואָס לאַכט און פאַרקרימט זיך גלייכצייטיק.

חדר־יינגלעך האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן, פאַרגעסן אין די פּערציק

טעג, וואָס מען דאַרף פאַסטן, קוקנדיק אויף דער — „כאַסלערע“, פאַר־געסן אָן דעם, אַז די אויגן ווערן טמא און קאָנען נאָך בלינד ווערן — און געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגעלעך אויף דעם שטויב און אויף די פורלעך.

— אַט זיצט ער, דער ימח־שמוניק, אָ, אָ!

טאַטעס האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן, באַהאַלטן די אויגן אין די בערד־לעך אַריין און געמורמלט:

— שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו, כי חרם הוא...

V

דודל האָט אויפגעהערט ריידן, אויפגעהערט באַגעגענען זיך מיט מענטשן.

די שבעה איז ער אָפּגעזעסן באַזונדער, נישט מיט די שטוב־מענטשן צוזאַמען. ער איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע אין די זאָקן, די גאַנצע צייט נישט אָוועקגעלייגט דעם ספר איוב אויף אַ ווייל — און געשוויגן. ער האָט נישט גערעדט מיט די שטוביקע, נישט געוואָלט הערן קיין טרייסט־ווערטער. אַ מאָל נאָר האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַרומגעקוקט זיך אַרום זיך, ווי ער וואָלט נישט וויסן, וויאַזוי ער קומט אייגנטלעך אַהער, און געברומט צו זיך אַליין:

— האַ?

אויפן אַכטן טאָג האָט ער זיך געלאָזט צונייען צוריק דעם איינגעריסע־נעם לאַץ פון זיין ריפּסענער געהאַקטער קאַפּאָטע, און אַוועק אין וואַלד.

אויסער די בוימער האָט ער קיינעם נישט געוואָלט זען. שבת האָט ער

געדאַווינט ביחידות, אַפילו הערן לייענען דעם ספר איז ער נישט גע־גאַנגען. טאָמער איז עמיצער געקומען צו אים, האָט ער נישט געהייסן אַריינלאָזן.

— ר׳איז נישטאָ, ר׳ דוד — האָט מען געזאָגט, פאַרהאַלטנדיק דעם פרעמדן פון יענער זייט טיר.

— ס׳הייסט? — האָט זיך דער פרעמדער געוווּנדערט, — מ׳האָט דאָך אים היינט געזען קומען צו פאָרן.

— יאָ. — האָט מען מודה געווען, — נאָר ר׳איז נישטאָ.

אין שטוב האָט מען מורא געהאַט פאַר אים, מורא געהאַט פאַר זיינע שוואַרצע בליקן, וואָס האָבן ווי פאַרלאָשענע קוילן געקוקט שטאַר און פרעמד. די פרעמדקייט איז געווען אַזאַ, אַז די שוויגער זיינע, תרצה, האָט אים נישט געקאָנט מער זאָגן „דו״. זי האָט גערעדט צו אים אין אַ דריטער פּערזאָן:

— דודל, דודל וועט עסן צוזאַמען ביים טיש, אָדער גרייטן צום טיש באַזונדער?

— באַזונדער — האָט דודל קורץ געענטפערט, קוקנדיק פון אַ זייט, און אַוועק צו זיך אין שטוב.

הענדל האָט זיך געפירט ווי מ׳דאַרף: מ׳האָט איר געהייסן זיצן שבעה, איז זי געזעסן; געהייסן אויפשטיין, איז זי אויפגעשטאַנען. זענען גע־קומען ווייבער זי צו טרייסטן, האָט זי אויפגענומען זייערע רייד, מיטגעקרעכצט, פונקט ווי עס טוט יעדע געזונטע מאַמע, וואָס איר איז געשען אַן אומגליק מיט אַ קינד, אָבער זי פילט זיך נאָך ביי איר גאַנצער יוגנט און גרייט זיך נאָך אַ סך פרוכט ברענגען אויף דער וועלט. ווען מ׳וואָלט איר געוועןן הייסן אויך נעמען אַ תשובה אויף זיך, פאַסטן אַמאָל, אָדער געבן צדקה, וואָלט זי אויך געפאָלגט. עס וואָלט איר נאָך בעסער געמאַכט. וואָלט עס איר דודל געזאָגט, וואָלט

זי זיך אים נישט קעגנגעשטעלט, פונקט ווי זי האָט זיך קיינמאָל נישט קעגנגעשטעלט קיינעם. אָבער מ'האָט עס איר נישט געזאָגט. דודל האָט איינגאַנצן אויפגעהערט זיך באַגעגענען מיט איר. אַפילו אויף שבת, ווען ער קומט אַהיים, הייסט ער זיך אויסבעטן דאָס געלעגער אין זיין שטיבל, — האָט זי אויך דאָס אויפגענומען רויק, מיט איר געזונטער רויקייט, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין טראַכטן, גריבלעניש, וואָס ליידט נישט צו עסן זיך. און זי האָט געלעבט שטיל, צוריקגעהאַלטן, ווי אַן אַלמנה, וואָס באַשליסט שוין קיינמאָל מער נישט חתונה האָבן און לעבט פון מאַנס ירושה.

זי איז געזעסן אין וויינשענק, דערלאַנגט אַ פלאַש מעד, צוגענומען געלט און געוואָלט מנוחה. נאָר פון דער שענק, וואָס אַנטקעגנאיבער איז מען איר דערגאַנגען די יאָרן.

די דיקע ראָסצאַקאָווא האָט גענומען שמחהן אין די הענט אַריין. ביטרער, עלטער, פלינקער, מיט דער אייגנשאַפט פון דיקע, אויסצונוצן די דאַרערע פון זיך — האָט זי גרינג אריינגענומען שמחהן אין אירע הענט, פאַרפלאָכטן זיך אַרום אים, ווי אַ פוילע שפין.

— סטאַך — האָט זי געזאָגט אַלע ווײַלע; — ברענג נאָר אַרויף אַ פע-סעלע ביר פון קעלער!

שמחה האָט געפאָלגט.

— סטאַך, דערלאַנג שטולן.

— סטאַך, גיב נאָר אַ בליק צו די חזירים...

אַ חוץ אַרבעט אין שענק, האָט זי אים נאָך געגעבן אַרבעט ביי די חזירים אויך. זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ קוילער און פאַרקויפט אין איר שענק קאָלבאַסן צום ביר. איז ער אַרומגעגאַנגען שטענדיק מיט פאַרקאַשטע אַרבל, אויסגעפלעקט אין בלוט, און דעם גאַנצן מאַרק פאַרטויבט מיט זיינע דברים-אחרים. ווי אויף צו להכעיס האָט זי אים

געהייכן קוילן די חזירים אירע אין שבת, אין יום-טוב. — פונקט אין דער צייט, ווען יידן זענען געגאַנגען דאַוונען אָדער געהאַלטן אין מיטן שמונה-עשרה, האָבן זיך קולות פון געקוילעטע חזירים געטראָגן איבערן שטעטל, און אַריינגעדרונגען דורך אַלע פענסטער און טירן:

— כררררר! —

פרומע יידן זענען מבולבל געוואָרן, אַז זיי האָבן אַ צייט נישט גע-קאָנט צוריקכאַפּן די רעיונות און אויפגעשפּרונגען אין מיטן שמונה-עשרה פון אָרט. פּראָסטע יידן האָבן אויסגערעדט אין מיטן דאַוונען:

— נו, דער משומד האָט זיך שוין גענומען צו דער „שחיטה"...

ביי דודלען אין הויז האָבן זיך די מענטשן אַרומגעדרייט, ווי אויפן עולם-התהו. יעדער האָט געזוכט אַן אָרט, וווּ זיך נישט צו באַגעגענען מיטן אַנדערן, און דווקא זיך געטראָטן אויף די פיס, געפּלאָנטערט זיך אויף שריט און טריט.

זי האָט מורא געהאַט אים לאָזן אַ פרייע מינוט, כדי ער זאָל וואָס וויניקער רעדן מיט מענטשן, וואָס וויניקער קוקן אויף די יונגע גויעס אין שענק. איז געקומען אַ מאַרק-טאָג, אַ יריד, האָט זי אים געהייסן אויסשטעלן זיין יאַטקע אויף דער גאַס, גלייך מיט אַלע קוי-לערס, און דווקא קעגנאיבער דודלס ווײַנשענק. זי האָט אים געהייסן אויסהענגען די לייטלעך מיט לאַנגע קישקעס, מיט זייטן שמאַלץ, אָנגעטאָן אים אַ פאַרפעצטן פאַרטוך, באַהאָנגען מיט עטלעכע מעסערס און פיילן אין גאַרטל און געשריגן איבערן גאַנצן מאַרק מיט קוויטשי-קע קולות פון שענק-טיר אַרויס:

— סטאַך! — נאָך אַ מולטער קישקעס ברענג! גיכער!

און גלייך האָט מען ביי דודלען פאַרקלאַפּט די טירן אין ווײַנשענק און קיינער האָט זיך נישט געוויזן פון דאָרט אַ גאַנצן טאָג אויף דער ליכטיקער שיין — אַלע געסט זענען אַריבער צו דער ראָסטאָקאָווא.

שמחה איז געווען צעתמט.

דעם טאַטן זיינעם האָט ער פיינט געהאַט. דער חשק אָנצוכאַפּן אים אַזוי ביים שפּיציקן קנאָפּ, וואָס לויפט אים אַזוי גיך אין האַלז — איז נאָך אַלץ געלעגן ביי אים צווישן די פינגער, צווישן די אויסגעפּלעקטע, פּאַרבלוטיקטע פינגער. נאָר די מאַמע זיינע האָט ער ליב-געהאַט, ליב-געהאַט אי דערפאַר, וואָס זי האָט אים געטראָגן טעפּלעך עסן הינטערן פּאַרטוך אויפן בוידעם אַרויף, אי דערפאַר, וואָס זי האָט אים קיינמאָל נישט אָנגערירט, אי גלאַט אַזוי, אַליין נישט ווּיסנדיק פאַרוואָס. פּונקט ווי דער טאַטע זיינער האָט אים געררייצט מיט זיין באַהאַלטנקייט, מיט זיין גיכקייט, מיט זיינע שוואַרצע בליקן, מיט יעדער גיכער באַוועגונג פון זיין רירעוודיק גופל, — אַזוי האָט אים די מאַמע געגלעט מיט יעדער ריר, מיט יעדער באַוועגונג. נישט איינמאָל איז אים אָנגעקומען אַ חשק ארויפוואַרפן אַ רעקל אויף זיך, אַריין קעגנאיבער אין וויינשענק, אַוועקזעצן זיך ביי אַ טישל און באַשטעלן אַ פלעשל ווין, ווי אַלע גויאישע באַלעבאַטים טוען עס. אַ סך מאָל האָט מען געבראַכט פעסער ווין צו זיין מאַמען און געמאַטערט זיך זיי אַריינצופירן אין ווין-שענק. שמחה איז געזעסן ביי זיך אין קעמערל צווישן די חזרים, געקוקט דורך די שפּאַרעס, און אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט צוצוגיין צו די פעסער און געבן אַ הויב, אַזוי, אַז זיי זאָלן אַליין אַריינפליען אין שענק אַריין. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיך דאָרט שיכורים צעהוליעט, אָנגעהויבן צו האַקן פלעשער אויף דער ערד און כאַפּן אַ טישל אויף הענדלען. דעמאָלט פלעגט עס שמחהן נישט לאָזן איינזיצן ביי זיך אין קעמערל. און, ווי אים האָט געצויגן אַריינצולאָזן זיך צו דער מאַמען אין וויינשענק און געבן קלעפּ די שיכורים!

נאָר די ראָסצאַקאָוואַ האָט אים גאָר אָנגערעדט צו שלעכטס און געהייסן אָפּטאָן די מיאוסטע זאַכן זיין מאַמען.

— סטאַך! — האָט זי צו אים געזאָגט, זעענדיק, ווי קעגנאיבער זיצן שוין ווידער אַ סך געסט — מ׳דאַרף „זיי" אויסשמירן בײַנאַכט די טירן, הערסט!

סטאַך איז אַוועק פאַרטאָג צום טאַטנס הויז, אויסגעשמירט מיט סמאָלע די קליאַמקעס, די טירן, און אַוועק אַן אָנגעכמורעטער אַהיים.

אין דער פרי, אַז הענדל איז אַרויס עפענען דעם ווײַנשענק און געבליבן מיט אַ פּאָר צוגעקלעפּטע הענט צו דער קליאַמקע, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געוויין:

— מאַמע! — האָט זי גערופן און פאַרגאַנגען זיך אין טרערן.

די ראָסצאַקאָווואַ איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון איר שענק, וואָס איז אַקעגן הענדלס, זי האָט פאַרלייגט בײדע פאַרקאַשעטע הענט אויפן בויך, געטרייסלט מיטן צעגאָסענעם פּנים, שיער נישט באַקומענדיק אַן אַפּאָפּלעקציע, און גערופן שמחהן:

— סטאַך זע נאָר, האָסט זיי שיין באַמאָלט!

שמחה האָט חשק געהאַט אַ שטויס טאָן מיטן שטיוול אין איר גראָבן בויך אַרײַן, וואָס טרייסלט זיך אַזוי, און אַוועקלויפן און אָפּקראַצן די טירן פון פעך, — נאָר די ראָסצאַקאָוואַ האָט אים אָנגענומען בײַם קאַרק און געזאָגט:

— סטאַך, דאַרפסט כאַפּן בײַנאַכט אַ שטשור און אָנהענגען זיי בײַ דער טיר, וועסטו זיי צונעמען דאָס מזל.

איז ער בײַנאַכט אַוועק צום ווינקל-הויף, געלאָקערט שעהן, ביז ער האָט געפּאַקט אַ שטשור, וואָס האָט זיך געלאָזט פון זיין יאַטקע טרינקען וואַסער, און פאַרטאָג אים אָנגעהאָנגען בײַ דער מוטערס ווײַנשענק בײַם ווײדל אויפן שלאָס.

אין דער פרי איז אין שטעטל געוועזן אַ בהלה. ייִנגלעך זענען געשטאַנען, באַקוקט דעם הענגענדיקן עכבר און געשטיקט זיך פון געלעכטער

— זעטס נאָר, וואָס דער משומד האָט אָפּגעטאָן?

ווייבער זענען פֿאַרבייגעגאַנגען און געקרעכצט:

— אַז ס'האָט בײַ דער מאַמען אין בויך געדאַרפֿט אויסרינען!

יידן בעלי־מלאכות זענען צוריקגעגאַנגען פון דאַווענען און נישט פאַרשטאַנען גאָט:

— נו, האָט „ער" נישט געדאַרפֿט איינגעמען אַ מיתה־משונה אויפֿן אָרט? — האָבן זיי געהאַט פֿאַריבל אויף גאָט — ס'וואָלט געווען אַ קידוש־השם.

שמחה האָט געקוקט מיט טעמפּע אויגן אויפֿן רעדל מענטשן, אויף די פֿאַרמאַכטע טירן מיטן שטשור און אים האָט צוגעשלאָגן דאָס בלוט צום קאָפּ. ער האָט געפֿילט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן, אַז עס דאַרף אַזוי נישט אָפּגיין, אַז אַ שלעכטע זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן, נאָר אַז די יידן האָבן אָנגעהויבן קוקן צו אים אין שענק און שאָקלען מיט די קעפּ, האָט ער פֿאַרלייגט אַ האַנט צום האַלז, ווי גויים טוען עס, וועלנדיק פֿאַרטשעפּען אַ ייד, געמאַכט אַ ציגן־בערדל און זיך צעמעקעט:

— מעעע, מעעע!

איז געקומען אַ מינדסטע חגא, אַן „אַטפּוסט", האָט זי אים געשלעפּט אין קלויסטער, זי האָט אים געלערנט זאָגן, צלמען זיך און געשטופּט צום אָלטאַר, זיך מתוודה־זיין פֿאַרן גלח. שמחה האָט געקוקט מיט טעמפּע אויגן אויף די ליכט, אויף די בילדער, געפֿילט אין די פֿאַררייסענע נאָזלעכער דעם האַלב־שטיקנדיקן און האַלב קילן ריח פון אַ קירכע, וואָס שמעקט אַ העלפֿט מיט איבערגעפּרעסענע מאָגנס און אַ העלפֿט מיט חלב, ווייַרויך און פּגר. — אים האָט זיך געוואָלט אַרויס וואָס גיכער, נאָר דאָס ווייב זייַנס האָט אים געזען אָנטאָן כיבודים, זי האָט אים אונטערגעשפּאַרט צו האַלטן אַ ליכט, אָדער אַ פֿאָן, בעת אַרויסגיין מיט דער פּראָצעסיע אויפֿן הויף. זי האָט אים דערבײַ גע־

געבן אָנצוטאָן אַ ווייס העמדל, פון וועלכן זיינע טעמפּע שטיוול האָבן אויסגעזען מאָדנע פרעמד, צוגעטשעפּעט. זי האָט אים אויך געשטופּט אין כאָר צווישן די לאַנגע, צעצויגענע גויים און אויסגעוואַקסענע שיקסעס, וואָס מאַכן ביים זינגען צעקרימטע הייליקע פּנימער און שרייען מיט צעצויגענע האַלז־קולות אומפאַרשטענדלעכע ווערטער:

— קיריע, לעיסאאָן, קירדרר! —

דערנאָך, אַז דער גאַנצער עולם איז געווען ביי דער ראָסצאַקאָווע אין שענק און געזופּט פון די פּעסלעך, — האָט זי גאָר אַריינגערופן שמחהן אין מיטן און געהייסן וויינען יידישע קונצן.

— סטאַך, וויין באָר, ווי די יידן שאָקלען זיך.

שמחה שטעלט זיך אַוועק אין מיט שענק, ער נעמט אַראָפּ דעם רימען פון די הויזן, פאַרבינדט זיך די הענט, ווי יידן מיט רציעות פון תפילין, און וואַרפט זיך הין און צוריק:

— אוי וויי, חסדו, חסדו!... —

גויים צעשיטן זיך פאַר געלעכטער, גויעס וויינען פאַר פרייד און פאַר־טרינקען מיט בראָנפן.

— און איצט ווי יידן פאַרהילן זיך אין פלאַכטעס!

סטאַך הילט זיך אַרום דעם קאָפּ אין אַ שמאַטע, קושט זי, ווי יידן ציצית.

— און איצט ווי אַזוי ווייבער ציגדן ליכטלעך.

שמחה שטעלט זיך אָפּ. דאָס, ווייסט ער, טוט זיין מאַמע, און ער דאַרף נישט וויין, נאָר די געסט בעטן זיך ביי אים, גויעס גלעטן אים איבערן פּנים און די ראָסצאַקאָווא ביינערט זיך:

— סטאַך, וויין! די מינוט, הערסט!

שטעקט ער אויס די הענט אין דער לופט, שאַרט עטלעכע מאָל און מורמלט יידישע ווערטער:

— שאַבע, שאַבע, שאַבע...

גויעס וויינען אַזש פון פרייד, גויים לאַכן ווי פערד וואָלטן הירזשען —
— כאַ, כאַ, כאַ! — הי, הי, הי! —

און שמחה שטייט, קוקט אויף זיי מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אין די הענט קיצלט אים צו שלאָגן. —

אָבער ערגער פון אַלץ זענען פאַר שמחהן די נעכט.

זי יאָגט אים פרי שלאָפן. פונקט ווען אים גלוסט זיך אַ ביסל אריינכאַפּן צו סטעפּאַנען, פּרווון זיך אַ ביסל די כּוחות, אָדער שמועסן אַ ביסל פאַר דער טיר — שטעלט זי זיך אַוועק אויסצוואָגן פאַרן שלאָפן דאָס שיטערע ביסל בלאָנדע צוגעלייגטע האָר. זי פאַרפלעכט זיך אַ צעפּל ווי אַ מייזן-וויידעלע די גרויס, פאַרבינדט עס מיט אַ רויט בענדעלע און רופט מיט אַ זיס קולכל:

— יינגעניו, קום שלאָפן! קום צו דיין ווייבעניו, קום!...

זי פאַרנעמט דאָס גאַנצע בעט, דריקט אים צו צו דער סאַמע וואַנט און סאָפּעט מיט איר שווערן צעגאָסענעם קערפּער, וואָס שלאָגט מיט היץ און שווייס, גלייך אים אין פּנים אַריין. זי שעפּטשעט שטיל:

— ווּעסט פאָלגן דיין ווייבעניו, האַ? — ווּעסט פאָלגן?

דאָס האָט זי פאַר אים אַ פּלאַן, אַ סודותדיקן פּלאַן, וואָס אַלע אויף דער נאַכט רעדט זי וועגן אים אויפסניי, אומקוקנדיק זיך פריער אין דער אייגענער שטוב, ווי זי וואָלט מורא האָבן אַנצוטרויען די ווענט.

זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט שמחהן, האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף דעם וויין-שענק, וואָס אַקעגנאיבער, ווי אויף אירס אָן אייגנס. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער ויינשענק מיטן הויז, מיט די קאַמערן, מיט די קעלערס וועלן קיינמאָל נישט אַריבער אין ירושה צו כּטאַכן. זי קען די יידן גוט און ווייסט, אַז קיין משומד וועלן זיי די ירושה נישט איבערלאָזן, נאָר זי קאָן אָבער נישט פועלן ביי זיך, אַז דאָס

אַלץ זאָל אַוועקגיין אין פרעמדע הענט. צופיל קען זי דאָס פאַרמעגן זייערס, דאָס מעבל, אַפילו דעם געקאָוועטן, פעל־באַדעקטן קופערט, זי זאָל עס אַזוי לייכט אַרויסלאָזן פון די הענט.

זי האָט שוין אַפילו איבערגערעדט מיטן שרייבער פון געריכט, אַ גוי מיט איין פוס, וואָס איז אַ גרויסער בקי אין געזעץ. זי האָט אים מכבד געווען מיט אַ גאַנץ פלעשל בראָנפן און ער האָט איר דערקלערט מיט דער שפּראַך, ווי אין די ביכער איז געשריבן:

— אָפּשרייבן — האָט ער איר געזאָגט — קאָן יעדער מענטש, וועמען ער וויל. — אין פאַל אָבער פון טויט, אָן אַ פאָרויסגעשריבענער צוואה, גייט איבער די גאַנצע ירושה צום זון. די רעליגיע־אָנגעהעריקייט פון יורש קאָן קיין אָפּהאַלט נישט זיין אין די עקזיסטירנדיקע געזעצן, פּאַראַגראַף נומער...

זי האָט קוים געכאַפּט דעם הינקענדיקנס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אָבער זי האָט די רייד גענומען אין זינען אַריין און אין איר קאָפּ, אין איר דיקן קאָפּ מיט די שיטערע, בלאָנדע, גלאַטע האָר, האָט זיך אַ שלעכטער געדאַנק אָנגעהויבן נעסטן.

— סטאַך — זאָגט זי ביינאַכט, ליגנדיק אין בעט, — ווייסט, אַז נאָך „זייער" טויט וועסטו קריגן אַט אָ! —

זי ווייזט אים אַ פייג גלייך אין די אויגן.

שמחה קוקט אויף דער פייג, וואָס שטייט אים האַרט אין די אויגן, און ער שווייגט.

— סטאַך — זאָגט זי, צובויגנדיק זיך צו אים נאָענט, ווי בעת מ'האָט צו זאָגן גאָר אַ וויכטיקן סוד, — מ'דאַרף פון „זיי" פּטור ווערן. פאַרשטייסט? אַלץ וועט אַריבער צו אונז, וועסט זען, ווי גוט ס'וועט זיין...

זי הויבט אים אָן קושן, גלעט זיין קאַרק מיט די דיקע פינגער און ברעגט זיס:

— וועסט פּאָלגן דיין ווייבעניו, האַ? וועסטו פּאָלגן?
שמחה שווייגט. ער לאָזט טאָן מיט זיך אַלץ, הערט אַלץ אויס און לייגט־איבער ביי זיך אין טעמפּן קאָפּ, נישט קאָנענדיק דערגיין צו אַ טאָלק.
ער ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן. ער ווייסט נאָר, אַז אים איז ענג דאָ, נישט גוט, אַז די וואַנט דריקט אים צו — און באַלד אין דער פרי, ווי נאָר עס ווערט טאָג, כאַפּט ער זיך אַראָפּ פון געלעגער און גייט אַוועק צו זיך אין קעמערל, וווּ ער האַלט כּלים צו קוילן.
דאָ האָט ער שטיין קלעצער, מולטערס, שלייפן און אויך אַ שלייפשטיין מיט אַ רעדל און מיט אַ קעסטעלע וואַסער, אין וועלכן דער רונדער שלייפשטיין דרייט זיך.
נעמט ער אַראָפּ די מעסערס, העק, שלייפן, ער דרייט גיך ביים רעדל, שאַרפט אין שטיין, קוקט אַלע ווײַלע מיט איין אויג אויפן שאַרף און אים גלוסט זיך הרגענען.
— וואַרט — ברומט ער, קוקנדיק מיט טעמפּע בליקן אַרום זיך, נישט ווייסנדיק וואוהין זיי אָפּצושטעלן, וואוהין אָפּשטעלן זיין צאָרן — וואַרט...

*

ענדלעך האָט זי באַשטימט אַ טערמין, די ראָסצאַקאָווע.
עס איז געווען סוף אדר, ווען די שנייען האָבן גערונען פון דעכער און בערגלעך, רעגנס האָבן געגאָסן פוילע, עסעדיקע. ביי טאָג איז אין שטעטל געווען אַ יאַריד, דער גרעסטער יאַריד, וואָס קומט שטענדיק פאַר אין דער צייט פאַר דעם יידישן און גוישן פּסח. פויערן זענען זיך אָנגעקומען פון אַלע דערפער, געקויפט, פאַרקויפט און געטרונקען.
ביי דודלען אין ווײַנשענק איז געווען געפּאַקט. הענט זענען מיד געוואָרן פון דערלאַנגען פלעשער און נעמען געלט. אַפילו דודל אַליין, וואָס איז קיינמאָל נישט געקומען אין שענק, איז דאָסמאָל געקומען

ספּעציעל פון וואַלד און געהאָלפן צונעמען געלט בײַ די גויים, וואָס האָבן זיך געבעטן דערמיט רחמים:

— נעמט בײַ מיר אויך, גיכער! —

עס איז געווען שוין נאָך האַלבער נאַכט, ווען די ראָסטאַקאָוואַ האָט גענומען וועקן דעם פאַרשלאָפענעם שמחה:

— סטאַך — האָט זי געשריגן, רײַסנדיק אים מיט אַלע כוחות — וועסט אויפשטיין, אָקס, צי נישט? — די נאַכט גייט אַוועק.

שמחה איז געווען מיד, פאַרשלאָפן. אַ גאַנצע טאָג האָט ער געאַרבעט בײַ די קישקעס. אין דרויסן האָבן געיאָגט ווינטן, טראָפּנס האָבן געקלאַפּט איבער די דעכער און ער האָט געוואָלט שלאָפן.

— לאָז אָפּ! — האָט ער געברומט, איבערקערנדיק זיך אויף אַ זײַט — לאָז שלאָפן.

זי האָט אים געשלעפּט מיט אַלע כוחות. זי האָט געוווּסט, אַז די נאַכט טאָר מען נישט דורכלאָזן. אין שטעטל שלאָפן אַלע ווי געהרגעט נאָך דעם יאַריד. פינסטער איז ווי אין אַ זאַק. געלט איז דאָרט אויך פאַראַן אַ סך און „ער“ איז געקומען פון וואַלד. זי האָט אים געזען. און זי האָט שמחהן נישט אָפּגעלאָזן.

— נו, הייב דיך שוין אויף אַמאָל — האָט זי אים געריסן — האָסט געזאָגט צי נישט? —

— האָ? — שמחה האָט זיך פויל אויפגעהויבן, פויל אָנגעטאָן זיך און געקוקט מיט תמעוואַטע אויגן — וווּ? —

דורכן פענסטער האָט אַ שוואַרצע נאַכט אַרײַנגעקוקט. פון דערווײַטנס האָט זיך דערטראָגן אַ קלונג פון הייזעריקן קלויסטער-זייגער — בו—ם!

— שוין איינס — האָט די ראָסטאַקאָוואַ געזאָגט — נו?

שמחה האָט אויסגעהערט און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד. ער האָט געגעניצט פויל, טעמפּ. — האָ!

די ראָסצאַקאָווא איז אַריין שוין אין כּעס. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט נישט אויסגעפילט באַלד דאָס, וואָס זי האָט אים געהייסן. זי האָט אים אָנגענומען ביי אַ לאַץ און געשלעפּט:

— וואָס? — ווילסט נישט גיין? —

— האַא! — האָט שמחה געגעבן אַ געניץ אנטשטאָט אַן ענטפער.

תּחילת האָט די ראָסצאַקאָווא אָנגעהויבן מיט בייזן:

— די מינוט זאָלסטו אַרויסגיין! — האָט זי געטופּעט אויף אים מיט די פיס — באַלד איז אויס נאַכט. הערסט!...

זעענדיק, אַז ער שרעקט זיך נישט, אַז ער זיצט ווייטער אַזוי טעמפּ ווי פריער, האָט זי אים געפּרוּווט נעמען מיט גוטן:

— נו גיכער, גבור מיינער! — קום יינגעניו! —

אַז שמחה האָט דערויף אויך נישט געענטפערט — האָט זי זיך פאַרטראַכט. זי האָט שוין געזען, אַז ער וועט אַליין נישט גיין. פון גאַס האָט זיך דערהערט נאָך אַ קלונג אויף האַלב צוויי — אויב נישט היינט איז קיינמאָל נישט — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און זי האָט באַשלאָסן אים פירן.

— קום — האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, — קום מיט מיר צוזאַמען. נו...

זי האָט אים פאַרשטעקט אַ האַק אין גאַרטל, אַראָפּגעצויגן דאָס היטל איבער די אויגן און אַרויס מיט אים אין דער פינסטערניש אַריין.

— זעסט — האָט זי געשעפּטשעט ביי דער שוועל — אַלץ שלאָפט ווי געהרגעט. ששאַ...

געגאַנגען איז אַלץ ווי זי האָט אויסגערעכנט. אויף דער גאַס האָט מען קיין פּיפּס נישט געהערט. דאָס טירל פון דודלס הויף האָט זיך געעפנט ביים ערשטן שטויס פון שמחהס מעכטיקער האַנט.

שמחה איז געקראָכן איבערן הויף, איבער צוואָרפענע ליידיקע פעסער

איבער וועלכע ער איז אַזוי פֿיל יאָרן אַרומגעשפּרונגען. ער איז אַראָפּ אין קעלער איבער די צופֿוילטע טרעפּלעך, איבער די זעלבע טרעפּלעך, איבער וועלכע ער איז נישט איינמאָל געקראָכן, אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער מאַמעס פֿאַרטוך; זי פֿלעגט גיין מיט אַ קאַראַפֿין אין האַנט, אָנצאַפּן ווײַן פֿאַר דער שטוב און ער האָט זיך איר געטשעפּעט אין פֿאַרטוך.

פֿון אויבן איז געגאַנגען אַ טירל, וואָס פֿירט גלייך אין קיך אַרויף. שמחה האָט אין דער פֿינסטערניש דערקענט יעדער ברעטל, יעדער שטאַפּל. אונטערהויבן דאָס טירל איז ביי אים געווען נישט קיין גרויסע זאַך. נאָר ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

די ראָסטאַקאָווע האָט געציטערט. ווי אין יעדער צו־טויטער שטילקייט, האָבן אויך דאָ אומבאַשטימטע קלאַנגען און שאָרכן זיך געדרייט. שטומע קלאַנגען פֿון דער שטילקייט. באַלד האָט זיך פֿון הויף אַ שאַרפּערער טרייסל אויסגעטיילט, און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ פֿאַס. דאָס האָט אַ קאַץ זיך אַראָפּגעגלייטשט פֿון דאַך, ווו זי האָט געפּראַוועט אַ חתונה און געדראַפּעט זיך איבער דער בלעכענער רינע. נאָר שמחה האָט זיך נישט אומגעקוקט. די וואַרעמע קעלער־לופֿט האָט אים איינגעשלעפֿערט. די פֿעסער פֿון ווײַן האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך ריחות פֿון זיס־זויערלעכער פֿאַרדומפּנקייט, געשמעקט מיט היימישקייט און געקיצלט אין נאָז, צו ניסן און דרימלען. פֿון דרויסן זענען טראָפּנס געראָנען און געפֿאַלן אין אַן אונטערגעשטעלט פֿעסל. אין יעדן פֿאַל פֿון אַ טראָפּן איז געלעגן די גאַנצע היימישקייט פֿון אַ מידער רעגנדיקער נאַכט פֿאַר פּסח, ווען מ'כאַפּט זיך אויף אויף אַ ווײַלע, כּדי אַנטשלאָפֿן צו ווערן באַלד נאָך שטאַרקער, נאָך זיסער. און שמחה האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַן אומגעלייגטער פֿאַס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער ברוסט.

ער האָט פאַרגעסן, ווער ער איז, ווו ער איז, צוװאָס ער איז אַהער געקומען. אין זיין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט איין ווילן, אַ ווילן צו דרימלען, אויסציען זיך אַזוי אין דער גאַנצער גרויס צווישן די פּעסער פון חיין און דרימלען.

אין דרויסן האָט זיך דער זייגער פון קלויסטער איינגעשניטן אין דער נאַכט; דאָס מאָל מיט געציילטע צוויי קלאַנגען. דאָס הייזעריקע קלינגען פון זייגער אין דער שטילער נאַכט האָט פאַרטויבט יעדער שאָרך און צעריסגעריסן די ראָסצאַקאָווא פון איר ערשטער צעטומלטקייט.

הערנדיק פון אַ זייט אַ שנאָרך, שמחהס אַ באַקאַנטן שנאָרך, האָט זי זיך אויפגעריסן פון אָרט און גיך אָנגעהויבן זיך שאַרן צו אים אין דער פינסטערניש. — אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס מיט אַ פוס — און צאָרנדיק, פאַרוויטאַגט, אַנטטוישט און בלאַס, — אַזוי בלאַס, אַז די אייגענע בלאַסקייט האָט איר געבלענדט אין דער פינסטערניש, האָט זי זיך דערשלעפּט צו שמחהן.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און אָנגעהויבן טרייסלען מיט קראַמפּהאַפטיקע פינגער:

— דו — האָט זי געשיפּעט, — דו טרוס דו, דו...

אַ ווײַלע האָט שמחה אויפגעוואַכט. ער האָט אַרויסגענומען די האַק פון גאַרטל, געקוקט אויף דער שאַרף אין דער פינסטער, ווי זיין געווינהייט איז, און אויפגעהויבן זי אין דער הויך, כדי אונטערצוהויבן דאָס פירל, וואָס פירט אין קיך. נאָר אָט האָט ער דערזען לעבן זיך אַ בלאַס פּנים, ענלעך צו אַ פּנים פון אַ טויטן, וואָס בלייכט זיך אין דער פינסטערניש, און ער האָט האַסטיק אַראָפּגעלאָזט די שאַרף אין בלענדנדיקן ווייסקייט אַריין...

זי איז געפאַלן גלייך, די ראָסצאַקאָווא, אָן אַ קרעכץ אַפילו. — ער האָט איר דערלאַנגט מיטן גאַנצן כוח, מיט דער גאַנצער געשיקטקייט

פון זיין פעסטער האַנט, ווי ער איז עס געווינט געווען צו טאָן ביי זיינע חזירים.

מיט דערוועלבער געוועהנהייט האָט ער גענומען די האַק, פאַרשטעקט זי אין גאַרטל, אַהיימגעגאַנגען צו זיך אין שטוב און אויסגעצויגן זיך איבערן בעט.

— האַאַאַ! — האָט ער געגענעצט מיד, אויסציִענדיק זיך אין דער גאַנ־צער לענג אין ברייטן בעט — אַאַאַ!

דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפילט די גאַנצע רחבות פון אַ פריי בעט...

*

צומאָרגנס האָבן יידן מורא געהאַט אַרויסצופאָרן פון שטעטל איבער די דערפער. אין בית־מדרש האָט מען גערעדט פון אַן עלילת־דם.

פראַנצישעק דער באָד־גוי איז אַרומגעקראָכן פון איין יידישער שטוב צו דער צווייטער. ער האָט געטרונקען גלעזלעך פסחדיקן בראָנפן, וואָס יידן האָבן צוגעגרייט אויף יום־טוב און מכבד געווען איצט דעם באָד־גוי מיט אַ באַזונדער פּזרנות. ער האָט כסדר געווישט די באַקן־בערד, ווי ביי פראַנץ־יאָזעפן! ער האָט זיך געשפּילט מיט די געגילטע קנעפּ פון זיין פאַרשמאָלצעוועטן מונדיר פון אַ פאָלקאָווניק, און איבער־דערציילט, וואָס די גויים זאָגן:

— זיי זאָגן, אונזערע הייסט עס, אַז מיט אַזעלכע מעסערס וועלן זיי קוילענען, אָ! —

ער האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ אַרונטער, ווי אַ געשאָכטן קאַלב, און איבערגעפירט מיט אַ שוואַרצן פינגער איבער זיין ברודיקן פאַרוואַק־סענעם האַלז:

— כיק!...

ל י ו ק

(1924)

I

ליוק, אַ הונט פון דער וועלפישער ראַסע, גרויס ווי אַ קאַלב און מיט אַ שיינעם האָריקן עק, האָט זיך באַגעגנט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע פלוצלונג, אומגעריכט.

דער באַלעבאָס זיינער, אַן אַלטער קליינגעוואוקסיקער רעזערוו-גענעראַל, וואָס שטענדיק איז ביי אים דאָס גלאַט-ראַזירטע פּנים רויטלעך, מיט אַ קאָליר פון אָפּגעברענטע ציגל, – האָט, אמת, זייט עטלעכע טעג געליינט אַ סך צייטונגען, מער ווי אַלע מאָל. אויך איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן קאַבינעט אַ סך מאָל היין און צוריק, וואָס ער פלעגט קיינמאָל, זינד ליוק געדענקט, נישט טון.

ליוק האָט עטלעכע מאָל אָנגעשפּיצט די אויערן, אַ ניוכע געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס דערגיין, אָנשמעקן. נאָר, אַז ער האָט קיין זאַך נישט געקענט אויסשפּירן, האָט ער זיך צוריק רואיק אַוועקגעלייגט אויף דעם פּערסישן טעפּיך, אויסגעשפּרייט זיך אין דער גאַנצער גרויס איבערן אויסגעשטיקטן טיגער און געחלומט; געחלומט פון אַ האָזישן עק, וואָס ער פּאַקט ערגיץ אויף יאַגד אונטער אַ קוסט, געחלומט וועגן אַן אָפּגעריסענעם טאָטער, אַ הענדלער, וואָס באַווייזט זיך אין הויף מיט אַ פּאַק אַלטע קליידער, און ער, ליוק, כאַפּט אים אָן ביי אַ לידקע, ביי אַ גראָבער לידקע פון פוס.

די באַגעגעניש זייַנער מיט דער רעוואָלוציע איז געקומען ערשט אויף דער גאַס.

ס'איז געווען אַזוי:

ער איז אַראָפּ אויף דער גאַס אינדערפרי; ליוק פריערויס און נאָך אים זיין באַלעבאָס דער גענעראַל, און ער איז גלייך אויפגערעגט געוואָרן, ליוק, דאָס בלוט האָט אים צוגעשלאָגן צו די אויגן.

ליוק האָט די גאַס נישט דערקענט.

אויף דעם שטענדיק לייטישן אויסגעפוצטן פּראָספּעקט, וואו ס'פאָרן נאָר קאַרעטעס, אויטאָס און רייטערס, האָבן זיך געשלעפּט טויזנטער מענטשן, מערסטנס אין שינעלן.

פאַר ליוקן זענען שינעלן נישט געווען קיין נייעס, געננג האָט ער זיך אָנגעזען מיט זיי און זיי האָבן אים ווינציג אינטערעסירט, פּונקט ווי דעם באַלעבאָס זיינעם. נאָר שטענדיק איז ער געוועהנט געווען צו זען זיי אין אָרדנונג, אין רייען, קלאַפּענדיק מיט די פיס צום טאַקט. ווי נאָר ער פלעגט פאַרבייגיין צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס, האָבן זיי נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פיס. עפּעס איינער פלעגט אַ געשריי טאָן איבערן גאַנצן פּראָספּעקט:

— סמירדר-נא!..

און אַלע האָבן אָפּגעענטפערט, ווי אַ מחנה גענז:

— ראָוו לאַוו, סאָק, כּראָ!..וואָ!..

איינצלנע „שינעלן" פלעגן זיך אָפּשטעלן אין אַ זייט, אָפּטרעטן דעם וועג און אויסגעצויגן זיך ווי די סטרונעס.

איצט זענען אַלע „שינעלן" געקראָכן נישט אין מיט גאַס, ווי תמיד, נאָר איבער די טראָטואַרן. זיי זענען געגאַנגען פרייע, צושפּיליעטע, געלאַכט, געקנאַקט קערלעך און געטראָטן אויף די פיס. דערצו האָבן זיי נאָך אַלע געטראָגן שלייפלעך, וואָס קיינמאָל האָבן זיי אַזעלכעס אויף זיך נישט געהאָט; רויטע שלייפלעך אויף די היטלען, אויף די קנעפּ, אויף די באַיאָנעטן, אין די רימענס. טייל האָבן זיך אינגאַנצן אין רויטע בענדער פאַרשלייערט און ליוקן האָט אַזש אָנגעהויבן קאָכן אין בויך פאַר כעס:

— ררר — האָט זיך אים געקייקלט עפּעס אין האַלדז — כררר! —
קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט אויפגעהויבן דעם שמאָלן קאָפּ אין דערהויך, פאַרריסן די קלוגע אויגן צום באַלעבאָס און אים באַטראַכט. ער האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער זעט, זעט טאַקע זיין באַלעבאָס אויך, און ער האָט געוואָלט אים אויפמערקזאָם מאַכן דערויף. ער האָט אויסגעשטעקט אַ לאַנגע דינע ראָזע צונג און געזוכט דעם גענעראַלס הענטשקע, די זאַמשענע הענטשקע זיינע, כּדי צוגעבן אַ לעק, דערמאָנען אים. נאָר ער האָט די הענטשקע נישט געקענט פּאַקן. אָנשטאָט האַלטן די האַנט אויף דער שווערד, האָט איצט דער באַלעבאָס זיינער געהאַלטן זי פאַרשטעקט אין לאַץ, אין רויטן לאַץ נעבן דעם ווייסן קרייץ. און ליוק האָט נישט געוואוסט וואָס צו מאַן. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט בילן. דער ביל איז אים געלעגן אין האַלדז, נאָר, נאָר אַרויסצולאָזן. נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם באַלעבאָס זיינעם צו בילן אויף דער גאַס.

אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועגס, אַריינדרייענדיק זיך אין אַ ראָג בולוואַר, האָט זיך ליוק אָנגעהויבן באַרואיקן. צוויי קאַוואַלעריסטן מיט לאַנגע געשפּאָלטענע שינעלן זענען האַסטיק אָנגעקומען און אויסגעשריגן מיט מעכטיקע שטימען:

— סטאָט, גענעראַל! אַסטאַנאַוויס!

ליוק האָט דעם געשריי אָנגענומען תּחלת פאַר אַ באַגריסונג, ווי ער איז געוואוינט געווען דערצו און זיין הינטיש געמיט האָט זיך באַרואיקט, שוין פאַרגעסנדיק אין דער פריערדיקער אומאָרדנונג. נאָר אָנשטאָט אויסציען זיך ווי די סטרונעס און קוקן דעם גענעראַל גלייך אין די אויגן, ביז ער וועט זיי הייסן גיין, האָבן די צוויי לאַנגע „שינעלן" אַרויסגעצויגן בלאַנקע שווערדן פון די שייטן און אָנגעהויבן

שניידן אין גענעראַלישן מונדיר. איינער האָט געשניטן די גילדענע אַקסלבענדער; דער צווייטער האָט געפּאַרקעט זיך ביים גילדענעם הענטל פון שמאָלן שווערדל און ביי די נאָכהענגענדיקע טראָלבלעך, — איז שוין ליוק אַריין אין אַזאַ כּעס, אַז ער האָט אָנגעהויבן בייסן.

— כררר — האָט ער אַ ברום געטאָן און מיט דער גאַנצער וואָלפישער געשיקטקייט אַ שפּרונג געגעבן איינעם אַ „שינעל" גלייך אין פּנים אַריין.

— מאַלטשאַט, סאַבאַקאַ גענעראַלסקאַיאַ! — האָט דער צווייטער „שינעל" אַ געשריי געטאָן און אַ פּאָך געגעבן מיט דער שווערד איבערן פאַר־והיבענעם היגטישן ווײדל אַזוי האַסטיק, אַז אַ העלפט פון אים איז אָפּגעשפּרונגען אויפן טראָטואַר.

דאָס ערשטע, וואָס ליוק האָט דערפילט, איז געווען נישט קיין ווייטיק. דער שניט איז געווען אַזוי פלינק, פון אַזאַ געזונטער, זיכערער האַנט, אַז מ'האָט אים כּמעט נישט געפילט. ליוקס אויג האָט נאָר דערכאַפּט דעם שטיק עק, וואָס שפּרינגט אין לופט, און ער איז געלאָפן פייל־אויס־בוינן אים כאַפּן. צוזאַמען דערמיט האָבן זיינע אויערן, די אויפגעשטעלטע אויערן, אויפגעכאַפּט אַ געלעכטער, אַ הילכיקן געזונטן געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ! — כי, כי, כי!

און גלייך נאָך דעם איז אָנגעקומען די ווייטיק.

ליוק האָט געזוכט מיטן אָפּגעגעבעם פּיסק די ווייטיק. ער האָט אויסגע־בויגן דעם קאָפּ, געוואָלט אָנכאַפּן עפּעס, נאָר ס'איז אים נישט אָנגע־קומען גרינג. אָנשטאָט ווײדל, וואָס דער פּיסק פלעגט שטענדיק אָנכאַפּן, האָט ער איצט אָנגעכאַפּט לופט. ערשט אַז ער האָט זיך איינגאַנצן איינגעקנוילט, האָט ער דערגרייכט מיטן צונג צום לעצטן

שטיקל עק. ער האָט אַ שמאַרע געטאָן מיט די ציין, געוואָלט דעם אייגענעם ווייטיק אויסרייסן, נאָר ער האָט זיך איינגאַנצן אויסגעשמירט דעם פּיסק אין בלוט, און צוזאַמען מיט די יסורים האָט ער דערפילט אַן הנאה, אַן הנאה פון אייגענעם בלוט, וואָס האָט אים געקיצלט אין די נאָזלעכער. אָבער דאָס האָט געדויערט אַ ווײַלע, איין ווײַלע נאָר. באַלד איז אָנגעקומען דער ווייטיק איינגאַנצן, מיט דער גאַנצער שטאַרקייט, און ליוק האָט זיך צעשריגן אין שרעקלעכע קולות. ער האָט ספּאַזמירט איינגאַנצן ווי אַ מענטש:

— אַ, או—אַ—או !—הו—ו...

ביים גענעראַל האָט געציטערט אַ ליפּ. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צום שווערד, ווי ער איז עס שטענדיק געוואוינט געווען צו טאָן, און די האַנט, די קליינע האַנט זייגע, האָט געפיבערט, גרייט עפּעס צו טאָן. נאָר אַז די האַנט האָט קיין זאַך נישט געקאָנט אָננעמען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין קיין שווערד אויך נישט — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און ווייטער נישט געשטעלט קיין טריט.

— קום אַהיים, ליוק — האָט ער געמורמלט צום ספּאַזמירנדן הונט — די גאַס איז נישט אונזער... קום !

יינגלעך זענען נאָכגעלאָפן מיט געלעכטערן. איינער אַ יינגל אין אַ פּאָר צו גרויסע וואַלינקעס האָט געכאַפּט דעם אָפּגעהאַקטן הינטישן עק פון דער ערד און נאָכגעלאָפן פון הינטן. ער האָט געשריגן :

— באַרין, פּאַטריאַלי כוואָסט ! — באַרין ! . .

האָבן די איבעריקע יינגלעך שיעור זיך נישט דערוואָרגן פון פרייד.

— הוראא ! — האָבן זיי געשריגן אין איין קול — אוררא ! . .

און דער גענעראַל האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן און געאײַלט אַהיים. נאָך אים האָט נאָכגעשפּרונגען ליוק מיט וואַקלענדיקע שפּרונגען.

ביים טויער האָט זיי די גענעראַלשע באַגעגנט מיט אַ פּאָר שטאַרע גלעזערנע אויגן.

ביידע האָט געפּעלט זייער צירונג: דעם גענעראַל די נאָכהענגנדיקע שווערד, און דעם הונט דער נאָכהענגנדיקער ווײדל — און זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט:

— האָספּאָדי פּאָמילאַי! — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן און באַהאַלטן די אויגן אין די הענט אַריין.

ליוק האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרלאָפענע אויפגעריסענע אויגן און זיך נאָך שטאַרקער צעקלאָגט. ער האָט אָנגעהויבן וויינען ווי אַ קינד:

— האַ-אַו-האַ-אַו... אַו, אַו אַו..

ז

שווערע צײַטן, ביטערע, זענען אָנגעקומען פאַר ליוקן.

דער ווײדל זײַנער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט פאַרהיילט. פון גאַנצן בכבודן עק איז אים פאַרבליבן נישט מער ווי אַ קליין פּיצל קרומלעך-פאַרשניטן עקל, ווי ס'האָבן מערסטנס מאָפּסן, קורצנעזיקע מאָפּסן, וואָס זייערע באַלעבאַטים, סטרוזשעס, האַקן זיי אָפּ די עקן מיט אַ האַק, כדי זיי זאָלן זיין בייז. — און שוין האָט ער זיך ווידער באַגעגנט מיט די שינעלן אין די רויטע קאָקאַרדעס.

דאָס מאָל זענען די „שינעלן" געקומען צו אים.

אין אַ פרימאָרגן, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָט מען אָנגעקלונגען ביים גענעראַל אין טיר, אָנגעקלונגען פעסט, מיט כעס, ווי קיינמאָל נישט, און עטלעכע פאַרשוינען מיט ביקסן אין די הענט זענען אַריין אין שטוב.

ליוק האָט זיי באַטראַכט מיט אַ שלעכט אויג.

אין טונקעלן פרימאָרגנדיקן קאָרידאָר האָט ער קודם כל דערזען זייערע שטיוול, בלאָטיקע גרויסע שטיוול, וואָס ער האָט קיינמאָל אין שטוב אַזעלכע נישט געזען. און אים האָט גלייך אָנגעהויבן ווערן הייליק אין די ציין. ער האָט אויסגעצויגן די הינטערשטע פיס הויך, אינגאַנצן ווי אַ וואָלף, און געפרואווט אַ הויב טאָן דעם עק, פאַרשטעלן די שטיוואַליעס דעם וועג. נאָר אַנשטאָט דעם, אַז דער עק זאָל זיך אַ הויב טאָן ווי אַ פאָכער, האָט זיך דאָס עקל קוים באַוועגט אין אַ זייט. — ליוק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ העכער און דערזען אויף די ביקסן רויטס, רויטע שלייפלעך — האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט טיפער אין אַ ווינקל און פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין גרויס.

פאַר זיין הינטישן קאָפּ האָבן בילדער געטאַנצט: פאַר זיינע רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך דורכגעדרייט אַ ראָג גאַס, שינעלן, בלאַנקע שווערדן, רויטס, און אַ ווייטיק אין ווידל, אַ ווייטיק צוזאַמען מיט אַ ריח פון בלוט — און ער האָט זיך נאָך טיפער אַריינגערוקט אין ווינקל, צונויפגעדרייט זיך אין אַ קנויל און געשוויגן.

אויך דער גענעראַל האָט געשוויגן.

ער האָט נאָר עטלעכע מאָל צוגעקנעפּלט און צוריק אויפגעקנעפּלט זיין ברייטן זיידענעם מאָרגן-ראָק, דורך וועלכן אַ פּאָר בלויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן האָבן אַרויסגעקוקט, און ער האָט געהערט די שטרענגע ווערטער, וואָס האָבן אַזוי פרעמד דאָ געקלונגען אין פריען פרימאָרגן.

גערעדט האָט נאָר איינער פון די פּאַרטונקלטע מענער; אַ בּרייטבּיי-ניקער יונגער יונג אין אַ סטודענדישן מונדיר מיט גילדענע קנעפּ און מיט אַ ריזיקער צוקודלעטער קאַווקאַזער פּאַפּאַכע אויף דעם קאָפּ. ער האָט אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע, געבּליבן שטיין אַ ווײַלע מיט אַ זיינעם בּלאָנדן לענגלעכן קאָפּ, וואָס האָט מאָדנע פרעמד אויסגעזען נעבן דעם צוקודלעטן ווילדן היטל; ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער „פּאַפּאַכע" אַ געל פּאַפּירל, און, אָנטוענדיק צוריק דעם הוט אויפן קאָפּ, האַרט געלייענט:

— לויטן בּאַפעל נומער דריי און זיבּציק איין און אַכציק „א" פון די ציטוויילקע געזעצן, אַלס צוליב צום פּונקט „צ"...

ליוק האָט אויפגעשטעלט בּיידע אויערן, ווי ער וואָלט מורא האָבּן דורכלאָזן איין וואָרט אַפילו און געקוקט מיט אָפענע אויגן דעם לייענער גלייך אין די ווייסע געזונטע ציין אַריין. ער האָט אין טאָן פון לייע-נען דערפילט, אַז דאָס דאַרף בּאַדייטן עפּעס שלעכטס און ער האָט געציטערט קרום מיטן פּיסק.

דערנעבּן איז געשטאַנען דער גענעראַל, אויך געקוקט דעם לייענער אין די ווייסע ציין אַריין און געציטערט מיט דער אונטערשטער ווייכער ליפּ.

אַז דער יונג מיט דער פּאַפּאַכע האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אויף די אָפּצאַסן אין אַ רעדל, געוויזן מיט די הענט אויף די טירן פון די שטובּן און בּאַפוילן:

— חברים אַרמייצעס, פּאַקט פּאַנאַנדער די ראַנצעס! — פאַרנעמט די וואויבונג! —

דער גענעראַל איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט. ער האָט געוואָלט אַראָפּ-נעמען די עטלעכע אייל-בּילדער, אין גילדענע ראַמען, וואָס האָבּן

געהאָנגען אויף דער וואַנט, נאָר דער יונג אין דער פּאַפּאַכע האָט אויפגעהייבן די הענט אין דער הויך:

— נישט רירן! — אַלץ בלייבט אויפן אָרט!

ער האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך, דער יונג, דערזעען אין ווינקל אַ לאָמפּאַדע מיט אַ גרינעם נר-תמיד און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— דאָס, בירגער, קאָנט איר נעמען. מיר דאַרפן עס נישט! —

האָט דער גענעראַל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרויס גיך פון קאַבינעט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט צו קיינעם, אַ חוץ צו זיין הונט.

— ליוק! — האָט ער געזאָגט שטיל, ווי דעמאָלט אויף דער גאַס — די שטוב איז מער נישט אונזער. קום!

און ליוק האָט זיך פויל אויפגעהויבן פון אָרט און מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם רוקן, ווי ער וואָלט זיך אויסהיטן פון אַ קלאַפּ, שטיל זיך אַרויסגעשאַרט פון קאַבינעט.

אין זעלבן טאָג נאָך האָבן אַלע דריי: ליוק, דער גענעראַל און די גענעראַלשע אויפגעזעסן אויף אַ פּאַיעטאַן, אויף אַן אָפּגעהומלטער שטאָטישער „וואַנקע“ און אַוועק צו הינטערשטאָטישע פּאַרלאָזענע גאַסן. —

געפאָרן איז מען לאַנג, שלעפנדיק, העצקענדיק זיך איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע שפּיציקע שטיינער. ליוק איז געזעסן אויפן פּעקל בעט-געוואַנט און געקוקט אויף די לאַנגע פּאַרקאַנעס, וואָס האָבן זיך גע-צויגן צווישן די אַלטע נידעריקע הייזער, אויף די פאַרשלאָסענע אייזערנע פאַבריק-טויערן, און אויף די קליינע שילדלעך מיט די אויס-געמאָלטע פערדלעך, וואָס די רימערס און זאָטלמאַכערס הענגען אַרויס פאַר די פענסטער. ער האָט זיך אָפט געביסן אין קורצן פאַרשניטע-נעם עק.

ערשט, אַז מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ נידעריק איינשטאָקיק

אַלט הויז, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט גרינער זייף, קרויט און שימל, האָט ליוק ערוואַכט פון זיינע מחשבות און זיך צוגאָסן גאַנצע צוויי מאָל זיך צוגאָסן.

די ערשטע באַגעגעניש האָט ליוקן אייגנטלעך צופרידנגעשטעלט. פון אַלטן איינשטאָקיקן הויז איז אַרויסגעלאָפן אַקעגן אַן אַלטע קאַצאַפּקע אין אַ וואַטענעם קאַפּטאַן און אין רויטע קאַווקאַזער שטיוועלעך אין בלומען.

דערזעענדיק דעם פּאַיִטאַן מיט די געסט, האָט זי זיך אָפּגעצלמט עטלעכע מאָל גאָר גיך און גלייך אָנגעהויבן וויינען אויפן קול.

— וואַשע פּרעוואַסכאַדיטעלסטווא! — האָט זי אויסגעשריגן מיטן אמתן זעלנערישן קול, פּונקט ווי אַמאָל איר פאַרשטאָרבענער מאַן דער קאַפּיטאַן פלעגט עס טאָן — און זי האָט געכאַפּט קושן דעם גענעראַל אין די הענט.

זי האָט זיך אָפּגערוקט אַ ווײַלע, פאַרטראַכט זיך און אַליין זיך אויסגעזידלט: — וואָס שטיי איך „דורינאַ“? —

און גלייך. דערויף זיך אָנגעהייבן קריגן מיטן קוטשער.

עס איז געגאַנגען אין דעם, וואָס דער גענעראַל אַליין האָט זיך גענומען אַראָפּשלעפּן דאָס פּעקל פון פּאַיעטאָן און זיך שיער נישט אויסגעגליטשט דערביי. האָט זיך די אַלטע קאַפּיטאַניכע גענומען צום קוטשער, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען זי האָט נאָך אַ „דיענשטשיק“ געהאַט אין שטוב.

— וואָס שטייסטו, דוראַק, ווי אַ קלאָץ! — האָט זי געשריגן אויף דעם יונג אין צעקוועטשטן צעראַטענעם צילינדער — זעסט נישט, אַז יעוואַפּרעוואַסכאַדיטעלסטווא שלעפּט אַליין, — באַלוואַן?...

אַ ווײַלע האָט זיך דער קוטשער אין צעקוועטשטן צעראַטענעם צילינדער דערשראָקן פאַר דעם שטרענגן באַבישן געשריי און ער האָט זיך

גענומען פּאַרקען ביים פּעקל; נאָר באַלד האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן גענעראַלס מונדיר, וואו אנשטאט אַקסלבענדער זענען זיך בלויז פלעקן, — סמנים נאָך זיי — האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן מיטאַמאָל אין די קורלעס מיט איין האַנט; די צווייטע האַנט האָט ער אָפּגעווישט אין גרינעם צעריסענעם זשופּאַן און כיטרע געזאָגט:

— דיעלאָ ניע מאַיאָ! — פּעק שלעפּן דאַרף אַ „דיעגשטשיק" נישט קיין קוטשער, איזוויעסטנא!...

דערויף האָט די קאַפּיטאַניכע ביז אויסגעשפּיגן, און ליוקן איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, גאָר שטאַרק. ער איז אַזוי ענטציקט געוואָרן, אַז ר'האָט עטלעכע מאָל אַ ביל געטאָן נאָכן אַוועקפאָרנדיקן קוטשער, וואָס ער האָט שוין אַ צייט נישט געטאָן; ער האָט אַפילו אַ שמעק געטאָן צו דער קאַפּיטאַניכע אונטערן קורצן קליידל, אַזוי אויסגענומען האָט זי ביי אים אין די אויגן. נאָר אַריינקומענדיק צו איר אין וואוינונג האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט די אויערן און פאַרדרייט מיט דער נאָז.

אין דער גרויסער נידעריקער און טונקעלער שטוב, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען באַהאָנגען מיט הייליקע בילדער און לאַמפּאַדעס, זענען אַרומגעשפּרונגען גאַנצע סטאַדעס ים־חזירימלעך און קראַליקעס. דערזעענדיק דעם ריזיקן הונט האָבן זיך די חיהלעך דערשראָקן און אַנטלאָפן מיט אַ פּישטשעריי אונטערן בעט. ליוקן האָט עס פאַרדראָסן, האָט ער זיך אויסגעצויגן נידעריק אויף אַלע פיר און געלאָזט זיך נאָך זיי אונטערן בעט. די קאַפּיטאַניכע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— באַטיושקאָ! — האָט זי געזאָגט און געקנייפּט זיך פאַר די באַקן — ער זאָל מיר נאָר נישט אויסשטיקן די „קינדערלעך"...

דערפאַר האָט דער גענעראַל אָנגענומען ליוקן פאַר אַן אויער, אָנגעריסן אים מיטן גאַנצן כוח און באַפוילן:

— מאַלטשאַט, סקאַטינאַ!...

און ליוק האָט זיך איינגעקורטשעט, פאַרקנוילט זיך אין אַ ווינקל און געגלאָצט מיט קרומע בליקן אויף אַלץ אַרום זיך.

— ררר — האָט אים געקאָכט אין בויך און ווי געטאָן, ווי געטאָן נאָך שטאַרקער, ווייל ר'האָט זיך איינגעהאַלטן נישט בילן —

צום מיטאָג, אַז ס'איז געקומען, האָט זיך ליוק נאָך מער ענטטוישט. געדעקט צום טיש האָט מען אין דער זעלבער שטוב, וואו די קראַליקעס און ים־חזירימלעך האָבן אַרומגעשפרונגען. די קאַפּיטאַניכע האָט אויסגעלייגט אַ געשטריקט טישטוך אין פילפאַרביקע קראַטן. קיין גופּלען האָט זי נישט דערלאַנגט, בלויז צינערנע לעפל. אויף גרויסע שיסלען מיט רויטע קאַווקאַזער בילדער באַמאָלט, האָט זי אַוועקגעלייגט קליינע פּיראָגן, געפילט מיט הירזש און נישט־פרישע חזיר־גריוון. אים, ליוקן, האָט זי אַוועקגעשטעלט אַן ערדערנעם טאָפּ מיט שיטערן אָפּ־זייעכץ און מיט שטיקלעך רויע בוראַקעס פאַרבראָקט — ליוק האָט אַפילו דעם פּיסק נישט איינגעטונקען. ער האָט בלויז אַ שמעק געטאָן און אַוועקגעזעצט זיך אויף די הינטערשטע פיס.

ליוק איז געווען געוואוינט צו אַנדערע מיטאָגן ביי זיך אין דערהיים: אויבנאָן זיצט ער, דער באַלעבאָס, דערנעבן זיצט זיין אַדיוטאַנט, אַ הויכער דאַרער אָפיצער, וואָס אויף אַלע בייזערט ער זיך, און נאָר אים, ליוקן, האָט ער ליב און גיט אים שאָקאָלאַד. פון דער צווייטער זייט זיצט די באַלעבאָסטע — און אַרום טיש שטייען כסדר צוויי סאָלדאַטן, אויסגעצויגן, ווי די סטרונעס, און וואַרטן, עפּעס צו דער־לאַנגען. נאָכדעם ווי זיי גיסן יעדן אָן אין די טעלערס, שטעלן זיי אַוועק פאַר אים, ליוקן, זיין וואַזע.

פון דער ערד עסן טאָר מען נישט, דאָס געדענקט ער, ליוק. אַמאָל האָט ער געטאָן אַזאַ זאַך און געכאַפּט אַ חלק: איינמאָל האָט דער

גענעראַל אַ שמעק געטאָן צום טעלער און אָנשטאָט צורוקן אים צו זיך, האָט ער אים אַ שמײַס געגעבן אין לופט און געטראָפן דעם סאָלדאַט גלײַך אין פּנים אַרײַן. דער סאָלדאַט האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און דעם געוואָרפענעם קאָטלעט אַוועקגעשטעלט פאַר אים, ליוקן, נאָר דער גענעראַל האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס:

— אַלײן פרעס אויף, באַלוואַן! מײַן הונט עסט נישט פון דער ערד!..

און אים, ליוקן, האָט ער פאַר שטראָף, וואָס ער האָט געוואָלט עסן פון דער ערד, געוואָרפן אַ גאָפּל אין זײַט.

אָט צו אַזעלכע מיטאָגן איז ליוק געוועהנט געווען.

און ער איז געלעגן איצט אין אַ קנויל, צונויפגעדרייט פון הונגער און מורא צוזאַמען און געפּאַכעט מיט די זײַטן.

אָבער ערגער פון אַלץ איז פאַר ליוקן געווען די נאַכט.

בײַ דער אַלטער קאַפּיטאַניכע איז געווען נישט מער ווי אײן בעט, איבער וועלכן ס'איז געהאָנגען דאָס שטײַפע היטל פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. לכבוד די געסט, האָט זי זיך אויסגעבעט אויפן קופערט און זײ אַוועקגעגעבן דאָס בעט.

— פּאָמיליוטיע — האָט זי געבעטן דעם גענעראַל, ער זאָל איר מוחל זײַן איר אָרעמקייט.

און ליוקן האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן.

זי האָט פאַרמאַכט פאַר אים די טיר פון שטוב, איבערלאָזנדיק אים אין גרויסן, קאַלטן און פינסטערן פאַרצימער — און ליוק איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיס, בלויז מיטן קורצן עקל אונטערגעבעט, און ער האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אין די שוואַרצע שויבן אַרײַן.

עפּעס האָט גערוישט אין אַלע ווינקעלעך. גרילן האָבן געגרילצט. מײַז זענען אַרומגעלאָפן. פון ווײַט האָבן שאָסן זיך געטראָגן, ווײַטע, אָפּ-

געהאַקטע שאָסן, וואָס ברעכן זיך אין דער נאַכט, ווי פּאַרקאַנעס וואָלטן אייגפאַלן. הינט, הינטערשטאָטישע הינט האָבן געבילט, געהאַווקעט, אַמאָל געדיכט, ווי אין אַ כאָר, באַלד שיטערער, אָפּגעהאַקט. אַז אַלע האָבן שוין אויפגעהערט בילן, האָט זיך אָנגערופן עפּעס איינער אַ ווייטער כּלב מיט אַ הייזעריק, הויל און אַלט קויל, וואָס האָט געריסן זיך קלאָגעדיק און פאַרעקשנט אין דער פינסטערער שטילקייט, און ליוקן איז פאַרגאַנגען אַזש אין האַלדז.

אים האָט געשטיקט, געקאָכט. עפּעס האָט זיך געדרייט אין גאָרגל, נאָר, נאָר, אַרויסצושרייען, אַרויסצובילן. נאָר ער האָט אים צוריק אַראָפּגעשלונגען, דעם ביל, און אים איז נאָך שווערער און איינזאַמער געוואָרן.

דאָס שיסן האָט גאָרנישט נישט אויפגעהערט.

III

ליוקן איז געווען לאַנגווייליק.

דער באַלעבאָס זיינער, דער גענעראַל, האָט אים אָנגעגעבן אין „סלוזשבע".

באַלד אין די ערשטע טעג נאָכן אריינציען זיך צו דער קאַפּיטאַניכע, האָט ער אים צוגערופן צו זיך, אָנגענומען ביי דער דינער לענגלעכער מאָרדע און געזאָגט מיט אַ הייזעריקן באַס:

— ליוק, נאַזנאַטשאַיו טעביאַ דיענשטשיקאָם! סטאַראַיס!...

און גלייך דערויף האָט ער גענומען אים מושטרירן, געלערנט „סלוזשען",

מאַרשירן, סאַלוטירן און צוגעקלאַפּט זיך מיט דעם שפּיצרוט, דעם איינציקן געווער זיינעם, איבער די ליאַקירענע שטיוול:

— אַט, ווא! ליעווא מאַרש!...

ליוק האָט זיך געסטאַרעט, ווי מען האָט אים אָנגעזאָגט. יעדער פרימאָרגן, אַז דער גענעראַל איז אַרויס איבער דער גאַס שפּאַצירן, האָט ליוק אים נאָכגעטראָגן אין פּיסק דעם שפּיצרוט און מיטגעגאַנגען עטלעכע טריט פון הינטן אָפּגערוקט, ווי אַ „דיענשטשיק״ דאַרף. איז די גענעראַלשע געגאַנגען אין מאַרק נאָך אַ קערבעלע קאַרטאָפל אָדער געטריקנטע פיש, האָט ער געטראָגן דאָס קערבעלע אין פּיסק ביז אַהיים.

דער גענעראַל איז אַזוי צופרידן געווען, אַז ער האָט אייגגיכן ליוקן געגעבן אַ העכערן טשין:

— מאַלאַדיעץ — האָט ער געזאָגט פייערלעך, ווי אַמאָל אויף מאַניעווּרעס — פּאַידיאָש איוו אונטעראָפיצערי — סטאַראַיס!...

אָבער גאָר איינגיכן האָט זיך עס ליוקן אָנגעהויבן איינעסן, און ער האָט אָפט געכאַפּט אַ שטורך אין זייט מיטן שאַרפן שפּיץ פון גענעראַלישן ליאַקירענעם שטיוול.

— ווי אַ האָרן אַ שעפּסענעם וועל איך דיך אויסדרייען — האָט דער גענעראַל געשריגן — אין „אַרעסטאַנטסקע״ וועסטו ביי מיר פאַרפוילט ווערן פאַר אַזאַ סלוזשבע!...

ער האָט זיך נישט געהאַלטן אין דער דיסציפּלין, ליוק, נישט ווי פאַר אַן אונטער־אָפיציר פּאַסט.

קודם כל האָט ער באַקומען אַ שוואַכקייט צו פייגל. יעדן פרימאָרגן, ווען דער גענעראַל איז מיט אים אַראָפּגעגאַנגען שפּאַצירן, האָט ער אויפן וועג אָנגעטראָפן גאַנצע טשאַטעס פייגל און טויבן, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום די פאַרלאָזענע דראַגאָנישע פערד-

שטאַלן – און ליוק האָט אַזוי אָנגעהויבן שפּרינגען, לאָקערן און ציען זיך מיטן פּיסק צו אַ פויגלשן עקל, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם גענעראַלס שפּיצרוט פון די ציין אַרויס.

דער גענעראַל האָט אים דערפאַר געשטעלט „אונטערן ביקס". ער האָט אים געלאָזט שטיין בלויז אויף די הינטערשטע פיס, און די פאָדערשטע לאַפּעס האָט ער אים אַריינגעשטעקט, אנשטאט אַ ביקס, אַ בעזעם, און געשריגן צו אים:

– ניע שיווילים! אומרי א דיערזשי!

נאָר אויף צומאָרגנס האָט ליוק פאַרגעסן און ווידער זיך געכאַפּט צו די פייגל. אַלע יאָר אין דער צייט פלעגט ער אַרויספאָרן אין די וועלדער אויף יאַגד – און דער ווילן צו פאַנגען, לאָקערן, יאָגן זיך, איז געווען ביי אים אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט נישט געקאָנט דורכלאָזן קיין פויגל. אַפילו, אַז ער האָט דורך דעם פענסטער אין שטוב דערזען פייגל פאַרבייפליען, איז ער אויסגעשפרונגען פון אָרט און אַרויפגעטאַנצט אויפן פענסטער. ער האָט אויך זיך אָנגעהויבן מיט די קראַליקעס און ים-חזירימלעך – און דערפאַר באַקומען קאַרצער:

– ליוק – וו'אַדינאטשקו – האָט דער גענעראַל געדונערט!

און גלייך דערויף האָט ער אים אָנגענומען ביי אַן אויער און איינגעזעצט אין גרויסן קאַסטן פון קוילן, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן פאַר דער טיר.

אין קאַסטן איז געווען ענג, שוואַרץ און שטיקנד, און ליוק האָט זיך געדרייט אין אים ווי אַ קנויל, ער האָט געביסן מיט די ציין און האָלץ, געוויינט –

אָפּטמאָל האָט אים דער גענעראַל באַשטראָפט מיט פאַסטן. די קאַפּיטאַניכע האָט פאַרשלאָסן פאַר אים דעם שאַרבן מיט אָפּזייעכץ, באַהאַלטן אַפילו דאָס אומריינע וואַסער פון שאָף און געטענהט צו אים:

— סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ!...

אָבער ערגער פאַר אַלץ איז פאַר ליוקן געווען דאָס זיצן גאַנצע טעג אין שטוב.

טעג האָבן זיך געשלעפּט איצט פּוסטע, לאַנגע. פון הונגעריקן צפון האָבן געצויגן מחנות, יונגען מיט לאַפּטיעס אויף די פיס, מיט וואַטענע וואונטער-הויזן אנשטאט הויזן, מיט אויסלענדישע ביקסן אויף שטריקלעך אויפגעהאָנגען און מיט רויטע אָפּגעפלאַקערטע שלייפלעך אויף די צעקודלטע שעפּסענע היט.

זיי האָבן געצויגן אָן אַ שיעור, אויפהויבנדיק גאַנצע וואָלקנס שוואַרץ-ערדיקן שטויב איבער דער הייסער דורמדיקער לופט. און אויפגעגעסן האָבן זיי אַלץ אין וועג, אָפּגעליידיקט די קאַרשן פון די צעהויקערטע ביימער, אויסגעגראָבן די געלע מעלאָנעס און אָנגעבלאָזענע אַרבוזן פון די געפלאָכטענע גערטנדלעך און אויסגעריסן די האַלב-רויע אויסגע-וואָקסענע זומער-רויזן מיט די נאָך ווייסע ווייכע קערנדלעך.

אין רוסישע קאַפּטאַנעס און אין דייטשע וויקל-שיך, אין ענגלישע קאַקה-קליידער און אין לימענע-קאָלירענע מאַנטלען מיט קאַפּישאַנען און הילצערנע קנעפּ; אין אונגאַרישע גראַנאַטענע קורטקעס מיט פוטערנע קעלנער און אין צאַריש-אָפיצערישע העלע מונדירן מיט שטריקלעך אונטערגעגאַרטלט; אויף בעלגישע לאַסט-פערד און אויף קליינע סיבירער פערדלעך; אויף דאָרפישע לאַנג-עקיקע קליאַטשעס און מיט אַ קליין אייזעלע, וואָס ביי די עסטרייכער איז עס געווען צוגעשפּאַנט צו אַ פויק און איצט רייט דערויף אַ נעגער אַ קלאָון, וואָס טראָגט נאָך אַ פאַרשטויבטן פראַק מיט ברודיקע שטייפע וועש און שלעפּט די אַראָפּהענגנדיקע ליאַקירענע שיך האַרט ביי דער ערד— האָבן זיי אָנגעפילט אַלע וועגן און שליאַכן, גאַסן און מערק, טראָגענ-

דיק אויף פיר באַגנעטן אַ רויטע פאָן מיט גאָלדענע ווערטער: „שלום די כאַטעס, קריג די פּאַלאַצן" —

און אין דעם הינטערשטאָטישן איינשטאָקיקן הויז, וואו תמיד שמעקט מיט גרינעם זייף, שימל און קרויט, האָבן זיך איצט ווינציק די טירן געעפנט, זעלטן אַז עמיצער איז אַרויס פון שטוב.

די גענעראַלשע איז געזעסן ביים טיש און נישט אויפגעהערט אויס־לייגן פּאַסיאַנס; דער גענעראַל איז געזעסן דערנעבן, געהאָפטן מאָנאָ־גראַמען אין באַטיסטענע נאָז־טיכלעך און מושטירט ליוקן:

— פּראַוואָ! ליעוואָ! קרו־גאָאָם מאַרש!..

און ליוק האָט זיך שיער נישט געעקט פון לאַנגווייליגקייט, אונטער־הונגערן און בענקשאַפט.

ער האָט געבענקט נאָך דער גאַס,

פון צייט צו צייט האָט מען געמוזט עפענען די טירן און אַרויס אין גאַס, אויפן באַזאַר.

נאָך עטלעכע טעג זיצן כסדר אין שטוב, האָבן זיך אַלע שפּייזן אויס־געלאָזט. די פּיראָגן, וואָס די קאַפּיטאַנעכע האָט דערלאַנגט צום טיש, זענען געוואָרן אַלץ מאָגערער און קלענער און די טעלער מיט די קאַווקאַזער בלומען אַלץ ברייטער און גרעסער. און אַז ס'איז שוין גאָרנישט נישט מער געבליבן אין שטוב, האָט זיך די קאַפּיטאַניכע אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, זי האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין די היפטן, געשנייצט די רויטע נאָז אין אַן עק פאַרטוך און גערעדט צום אַ סאָלדאַטסקער שטים:

— וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! — אַ דאַלשע, אַ?...

דעמאָלט פלעגט דער גענעראַל צוגיין צום ניסנהאָלצערנעם קעסטעלע זיינעם. אין ניסנהאָלצערנעם קעסטעלע, וואו עס זיינען געלעגן אַ פּאָר עפּאָלעטן, עטלעכע גאָלדענע מטבעות, אַ קליינער קינזשאַל און אַלטע

שטייפע פּאַפּירן, האָבן זיך אויך פאַרוואַלגערט עטלעכע אַטלאַס־געבעטע שאַכטעלעך מיט גלאַנציקע בריליאַנטלעך — און יעדער מאָל, וואָס די קאַפּיטאַניכע האָט זיך אַוועקגעשטעלט שנייצן די רויטע נאָז אין עק פּאַרטוך אַריין, האָט דער גענעראַל אַרויסגענומען אַזאַ אַטלעס־געבעט שאַכטעלע, ער האָט ליוקן געגעבן דעם שפּיצרוט אין פּיסק און אַרויס אויפן באַזאַר.

געשטאַנען איז מען אויפן באַזאַר לאַנג. פויערים מיט פויערטעס זיינען פאַרביי־געגאַנגען, געטאַפּט מיט האַרטע פינגער אין אַטלעסענעם שאַכ־טעלע און געפרעגט סתם אין דער וועלט אַריין:

— שאָ צע טאַקע? — האָ?

גראָבע מאַרקהענדלעריגס, גויעס מיט געוויקלטע פּאַפּיראָסן אין די ליפּן, האָבן זיך געדרייט, געוואָרפן גלוסטיגע אויגן אויפן צירונג און געחנפנט שטיל, ווי אין די אַלטע צייטן.

— נו דינגט זיך נישט, וואַשע בלאַהאָראָדיע, — האָבן זיי געזאָגט, — עס פּאַסט נישט, פּאַרין!...

דער גענעראַל האָט נישט געענטפערט און שעהן אַזוי געשטאַנען מיטן געעפנטן קעסטעלע אומבאַוועגלעך אויף זיין פּלאַץ, ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. ער האָט פון צייט צו צייט געמונטערט ליוקן:

— ליוק, סמירנאָ!...

נאָר ליוק איז שוין גאָרנישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט.

אויפן באַזאַר איז געווען לעבעדיק. הינקענדיקע קריגס־אינוואַלידן האָבן אַרומגעשפּרונגען אויף זייערע קיליעס און געשפּילט אויף האַרמאָשקעס. בלינדע יונגען אין שינעלן האָבן געשפּילט אויף פידלען; סאָלדאַטן האָבן געפייפט, געטאַנצט, געהאַנדלט; גויעס מיט בלעכענע איימערלעך זיינען געזעסן אין מיט גאַס, געפרעגלט, געקאָכט, געגאָסן אין טעלערס און אין קעסעלעך, גענומען געלד און געשריגן:

— גיכער עסט אויף, מען דאַרף די שיסלען, — סקאַרעי.

און אין מיטן איז געשטאַנען אַ באַוועגלעכער קינא. אַ רונדע פור אויף צוויי רעדלעך, מיט אַ ברודיקן טעפּיך פאַרדעקט. דאָרטן, אונטער דעם טעפּיך, האָבן זיך געשלאָגן ענגלישע מאַטראָסן, נעגערס האָבן געטאַנצט און באַקעטע מיידלעך האָבן געוויזן קונצן — און אַלע ווײַלע האָט אַן אַנדערער פאַרשטעקט אַ קאָפּ אונטערן ברודיקן טעפּיך אַרונטער און אויסגעשטעקט אַ הינטן דער וועלט.

קיין פּנימער האָט מען נישט געזעהן, בלויז הינטערס: דאַרע וואַטענע הויזן און רויטע קליידלעך, אוקראַינישע אויסגעפּילטע שאַראַוואַרן און געפּרעסטע לעדער-געדעקטע רייטוזן; און דערנעבן איז געשטאַנען אַ פּאַ־פּאַלק, ער מיט אַ קויל-שוואַרצער באָרד און מיט אַ נאַהייקע אין האַנט און זי מיט לאַנגע דינע שוואַרצע צעפּ און מיט מטבעות אין די האָר — געמיינט האָבן גוים, אַז זיי זיינען ציגיינערס און מ׳האָט זיך געלאָזט ביי זיי לייגן קאָרטן און טרעפן.

זי, די ציגיינערן מיט די לאַנגע צעפּ, האָט נישט אויפגעהערט שרייען מיט אַ האַלדזיקן רוסיש:

— פּאָ פּיאַט רררובלעי — טאָוואַרישטשי! — נאָר יעדער מאָל, ווען דער מאַן אירער מיט דער שוואַרצער באָרד האָט אויפסנייי אַ טשעפּע געטאָן מיט אַ שיקסישן אַרויסגעשטאַרטן הינטער, האָט זיך די ציגיינערן צעלאָזט מיטן אַדעסער לשון:

— גרישקע ממזר! זאָלן דיר די הענט ווערן געליימט! — גרישקע!...

אַרום האָבן זיך געדרייט הינט; הפקרדיקע, ברודיקע און צוקודלעטע הינט. צווישן גאַנצן געדיכטעניש האָבן זיי זיך געפירט זייער פריי הינטיש לעבן, זיך באַלעקט באַשמעקט, פאַרהויבן אַ פיסל ביי אַ לאַמטערן, ביי אַ מולטער ברויט, געכאַפּט אַ קישקע אָדער גאָר אַ געוויכט אין קאָפּ. און ליוק איז נישט איינגעשטאַנען אויף קיין אָרט, ער האָט

פֿאַרגעסן אין זיין דינסט, אין הויכן ראַנג, און אַ שמעק געטאָן צו אַ קאָלטענעוואַטן הינטישן הינטער, אַ לעק געגעבן ביי אַן אָפּגעפּליקטן הינטישן אויער.

ער איז שוין איצט גאָרנישט געווען קיין מיוחס, ליוק, ער האָט געגעסן אַלץ: פֿאַרשימלט ברויט, שאָלן פֿון קאַרטאָפֿל און אָפּטמאָל האָט ער אויך געקאָנט אָפּזיצן שעהן לאַנג אָן אַן אָטעם, לאָקערן נאָך אַ מייזל און עס פֿאַרצוקן אין איין אויגנבליק. אַפֿילו דער הויפּישער דאַרער מיסטקאַסטן, אין וועלכן מ'האָט איצט ווינציק מיסט געוואָרפֿן, האָט אים, ליוקן, גערייצט דורכן פֿענסטער און געצויגן צו זיך. אַרום מיסטקאַסטן האָבן זיך געזאַמלט הינט, קעץ און פֿאַרעקשנט געגריבלט, און ליוק האָט געפֿילט אַ שטאַרקן חשק, אַראָפּצולאָזן זיך אַזוי, פֿאַנאַנדערטרייבן די הינט מיט די קעץ, איינבייסן זיך אין זיי מיט די ציין, און אַ שמאָרע טאָן מיט דער נאָז אין פֿאַרעדיקן קויט אַריין.

דער גענעראַל האָט אים געשטויסן מיטן פֿוס, געהאַלטן גאַנצע שעהן אונטערן ביקס, פֿאַרשלאָסן אין קאַרצער אויף גאַנצע טעג, נאָר ליוק איז געבליבן ביי זיינס. ער האָט אָנגעהויבן אַפֿילו גריזשען קוילן און קאַלך.

IV

ליוק האָט מער נישט געוואָלט פֿאָלגן די קאָמאַנדע. ער האָט זיך געריסן צו אַ צויג.

דער גענעראַל האָט אים איצט געהאַלטן נאָך מער פֿאַרשלאָסן.

זינד ליוק איז געווען ביי אים, ביים גענעראַל, האָט ער אים קיין

איין מאָל נישט געלאָזט זיך צונויפקומען מיט אַן אומבאַקאַנטער צויג. אין דער גאַנגער שטאָט איז נישט געווען נאָך אַזאַ ריין ראַסאָווע וואָלף־צויג, ווי ליוק. געווען איז נאָר איינע אַזאַ צויג אין קרים, בײַ אַן אַלטן אדמיראַל — און יעדער יאָר, אַז ס'איז געקומען די צײַט, האָט דער גענעראַל אויסגעקליבן דעם שטאַרקסטן אונטעראָפיציר, אַוועקגעשיקט אים מיט ליוקן אויף עטלעכע הונדערט ווערסט צום אדמיראַל און אָנגעזאָגט אים מיטן האַרבן וואָרט:

— געדענק זשע, ער זאָל זיך דיר נישט אַרויסדרייען פון די הענט און פאַרטשעפּען זיך מיט אַ צויג אויפן וועג! — סטאַראַיס!

און דערנאָך דעם אונטעראָפיציר געגעבן אַ העכערן ראַנג.

איצט האָט מען אין וועג נישט געקענט פאָרן. אַפילו אַרומגיין אין גאַס האָט נישט געטויגט — און ליוק איז נישט אײַנגעזעסן אויף קיין אָרט. ער איז קיין רגע נישט אָפּגעטרעטן פון פענסטער.

אַקעגנאיבער דעם פענסטער אין הויף איז געשטאַנען אַ בודקע, אַ נידעריקע קליינע בודקע, אין וועלכער עס האָט געוואוינט אַ שלייפער. אַ גאַנצן טאָג איז דער שלייפער נישט געווען אין דער היים. ער האָט אַרומגעטראָגן איבער די גאַסן זײַן רעדל מיטן שלייפשטיין. אויפן הויף איז בלויז געבליבן זײַן בודקע מיט אַ פאַרשלאָסן טירל און פאַרן טירל אַ קאַלטענעוואַטע צויג, וואָס איז תמיד געזעסן פאַר דער שוועל. — און ליוק איז גאָרנישט נישט אָפּגעטרעטן פון פענסטער.

זי איז שוין גאָרנישט געווען קיין יונגע, דידאָזיקע צויג. אַ גרויע, אַ האָריקע, איז זי געווען אַזוי ברודיק און פאַרקאַלטענעוועט, אַז זי איז ענלעך געווען צו אַ פּאַק צוריבענער אַלטער וואַטע. אַז זי איז געגאַנגען, האָבן אַלע קאָלטענעס אויף איר זיך געהוידעט, געטאַנצט און געציטערט. פון הינטן בײַם עק זענען די קאָלטענעס געווען אַזעלכע האַרטע, דאַרע און ברודיקע, אַז זיי האָבן בײַ דער מינדסטער באַווע־

גונג געקלאַפּט אויפֿן קול ווי העלצלעך. — אַז ליוק האָט זי דערזען דעם ערשטן מאָל, האָט ער זיך געלאָזט צו איר מיט שטשירענדיקע ציין, נאָר אַלע קאַלטענעס אויסצופּליקן. נאָר איצט איז זי אים שטאַרק ליב געווען און ער האָט כּסדר געגראַבּלט ביי דער טיר.

— כררר — האָט ער געברומט צו איר דורכן פענסטער — כררר!...

דער גענעראַל האָט איצט געהאַלטן ליוקן נאָך שטרענגער און אים איינגאַנצן אויף דער לופט נישט אַרויסגעלאָזט.

אַ געפערלעכע צייט איז איצט געווען פאַר הינט.

איבער די מערק, איבער די גאַסן, זענען איצט אַרומגעלאָפן הינט, הפקרדיקע, פאַרלאָזענע, אַרויסגעוואָרפענע, נישט האָבנדיק איבער זיך קיין באַלעבאָס, וואָס זאָל זיי שפּייזן, נישט האָבנדיק איבער זיך קיין הונט-שלעגער, וואָס זאָל זיי אויפכאַפּן אין זיין שטייג.

אויסגעהונגערטע; נישט-געוואַשענע; אויסגעווייקט פון רעגנס און שטורעמען; אויסגעשמירט פון די ליידיקע מיסטקאַסטנס, וועלכע זיי האָבן דורכגעגראַבלט ביזן גרונט און קיין שום אָפּפאַל פון די מענטשן נישט געפונען; מיט אויסגעקראַצטע פעלן און ווידלען, באַשלאָגן פון הונגער און שמוץ — מיט קרעץ און פּלאָג, האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט אומעטום, געריבן זיך ביי די ווענט, געזעצט זיך אויף די שטיגן פון די הייזער, פאַר די טירן פון די שטובן, געהיטן ביי אַלע מאַגאַזינען, סקלאַדעס, געיאָגט זיך נאָך קעץ, נאָך מייז; געלאָקערט נאָך אַ באַלעבאָסטע, וואָס טראָגט אַהיים אַ קוישל פון מאַרק; נאָך אַ קינד, וואָס האַלט אַ דאַר שטיקל ברויט אין הענטל; און אַזוי געטשעפּעט זיך צו יעדן, אַז מיט קיין זאַך איז אוממעגלעך געווען זיי אָפּצוטרייבן. — קיין שום קלעפּ און שטיינער האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון אָרט.

וואָס מער מען האָט זיי געטריבן, געיאָגט, אַלץ מער זענען זיי געווען,

אַלץ מער האָבן זיי זיך געמערט, פאַרשפּרייטנדיק זייערע קרעציקע און פּלאָגנדע הינטישע דורות.

גאַנצע טשאַטעס זענען זיי נאָכגעלאָפן נאָך די צויגן, וואָס זענען פּונקט געווען אַזוי עלנד און קרעציק, באַלעקט זיך, באַשמעקט זיך, געשטעלט זיך אונטער ווענט, אונטער לאַמטערנעס, געביסן זיך, געשלאָגן זיך, איינגעפרעסן זיך איינס דאָס אַנדערע אין די געפּלאָגטע פעלן אריין און געפּאָרט זיך.

נאָך זיי זענען נאָכגעלאָפן ייִנגלעך, הונגעריקע, שמוציקע, פּאַרלאָזענע, געפּלאָגטע, ענלעך צו די הינט, און געשלאָגן זיי מיט שטעקנס, מיט שטיינער — און דער גענעראַל האָט נישט אַרויסגעלאָזט ליוקן אויף דער גאַס אַפילו אויף קיין מינוט.

ער האָט געפּרואווט מיט אים מיט גוטן:

— ליוק, מ׳קען נישט, מ׳טאָר נישט!

די גענעראַלשע האָט אים געצערטלט, געגלעט:

— ליוק, קינד מיינס, לייד, ווי מיר אַלע!...

די קאַפּיטאַניכע האָט אים געטרייסט:

— וואַרט, הינטעלע נאַרישס, מען וועט נאָך צוריק פאָרן קיין קרים צום אדמיראַל!...

נאָר ליוק האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן און געדראַפּעט אין פענסטער.

אויף די קאַלטענעוואַטע צויג איז נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט און אַרויפגעבילט צו ליוקן. גאַנצע טעג האָבן זיך געדרייט אַרום איר סטאַדעס הינט. דער שווייצאַר פון הויף האָט זיי געטריבן מיטן בעזעם, מיט שטיינער, מיטן היי-גאָפּל, נאָר זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אַפּטרייבן. אָבער די קאַלטענעוואַטע צויג האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו

זיך און אַרויסגעדרייט זיך פון אַלע. זי האָט נאָר געבליקט צו אים, ליוקן, און געבילט, געבילט מיט אַ הייזעריק אָפּגעהאַקט בילן.
זעענדיק, אַז מיט גוטן גייט נישט, האָט דער גענעראַל גענומען מיט שלעכטן:
— ליוק — האָט ער געשריגן אָפיציעל — אויף אַ גאַנצן מעת-לעת אין קאַרצער!
ער האָט אים געפּסקנט שמיץ, נישט געגעבן אַפילו דאָס ביסל אָפּ-זייעכץ, נאָר קיין שום זאַך האָט נישט געפועלט. ליוק איז אַלץ נישט אָפּגעטרעטן פון פענסטער.
און מ׳האָט באַשלאָסן אים צו קאַסטרירן.
דעם געדאַנק האָט געגעבן די קאַפּיטאַניכע:
— וואָשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ — האָט די אַלטע געזאָגט — נאָר „דאָס״ מוז מען טאָן. וואָסקאַ רימער וועט עס מאַכן איינס און צוויי... ער איז אַ מייסטער!..
און נאָך פאַרנאַכט איז זי אַוועק אין אַ זייטיק געסל און געבראַכט מיט זיך אַ קורצן געפּאַקטן ייִגעץ מיט קרימלעך רונדע פּיס, ווי ביי אַ רייטער.
דער ייִנג האָט אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן רומעניש קאַפעליוש פון העלן קאָפּ האָר, ער האָט אַרויסגענומען אַ שאַרף מעסער מיט צוויי קלינגען און געשליפט אין די כאָליעוועס פון זיינע הויכע שטיוול.
— נו וואָס, וועסט עס מאַכן, מאַלאַדיעץ? — האָט דער גענעראַל געפרעגט.
— פאַרוואָס נישט מאַכן? — האָט דער יונג געענטפערט — מיט הונ-דערטער אָגערס זיך אָפּגעאַרטיגט, וועל איך זיך מיט אַ הונט נישט אָפּפּאַרטיקן...
בעגאַנגען איז עס תחלת אַלץ ווי מען דאַרף. דער גענעראַל האָט

אריינגעוואָרט ליוקן דעם קאָפּ אין לעדערנעם צײַמל און פאַרבינדן פּעטס. דער שײַגעץ מיט די קרימלעך־רונדע רײַטער-פּיס האָט געמאַכט פון שטריקלעך אַ שלייף, ווי די הונט-שלעגערס טוען עס, און געלאָ-קערט פון אַלע זײַטן, אים אַרײַנצוציען אין נעץ. די גענעראַלשע מיט דער קאַפּיטאַניכע זענען געשטאַנען צופּלאָמטע, רויטע, אויפגערעגטע און געקוקט מיט אויגן פול מיט אינטערעס און רחמנות צוזאַמען. אַלץ איז געגאַנגען גוט. דער גענעראַל האָט געגעבן באַפעלן ווי אַמאָל אויף מאַניעווערס:

— פלינקער! מאָלאָדיעץ, נאָ!...

די ווײַבער האָבן געשמאָרעט מיט די נעזער, געקלאָגט:

— האַספּאָדי, באָזשע!...

דער הונט האָט געשריגן, דער יונג האָט געצויגן בײַ די שטריק, אַרויפגעזעצט זיך דעם הונט אויפן קאָפּ, ער זאָל נישט קאָנען שרײַען און אַ בליק געטאָן מיטן מעסער –, נאָר אין דעם אויגנבליק האָט זיך ליוק אַ ריס געטאָן אַזוי שטאַרק, אַז די שטריקלעך מיט דער צוים האָבן געפּלאַצט. איבערקײַקלענדיק זיך עטלעכע מאָל, ווי אַ קנויל, מיטן שײַגעץ, שטיקנדיק זיך איינס דאָס אַנדערע, האָט ליוק אַ פלינקן דריי זיך געטאָן, אײַנגעביסן דעם גענעראַל אין דער האַנט, און מיטן גאַנצן אימפּעט, שרעק, אויפרעגונג און באַפרײַאונג אויסגעזעצט אַ שויב, אַרויס אין הויף, און וואַרפנדיק זיך אויף אַלע הינט, איז ער צו צו דער קאַלטענוואַסער צוויג און איבערגעדעקט זי מיט זײַן שײַנער האָריקער פעל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גאַנצע נאַכט האָט ליוק אַרומגעדרייט זיך אַרום הויף, געשמעקט צו די ווענט, צו די טרעפּ, צו די געשלאָסענע טירן, צו זיך אַליין און גע-בילט אין דער נאַכט אַרײַן.

פאַרטאָג האָט ער זיך געלאָזט איבער די גאַסן.
צום ערשט האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די הינטער שטאָטישע גאַסן. ער האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ צו אַן אָפענער טיר פון אַ וועשן און געכאַפּט אַ שטיוול אין קאָפּ; ער האָט זיך געיאָגט נאָך פײגל; אונטער־געכאַפּט זיך אונטער אַ קויש מיט קישקעס, וואָס אַ געבויגענער טרעגער האָט געטראָגן, און אַרויסגעכאַפּט אַ שטיק. ער איז אויך נאָכגעלאָפן נאָך אַ סאַניטאַרן וואָגן, וואָס איז פאַרבײַגעפאָרן מיט פאַרוואונדעטע אַרמײער און ער האָט געשמעקט צום ריח פון וואונד און בלוט. — שפּעטער איז ער אַרײַן אין די פּראָספּעקטן און בולוואַרן און ער האָט אָנגעהויבן ניוכן מיט דער נאָז.
אים איז שווער געווען באַלד דערקענען די גאַסן.
די מאַגאַזינען זענען געשטאַנען געשלאָסן, מיט די קאַרבירטע שליוזן אַראָפּגעלאָזט ביז דער ערד. מענטשן זענען ווינציק געגאַנגען. די טויערן זענען געווען געעפנט אין דער העלפט, אויף קייטלעך פאַר־טשעפעט, און אַפילו פערד און וועגן זענען ווינציג געפאָרן. בלויז אויטאָמאָבילן זענען דורכגעלאָפן פון צייט צו צייט, בליצנדיק מיט די רויטע שטערנס אויף די זייטן און אָנפילענדיק די גאַס מיט בעזין און רויך.
דער האַרבער ריח פון בענזין האָט גאָר פאַרווישט איז יעדן שפור און ליוק האָט נישט אַוועקגענומען די נאָז פון דער ערד.
ער איז געלאָפן גיך, אונטערטאַנצנדיק, געשפיצט מיט די אויערן, גע־פאָכעט מיט די נאָז־לעכער און זיך, — געדרייט זיך אין אומאויפהערלעכע זיגזאַגן.
נאָר אָט האָט ער זיך אַרויסגעדרייט צום פּראָספּעקט, צום באַקאַנטן פּראָ־ספּעקט, איבער וועלכן ער איז אַזוי לאַנג געגאַנגען שפּאַצירן און שיינעלעך האָבן אים אָפּגעטראָטן דעם וועג — און ער איז זיך צעלאָפן

מיט אַזאַ ווילדער גיכקייט, אַז ער איז געשפרונגען איבער אַלץ, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, — און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ הויז אין סאַמע סוף גאַס.

ער האָט דאָס דערקענט, דאָס הויז, כאָטש ער האָט דאָס שוין נישט געזען אַ צייט, זינד ער איז אויפגעוואַקסן אויפן פּאַיעטאָן און געהעצקעט זיך איבער שלעכט-געפּלאַסטערטע גאַסן. — עס איז געווען, דאָס הויז, דאָס זעלבע וואָס פריער. בלויז דער באַלקאָן, וואָס איז געווען באַצירט מיט בלומען און ווילדע וויינטרויבן און פאַרפּוצט מיט גלעזערנע פאַרביקע באַלאָנען, איז איצט געווען הויל-נאַקעט און נאָר אַ רויטע פאָן האָט געפלאַטערט אין פרימאָרגנדיקן ווינטל.

ליוק איז אַרויף אויף די צוויי שטאָק מאַרמאָרנע טרעפּ מיט אַזאַ גיכקייט, ווי ער וואָלט פליען, און אָנגעהויבן דראַפּען מיט די נעגל אין אַ געשניצטער טיר, וואָס איז אינגאַנצן געווען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּירן און פּאַפּירלעך און געשמעקט מיט פּאַפּ.

עפנט האָט אַן אַרמייער, אַ יונג מיט אונטערגעהויבענע אונטערהויזן און מיט אַ היטל אויפן קאָפּ. ער האָט באַטראַכט ליוקן מיט אַ פּאָר פֿאַרזשמורעטע פאַרשלאָפענע אויגן, געברומט בייז:

— טשאַ-וואַ!-אַ!

און גלייך פאַרהאַקט די טיר.-נאָר ליוק איז שוין געווען אין קאָרידאָר, אין גרויסן ברייטן קאָרידאָר, וואו ער פלעגט אָפט ליגן אויסגעלייגט אויף דער טיגרישער פעל — און ער האָט אָנגעהויבן דרייען זיך אַזוי גיך אין אַ קאַראַהאָד, אַזוי בילן, שרייען און סאַפּען, אַז פון אַלע זייטן האָבן זיך טירן געעפנט און האַלב-נאַקעטע אַ מייער זענען אַריין אין קאָרידאָר.

די יונגען זענען געווען צעטומלט. רייבנדיק די אויגן און אונטער-

האַלטנדיק די אונטערהויזן, האָבן זיי געקוקט מיט טעמפּע אויגן אויפן ריזיקן ט͏אַנצנדיקן וואָלף און געברומט:

– דיאַוואָל! – שטאָל!

נאָר דאָ איז אַרויסגעקומען אַ יונג מיט אַ פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ און זיך צעבייזערט:

– קאַקאָי דיאַוואָל? – ביעאַוזשעלי ניע זנאַיעטע, שטאָ באָלשע טיעפּיער דיאַוואָלאָוו ניעט, אַ?

האָבן זיך די יונגען אויסגעטשוכעט און אָנגעהויבן שמייכלען.

– אָט הינטישע חוצפה! – האָט איינער געזאָגט.

– און אַ גרויסער אַזאַ – האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

– און אַ שיינער אַזאַ! – אינגאַנצן ווי אַ וואָלף!

– און אַ פריילעכער אַזאַ! – זעט, ווי ער טאַנצט!...

פון אַלע טאָרבעס האָבן די יונגען געשלעפּט ברויט, דאַרע שטיקער ברויט און געוואָרפן:

– נאַ קראַסאַוויצאַ – נעם!

ליוק האָט געשלונגען, נישט צעקייענדיק אַפילו, און די יונגען זענען געווען גליקלעך!

– מאָלאָדיצאַ – האָבן זיי אים געלויבט און אַריבערגעשריגן צום יונג אין דער פּאַפּאַכע, צו דעם, וואָס האָט נישט פון טייוואָלאָנים:

– טאָוואַרישטש „רוקאָוואָד“! – ער וועט דאַרפן אַ פּאַיאָק! – ניע־פּרימיענגאָ!

איצט איז נאָר געגאַנגען וועגן איין זאַך: וואָסער נאָמען אים געבן. און די יונגען האָבן זיך שיער נישט צעשלאָגן. – יעדער האָט געוואָלט אים אַ נאָמען געבן נאָר נאָך זיין ערגסטן געוועזענעם ראָטנעם, און נעמען זענען געפאַלן ווי האָגל:

– קאַזשוכין!

— ניין, באָסאָנאָגאָוו!

— בעסער טאַובע! גענעראַל פאָן טאובע!

— שטילער, חברים! — האָט זיך דער יונג אין דער פאַפאַכע, דער „רוקאָוואָד“ אַריינגעמישט — איך לייג פאָר „ניקאלאשקא“! — ווער איז פאַר, זאָל הייבן אַ האַנט!

— ניקאָלאַשקאַ! ניקאָלאַשקא! האָבן אַלע ענטציקט נאָכגעשריגן און, צוהאַלטנדיק זיך מיט די לינקע הענט די אונטערהויזן, געהויבן די רעכטע אין דער הויך.

דער יונג מיט דער פאפאכע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מאַסיוון צעשניטענעם שרייבטיש, אָנגעשריבן מיט אַ געדרייטן קאַליגראַפישן כתב אַ בריוו צום קאָמיסאַר פאַר שפייז און שטייענדיקערהייד אים איבערגעלייענט אויפן קול, וואָרט ביי וואָרט, ווי מען האַקט האָלץ:

ק׳ טאָווקאָמסנאַבגארגארניזו!

וואַנקא ליבינקער! — איוו ווידו טאָווא, וואָס אונזער אָפטיילונג פון שטאָט-גאַרניזאָן פון צפון-באַן-ראַיאָן האָט איינשטימיק באַשלאָסן איינ- צוקוואַרטירן ביי זיך דעם אומבאַקאַנטן הונט „ניקאלאשקא“, בעט איך דיך, זיי אַ מאָלאָדיעץ, און באַשטים מיר נאָך איין פולן אַרמייאישן פאַיאָק, אין דער פאָרם פון צוגאָב צו דער אַלגעמיינער צאָל...

די יונגען האָבן נישט אינגאַנצן צעקייט די שווערע רייד, נאָר זיי האָבן צופרידן מסכים געווען:

— לאַדנאָ — האָבן זיי געזאָגט — כאָראָש!...

באמערקטע גרייזן

זייט	שורה		גערדרוקט	דארף זיין
71	11	פון אויבן	געציכט	גערדיכט
73	2	" "	רעבגאמא	"רעביאטא"
74	13	" "	אָנגעפאָרפענע	אָנגעוואָרפענע
86	4	פון אונטן	ארויסגעשטעלט	ארויפגעשטעלט
101		(פאָרבלעטל)	אויף דער פרעמד	אויף פרעמדער ערד
123	8	פון אונטן	געקקיילט	געקייקלט

ליפע גרין
Lipe Green
Library Toronto
פריוואטע ביבליאטעק